STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01854

DI HOYPT SHTREMUNGEN IN DER LITERATUR FUN NAYNTSENTEN YORHUNDERT

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געאָרג בראַנדעס

די הויפּט שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון נײַנצענטען יאָרהונדערט

באַנד 5

די רעאַקציע אין פראַנקרייך

איבערזעצט פון

ב. ריווקין

מאקס נ. מייזעל
אידישער פארלאג פאר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק,
1921

Copyright, 1921
by
Max N. Maisel

אינהאַלט:

8. מאַדאַם קרידענער 7

די עפּאָכע פון רעליגיעזער רעסטאַווראַציע געפינט איהר אויס־דרוק אין מאַדאַם קרידענער. — האָט חתונה צו 18 יאָהר מיט אַן עלטערען רוסישען דיפּלאָמאַט. — נאָכ'ן געבורט פון איהר זוהן וואַרפט זי זיך אַריין אין אַ צעלאָזענעם לעביוז. — ווערט אַ ראָמאַניסטען נאָך איהר מאַן'ס טויט. — באַשטעלט פּאָעטען צו זינגען איהר לויב־געזאַנגען. — פאָהרט אַרום איבער די פּאַריזער מאָדע־מאַגאַזינען צו רעקלאַמירען איהר ראָמאַן „וואַלעריע". — איהר פּלוצליכע באַקערונג צום קריסטענטום. — איהר חבר'ן זיך מיט מכשפים. — ווערט אַליין אַ נביא'טע. — אונטער איהר איינפלוס גרינדעט אַלעקסאַנדער דער ערשטער דעם „היילינען אַליאַנץ". — וויל אָנווענדען קריסטענטום אין דער פּראַקטיק. — דער סוף פון איהר גדולה.

9. לירישע פּאָעזיע: לאַמאַרטין און הוגאָ 49

די עפּאָכע פון איבערזעטיגונג און מידקייט. — לאַמאַרטין'ס יוגענד־יאָהרען. — די השפּעה פון די „פּאָעטערס פון גלויבען" אויף זיין ערציהונג. — ערקלערט זיך אַלס תלמיד פון שאַטאָ־בריאַן און באָנאַלד. — גרינדעט דעם „פּאַרטיידיגער" צו באַ־קעמפען קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג. — ווערט אַריינגענומען אין דער אַקאַדעמיע פון אומשטערבליכע. — די סאַלאָנען. — מוסטערען פון לאַמאַרטין'ס ליריק. — הוגאָ'ס לעבען, אַ שפּיגעל פון פראַנקרייך'ס פּאָליטישע באַוועגונגען. — קריגט אַ יעהרליכע פּענסיע פון דער רעגירונג. — פאַרדאַמט די רעוואָלוציע און באַ־זינגט די קאָנטר־רעוואָלוציע. — „איך פיהל, אַז גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו לאַמאַרטין". — חוצפּה אַנטקעגען דעם גאַנצען אידעען־סיסטעם פון דער פאַרגאַנגענהייט.

10. ליבע אין דער ליטעראַטור פון רעאַקציע 81

ווי ליבע ווערט פאַרשטאַנען און געשילדערט אין דער רעאַקציע־פּעריאָדע. — דאָס יאָגען זיך נאָך איבערנאַטירליכקייט. — די הייליג־זינדיגע ליבע פון יעוודאַר און וועלעדא אין שאַטאָבריאַן'ס „מאַרטירער". — די עהנליכקייט פונ'ם העלד צום מחבר. — וועלעדאַ די שטאַרקסטע פרויען־פיגור אין דער דאַמאָלסדיגער ליטעראַטור. — „די הימלישע פּאָעמע" פון אַלפרעד דע־וויני. — די פּלאַטאָנישע ליבע פון גוסטאַוו אין מאַדאַם קרידענער'ס „וואַלעריע". — לאַמאַרטין'ס פּאָעמע „צו עלוויריע". — די רעליגיעזע פּניות און כונות פון זיין ראָמאַן „ראַפאַעל". — די נאַטור ווערט איגנאָרירט; פּשוט'ע ליבע ווערט געמאָלען מיט די שוואַרצעסטע פאַרבען.

11. די ירידה פון טעאָרעטישער אויטאָריטעט 105

די ליטעראַרישע פ א ר מ ע ווערט פון דער רעוואָלוציע ניט אָנגעריהרט. — אויפ'ן געביט פון ליטעראַטור זיינען פראַנצויזען קנאַפע רעוואָלוציאָנערען. — די רעוואָלוציע, אַ קלאַסישע פראַנצויזישע טראַגעדיע. — „פּאָעטען דאַרפען פיהרען דאָס פאָלק צ ו ר י ק". — אַ קאָלעקציע פון אָפּגעקליבענע ווערטער פאַר פּאָעזיע. — אויפפיהרונג פון „אַטעלאַ" אין פראַנצויזיש רופט אַרויס אַ מהומה. — זיינען פאַראַן כללים און געזעצען פאַר פּאָעזיע און שפּראַך? — רעליגיעזע און ליטעראַרישע טראַדיציעס קאָנען ניט לעבען בשלום.

12. די ירידה פון פראַקטישער אויטאָריטעט 122

לאַמענע'ס אינערליכער קאַמף ביז ער ווערט אַ גלח. — אַנערקענט ניט קיין שום אויטאָריטעט אין זיין אייגענעם לאַגער. — זיין ווערק „גלייכגילטיגקייט צו רעליגיע" רופט אַרויס שטורמדיגע פּאָלעמיק. — לאַמענע'ס שכל'דיגע פּרינציפּען אין קאָנטראַסט צו שלייערמאַכער'ס געפיהלס־לעהרען. — זיין פּראָגראַם פון רייגער אויסערליכקייט. — ווי די שטיצער פון פּרינציפּ פון אויטאָריטעט פיהרען מלחמה געגען זייער אייגענעם פּרינציפּ. — לאַמענע'ס טראַגישע רייזע נאָך רוים. — ווערט באַשולדיגט פונ'ם פּאַפּסט אַלס אַפּיקורס. — קומט צו דער אידעע פון פאַרהעלטניס־מעסיגקייט. — זיין באַקערונג צו דעמאָקראַטיע. — קיין צלם איז נאָך ביז היינט ניטאָ אויף זיין קבר.

13. דער טריאומף און שטורץ פון דער רעאַקציע 151

די זאַלבונג פון קאַרל דעם צעהנטען מיט'ן „הייליגען" בוימעל פון קלאָדוויקען. — פּאָהרט אין שפּיטאָל היילען שקרופעל־קראַנקע. — פּיער דע־בראַנזשע, דער איינציגער זעלבסטשטענדיגער פּאָעט פון זיין צייט. — זיין קאַמף מיט די בורבאָנען. — דער ווירקליכער באָנאַפּאַרט פאַרוואַנדעלט זיך אין אַן אידעאַלען נאַפּאָלעאָן. — דער הויך־פּונקט פון דער רעליגיעזער רעאַקציע. — מאַריאַ איז גלייכצייטיג גאָט'ס טאָכטער, גאָט'ס ווייב, גאָט'ס מוטער און טאָכטער פון איהר אייגענעם זוהן. — פּאָול לואי קוריע. — די פּויערשע פּשוט'קייט פון זיינע סאַטירישע פּאַמפלעטען. — די אינערליכע אויפלייזונג פון דער שולע פון אויטאָריטעט. — אַלפרעד דע־ווינִי'ס טאָג־בוך.

14. שלום 178

נאָך זיין מיליטערישען טריאומף ווערט שאַטאָבריאַן אויף אַ באַליידיגענדען אופן אַרונטערגעזעצט אַלס מיניסטער. — וואָס האָט ער באַצוועקט מיט דער שפּאַנישער מלחמה? — ווערט דער פיהרער פון דער אַנטי־רעגירונגס פּאַרטיי. — בייראָן'ס טויט אין גריכענלאַנד רודערט אויף די גאַנצע וועלט. — ענטוזיאַזם פאַר דער ערשטער באַפרייאונגס־מלחמה פלאַקערט אויף. — ווי אונזערע העלדען וואַרפען זיך אריין אין מלחמה מיט'ן פּרינציפּ פון אויטאָריטעט.

8.

מאַדאַם קרידענער.

די עפּאָכע פון רעליגיעזער רעסטאַווראַציע געפינט איהר אויסדרוק אין מאַדאַם קרידענערי. — האָט חתונה צו 18 יאָהר מיט אַן עלטערען רוסישען דיפּלאָמאַט. — נאָכ'ן געבורט פון איהר זוהן וואַרפט זי זיך אריין אין אַ צעלאָזענעם לעבען. — ווערט אַ ראָמאַניסטען נאָך איהר מאַן'ס טויט. — באשטעלט פּאָעטען צו זינגען איהר לויב־געזאַנגען. — פּאָהרט ארום איבער די פּאַריזער מאָדע־מאַגאַזינען צו דעקלאַמירען איהר ראָמאַן „וואַלעריע”. — איהר פּלוצליכע באקעהרונג צום קריסטענטום. — איהר חבר'ן זיך מיט מכשפים. — ווערט אליין אַ נביא'טע. — אונטער איהר איינפלוס גרינדעט אַלעקסאַנדער דער 1טער דעם „הייליגען אַליאַנץ”. — וויל אַנווענדען קריסטענטום אין דער פּראַקטיק. — דער סוף פון איהר גדולה.

צווישען די באדייטענדע פּערזענליכקייטען פון אָנהויב פון 19טען יאָהרהונדערט, באַגעגענען מיר א קלאַס, וואָס איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאר יענער עפּאָכע — דער קלאַס פון באקעהרע, פון בעלי־תשובות. ווען אַ שטארק פרומע עפּאָכע קומט נאָך אַן עפּאָכע פון אומגלויבען, מוז דער דאָזיגער קלאַס זיין זעהר צאָהלרייך. לאהארפּ'ס באקעהרונג אין פאַרלויף פון דער רעוואָלוציע גופא האָט שוין געצויגען גרויס אויפמערקזאמקייט. שאַטאָבריאַן אליין איז אויך געווען אזא באקעהרטער. מעגליך, אז באקעהרטע קענען אונז אַם בעסטען העלפען אריינצודרינגען אין דער נאַטור פון נייעם גייסט, וויל אין זיי ראנגעלט זיך דער נייער גייסט מיט דעם אלטען ביז ער באַזיעגט איהם. א חוץ דעם איז דער באקעהרטער אַלעמאָל ליידענשאַפטליך פאנאַטיש; ער איז פול מיט זיין נייעם גלויבען, פאָלגליך, איז זיין פנים באַזונדערס שאַרף און אויסדרוקספול — לכל הפחות מיהט ער זיך צו מאַכען אַזאַ פנים. דער כלל, אַז דער גייסט פון אַן עפּאָכע שפּיגעלט זיך אָפּ אין איהרע פיהרענדע כאַראַקטערען, איז טאָפּעלט ריכטיג, ווען דער פיהרענדער כאַראַקטער איז אַ באַקעהרטער, און בפרט ווען עס

האַנדעלט זיך וועגען אַ פרוי, וואָס איז באַקעהרט געוואָרען. די גע־שיכטע קען ניט אַנווייזען אויף אַ ביישפיל פון אַ פרוי, וואָס מיט איהר עמפּפענגליכער נאַטור זאָל זי האָבען געפיהרט איהר צייט צו אַ נייער אַנטוויקלונג. פרויען האָבען קיין פיהרענדע ראָלען ניט געשפּילט, אָבער דאָך טרעפט זעהר אָפט, אַז פרויען זאָלען אַרויס־געבען פון זיך טיפען, אויף וועלכע דער כאַראַקטער פון זייער צייט האָט זיך באַזונדערס בולט אָפּגעשטעמפּעלט. די פראַנצויזישע עמיגראַנטען האָבען זיך גרופּירט אַרום מאַדאַם דע־סטאַל; די פיהרער פון דייטשען ראָמאַנטיזם האָבען זיך געזאַמעלט אַרום קאַ־ראָלינע שלעגעל, און די עפּאָכע פון דער צוריק־אויפגעריכטער רע־ליגע האָט געפונען איהר פּאַטעטיש־פרומען אויסדרוק אין מאַדאַם דע קרידענער.

אין מאַדאַם דע־סטאַל'ס ראָמאַן „דעלפין" איז דאָ אַ סצענע, וואו די העלדין באַצויבערט אַ גרויסע געזעלשאַפט מיט איהר גראַ־ציעזער און לעבהאַפטיגער דורכפיהרונג פון אַ געוויסען אויסלענ־דישען טאַנץ — דער טאַנץ מיט דער שאַל. די סצענע איז באַ־גרינדעט אויף אַ ווירקליכען פאַקט. צווישען די פיעלע מעלות, מיט וועלכע די יונגע, רייצענדע באַראָנעסע קרידענער האָט זיך אויסגעצייכענט, איז אויך געווען איהר פראַכטפול טאַנצען. אין „דעלפין" לייענען מיר: „קיינמאָל האָבען נאָך גראַציע און שעהנ־קייט ניט געמאַכט אַזא שטאַרקען איינדרוק אויף אַן עולם. אָט דער אויסלענדישער טאַנץ האָט געהאַט אין זיך אַ צויבער וואָס לאָזט זיך קוים אויסדריקען מיט ווערטער. דאָס איז געווען אַן עכט־אַזיאַטישער געמיש פון זאַנפטער מידיגקייט און לעבעדיגקייט, פון מעלאַנכאָליע און פרעהליכקייט... צומאָל, ווען די מוזיק איז געוואָרען נאָך זאַנפטער, האָט זי געמאַכט אַ פּאָר שריט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און געקרייצטע אַרמס, ווי עפּעס אַן עראינערונג אָדער אַ חרטה וואָלט פּלוצלונג זיך אַריינגעריסען אין דער לוס־טיגקייט פון יום טוב; אָבער באַלד ווידער אויפנעהמענדיג איהר לייכטען, לעבעדיגען טאַנץ האָט זי זיך איינגעוויקעלט אין אַן אינדישען שאַל, וואָס אַראָפּפאַלענדיג מיט איהרע לאַנגע האָר און נאָך שאַרפער באַצייכנענדיג איהר פיגור, האָט זי דעם טאַנץ ווי פאַר־צויבערט אין אַ וואונדער־בילד".

דאס ווארט א ז י א ט י ש איז דא אהן ספק טרעפענד. אין 1803 האט זשובער געשריבען וועגען מאדאם קרידענער: „זי בלענדט. עפעס אזיאטישעס איז אין איהר — א נאטירליכקייט אין איבערטרייבונג. אזא טיעפע צערטליכקייט פון געפיהל קען גאר אנדערש ניט עקזיסטירען ווי אויף א פארבארגענעם הינטער־גרונד פון עקזאלטאציע".

זשוליע בארג (יולי בארבארא) דע פיטינגהאף איז געבא־רען געווארען אין יאהר 1764, אין ריגא, ליפלאנד. איהר דער־ציהונג איז געווען האלב פראנצויזיש, האלב דייטש. איהר פא־טער, א יחוס'דיגער, דערפאהרענער וועלט־מענש, א פילאזאף, א פריימויערער, א ליעבהאבער פון קונסט, א מעצענאט; איהר מוטער, א פארשטענדיגע, געוויסענהאפטע פרוי, האט זיך אויס־געהאדעוועט אין שטרענגען אלט־פרענקישען לוטעראניזם.ביידע האבען באלאנגט צום העכסטען קלאס פון דער אלטער דייטש־רוסישער אריסטאקראטיע פון די באלטישע פראווינצען, און זיי־נען געשטאנען אין נאהענטער פארבינדונג מיט'ן רוסישען הויף.

דער ערשטער לעהרער, וואס האט געמאכט אן איינדרוק אויף דער יונגער טאכטער און וועמעס אונטערריכט האט שטארק בא־איינפלוסט איהר צוקונפט, איז געווען דער באריהמטער פאריזער באלעט־מייסטער וועסטרים. צו אכטצעהן יאהר האט זשוליע חתונה געהאט מיט באראן קרידענער, א רוסישער דיפלאמאט, מיט זעכצעהן יאהר עלטער פון איהר, וואס איז שוין צוויי מאל געווען פארהייראט און גע'גט פון ביידע ווייבער. איהר הארץ האט דא גארנישט געהאט צו זאגען; די עלטערן האבען די פארטיע בא־טראכט פאר גלענצענד, איהר אייטעלקייט איז געווען צופריעדענ־געשטעלט און דערווידער איז ער איהר ניט געווען. עס שיינט, אז ער איז געווען א קלוגער, עהרליכער, רוהיגער, געבילדעטער און גוט־דערצויגענער מאן, און אפשר אויך מיט א פיהלענד הארץ, אבער דורך זיין נאטור און זיין פאזיציע אויף אייביג פאר'קנס'ט מיט דעם צערעמאניאלען שטאט פון דער העכערער געזעלשאפט. די גראציעס זיינען ניט געשטאנען ביי זיין וויגעלע.

באראן קרידענער האט זיין יונגע פרוי אריינגעפיהרט אין דער גלענצענדסטער געזעלשאפט פון 18טען יאהרהונדערט. צו דער

צייט פון זיין חתונה איז ער געווען דער רוסישער געזאנדטער אין קורלאנד, און גלייך נאָכ'ן האָניג־חודש האָט דאָס פּאָרל זיך באַזעצט אין מיטוי, וואו קרידענער האָט געפיהרט פאַרהאַנדלונגען וועגען איינגלידערן דאָס הערצאָגטום אין דער טעריטאָריע פון רוסלאנד און וואו זיי זיינען ביידע באַעהרט געוואָרען מיט אַ וויזיט פון קונפּטינגען צאר פּאוועל. אמאַטאָרישע פאָרשטעלונגען זיינען געווען דער יונגער ווייבעל'ס הויפּט־באַשעפטיגונג און הויפּט־אינטערעס. זי האָט געשפּיעלט טעאַטער כמעט ביז צו דער געבורט פון איהר זוהן — איהר איינציגען זוהן. אַ פּאָר וואָכען נאָכדעם איז די יונגע מוטער פאַרגעשטעלט געוואָרען פאַר קייזערין יעקאַטערינא אין פּעטערבורג. פון פּעטערבורג איז באַראָן קרידענער געשיקט געוואָרען אַלס רוסישער אַמבאַסאַדאָר קיין ווענעדיג, די לייכטזיניגסטע שטאָדט פון יענער צייט. די יונגע באַראָנעסע האָט זיך זשעדנע צוגעכאַפּט צום כוס פון פאַרגניגען.

און דאָ, אין ווענעדיג, האָט דער יונגער טאַלענטירטער טרוימער, אַלעקסאַנדער סטאַכעיעוו, איהר מאַנ'ס פּריוואַט־סעקרעטער, זיך פאַרליעבט אין איהר ביז איבער די אויערן, אָבער אַזוי גרויס איז געווען זיין רעספּעקט פאַר'ן באַראָן און זיין פאַרגעטערונג פון דער באַראָנעסע, אַז קיין זילבע האָט ער ניט געלאָזט פאַלען פון זיינע ליפּען. און אַזוי גוט האָט ער געהיט זיין סוד, אַז קרידענער האָט איהם מיטגענומען מיט זיך, ווען אין 1784 איז ער טראַנספערירט געוואָרען קיין קאָפּענהאַגען. יוליאַנא און איהר פאַרגעטערער פלעגען דאָ ארומבלאָנדזשען אין די וועלדער פון פרעדעריקסבארג און צוזאַמען באַוואונדערען די שעהנקייטען פון דער נאַטור. ענדליך האָט סטאַכעיעוו ניט אויסגעהאַלטען און זיך ערקלעהרט אין ליעבע, אָבער ער האָט עס געטאָן זעהר נאַאיוו: ער האָט זיך מודה געווען פאַר איהר מאַן. דער באַראָן איז געווען אַזוי אומפּאַרזיכטיג, אַז ער האָט דעם בריעף געוויזען צו זיין פרוי. דאָ איז איהר צום ערשטען מאָל קלאָר געוואָרען דער כאַראַקטער פון סטאַכעיעוו'ס געפיהלען צו איהר. עס איז איהר ניט איינגעפאַלען זיין ליעבע אָפּצוענטפערען, אָבער מיט איינגעבאָרענער קאָקעטעריי האָט זי דעם יונגען מאַן דערמוטיגט. די זיכערהייט, אַז עס איז אין איהר מאַכט ארויסצורופען ליידענשאַפט און באַ־

וואונדערונג, האָט איהר פאַרדרעהט דעם קאָפּ. פון דעם מאָמענט אָן איז געוואָרען דער טרוים פון איהר לעבען פאַרגעטערט צו זיין. סטאַכעיעוו האָט גענומען אָפּשייד פון זיי, אַלץ וואָס האָט געאיהרט אין יוליאַנאַ׳ס הארץ האָט זיך איצט ארויסגעריסען אויף דער אויבערפלאַך. באַהערשט פון דעם הייסען וואונש צו ליעבען און געליעבט צו ווערן, האָט זי צוערשט געפּרובט געפינען דעם איידעאַל פון איהרע טרוימען אין איהר מאַן. אָבער ער, מעהר פאָטער ווי ליעבהאָבער, האָט געזוכט אָפּצוקיהלען דעם ברען פון איהרע געפיהלען. זי ציהט זיך צוריק אין זיך, טרויערט וועגען דעם, וואָס זי ווערט „ניט פארשטאַנען״—ווי מען וואָלט זי איצט אויסגעדריקט, אָדער אויף איהר לשון — „ניט געפיהלט״. סטאַכעיעוו׳ס ליידענשאַפט האָט זי ווי אָפּגעבריהט מיט אַ פייעריגען אָטעם, וואָס האָט צעלאָזען דעם אייז פון איהרע פאַרפראָרענע געפיהלען. און איצט האָבען זי געזוכט אַן אויסוועג. קאָפּענהאַגען איז איהר פאָרגעקומען אַלס דער אומערטרעגליכסטער פון אַלע פּלעצער, וואו זי האָט אַמאָל געלעבט — מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז דאָס איז געווען מיט הונדערט יאָהר צוריק — און זי וואַרפט זיך אריין אין דעם פּוסטען הוראַגאַן פון אַריסטאָקראַטישע פאַרוויילונגען, וואָס דער׳הרג׳ענען איהר גייסט און איהר צייט און ציהען זי אריין אין דער אומזיניגסטער און לייכטזיניגסטער ליעבעס-שפּיעלעריי. זי אַמוזירט זיך, זי קאָקעטירט לינקס און רעכטס. און דער רעזולטאַט פון די אַלע בעלער, אָווענדען, טעאַטערייען און שפּילערייען איז געווען — דערשיטערטע נערוועז, אָנגעגריפענע לונגען, און די דאָקטוירים פאַרשרייבען איהר צו פאַרברייגגען דעם ווינטער פון 1789 אין דרום.

אָבער אַנשטאַט אויסצוקלייבען זיך אַ זוניגען פּלאַץ אויף די ברעגען פון מיטעללענדישען ים, איילט די דאַמע, וואָס איהר געזונד איז געווען אין גאַנצען רואינירט פון שטאָדטישען לעבען, גאָר אַוועק קיין פּאַריז. און דאָרט לעבט זי אויף. אין דעם דאָזיגען גייסטיגען צענטר אַנטדעקט זי פּלוצלונג צו איהר איבערראַשונג, ווי אונוויסענד זי איז, קריגט חשק צו ביכער, אָדער גיכער צו די שרייבער, און זי זוכט די באַקאַנטשאַפט פון די גרויסע פּאָעטען פון יענער צייט, ווערט פאַרגעשטעלט פאַר באַרטעלעמי, דעם אויטאָר

פון „יונגען אנארכאזים״ — זי האָט בייגעוואוינט די צערעמאָניע פון זיין אויפנאהמע אין דער אקאדעמיע — און פאר בערנארדען דע סען־פיער, פון וועמעס „פאול און ווירגינע״ זי האָט אַלעמאָל געכאַפּט התפּעלות. זי בוקט זיך פאר סען־פיער און דער נאַטור, זעהט צו דעם פאַל פון באסטיליען, און גלייכצייטיג לאָזט זי אַנלויפען דעם חשבון ביי דער מאָדיסטין ביז 20 טויזענד פראנק. ווען זי פאָרפאָהרט אין דרום פראנקרייך, פארליעבט זיך אין איהר א יונגער אָפיציער מאַסיע דע פרעזשוויל. דאָס מאָל איז זי שוין ניט אזוי אומערפאהרען, ווי אין קאָפּענהאגען, און זי גיט נאָך, נאָך א שטיקעל קאמף, זיין צודרינגליכקייט. ער רעדט זי איבער צו פארברייגגען נאָך א ווינטער אין פראנקרייך, טראָץ דעם פאר־שפּרעכען וואָס זי האָט געגעבען צו איהר מאַן, און קעהרט זיך אום קיין פאריז, אַנשטאָט קאָפּענהאגען, אין פריהלינג פון 1791.

נאָך לואי דעם 16טען׳ס אומגעלונגענער פליטה, איז פאריז שוין מעהר ניט קיין זיכערער פּלאַץ פאר מאַדאַם קרידענער. זי אנטלויפט פון פראנקרייך מיט מאַסיע פרעזשוויל, וועלכער פאר־קליידט זיך פאר איהר לאַקיי, פארברייגגט א פּאָר וואָכען אין בריסעל און פאָהרט איבער קאַסעל און־האנאָווער קיין האמבורג, נאָך אַלץ באַגלייט פון איהר געליעבטען, דעם פארשטעלטען לאַקיי. אין האַמ־בורג קומט איהר אנטקעגען איהר מאַן, אָבער אפילו איצט וויל זי זיך ניט שיידען פון איהר געליעבטען דיענער, און עס שפּיעלט זיך אָפּ א שטורמישע סצענע. קרידענער שלאָגט איהר פאָר צו פאָרפאָהרען אויף א ווייַלע צו איהר מוטער אין ריגא, און אויך אהין ווערט זי באַגלייט פון דעם פארקליידטען פראנצויזישען אָפיציער. די מו־טער גיט איהר א הארציגע אויפנאהמע. אין 1792 פאָהרט זי מיט דער מוטער קיין פּעטערבורג צו זעהן זיך מיט׳ן שטארבענדען פא־טער און דאָרט באגעגענט זי זיך ווידער מיט איהר מאַן, וועלכער איז געקומען אהער שאַפען געלד אויף גט־הוצאות. זי ווארפט זיך צו זיינע פיס, קריגט פארצייהונג און גיט פארשפּרעכענס, וואָס זי האַלט ניט ווידער. פאר די נעקסטע פאָר יאָהר וואנדערט זי איבער אייראָפּא, צעשיידט זיך מיט׳ן מאַן און מאַסיע פרעזשוויל און לעבט דאָס לעבען פון א צעלאָזענער לוסטיגער דאַמע פון לעצטען יאָהרצעהנדליג פון 18טען יאָהרהונדערט. אפילו אין זיינע איג־

טימסטע בריעף פון יענע יאָהרען דערמאָנט איהר מאַן קיינמאָל ניט איהר נאָמען.

לאָמיר פּרובען איהר נאָכפאָלגען זייט דעם יאָהר 1792:

נאָך אַ באַגעגעניש מיט איהר אַלטען פּארעהרער, סטאַכעיעוו'ן, אין פּעטערבורג, פאָהרט מאדאם קרידענער קיין ריגא, וואו זי פאר־בלייבט אַ קורצע צייט, דערנאָך קיין בערלין, און פון דאָרט קיין לייפּציג, וואו זי פארברייננגט כמעט דאָס גאַנצע יאָהר 1793. פון לייפּציג קעהרט זי זיך אום צוריק קיין ריגא, אָבער זי קען דאָרט ניט איינזיצען, זי קען דאָס דאָרטיגע לעבען ניט אריבערטראָגען — און ציהט זיך צוריק אויף איהר פאמיליען־גוט קאָסע. דאָרט בויט זי גרויסע פּלענער; זי וויל ווערן די וואוילטעטערין פון איהרע שקלאַפען — „ערציהען דאָס עסטאָנישע פאָלק און איהם גליקליך מאַכען". אין 1795 שטעהט זי אַ פּאָר חדשים אין ריגא און לאָזט זיך ווידער קיין בערלין. אין יאָהר 1795 לעבט זי צוערשט אין לאָנדאָן, דערנאָך אין זשענעוו מיט איהר פריינד אבאַט בעקער. פאלט אריין אין קרייז פון די פראנצויזישע עמיגראנטען, ווערט פארעהרט און פארגעטערט, פלאַטערט פון איין יום־טוב צום אנדערן, און אומעטום טאַנצט זי דעם טאַנץ מיט דער שאַל, וואָס דאָס ווערט די הויפּט־ליידענשאַפט פון דער איצט שוין רייפער פרוי. אָבער ווען יונגע מיידלאַך פּרובירען איהר נאָכטאָן און טאַנצען אויך דעם טאַנץ, פארלאָזט זי זשענעווא און פאָהרט אָפּ מיט איהר פריינד, דעם עמיגראַנט דע־וואַלען, קיין מינכען. ווען דע־וואַלען איז גע־צוואונגען אומצוקעהרען זיך קיין פראנקרייך און בעקער שטארבט, דערפיהלט מאַדאַם קרידענער פּלוצלונג אַ בייגקשאַפט נאָך איהר מאַן און שטיף־טאָכטער. זיי קומען קיין מינכען, אָבער קיין שלום מיט'ן מאַן קומט דערפון ניט ארויס, זי באַקומט נור דאָס פארגני־גען צו באַקענען זיך מיט איהר שטיפטאָכטער, וועלכע איז איצט שוין אַ דערוואַקסענע פרוי. נאָך אַ קורצער פארוויילונג אין טעפּ־ליץ, פאָהרט זי צוריק קיין מינכען, און ווידער אַמאָל קיין טעפּליץ, און פון דאָרט קיין בערלין, וואו באַראָן קרידענער האָט אין יאָהר 1800 זיך באַזעצט, אַלס רוסישער אַמבאַסאַדאָר. פאר די אַלע וואַנ־דערונגס־יאָהרען האָט זי אפשר אָפטער געביטען איהרע געליעבטע, ווי איהרע וואוינונגס־ערטער.

דעם ווינטער פון 1800—1801 האָט זי פארבראכט אין בער־לין אלס די פרוי פון רוסישען אמבאסאדאָר; אָבער איהר אומ־פינקטליכער, אימפולסיווער כאראקטער, איהר צעשרויפטקייט, האָ־בען זי ניט באזונדערס באליעבט געמאכט אין דעם אָפּנעהיטען, שטרענגען, איינגעאָרדענטען הויף פון פרידריך־ווילהעלם דעם 1טען. אָבער זי איז אויסגעגאנגען נאָך ערפּאָלג, זי האָט אנדערש ניט גע־קענט ווי גלאנצען, און יונג איז זי נישט געווען, האָט זי געזוכט צו ציהען אויפמערקזאמקייט מיט דער דרייסטקייט פון איהרע טואלע־טען. קיין שעהנהייט איז זי קיינמאָל ניט געווען, נור דער בארע־דעוודיגער אויסדרוק פון איהר געזיכט, איהר אייגענארטיגע גראציע האָבען אינטריגירט, גערייצט. איצט אָבער האָט זי אָנגעוואָרען די דיהרענדע איינפאכקייט, וואָס האָט איהר געוואונען אזוי פיעל הער־צער מיט א צעהנדליג יאָהר פריהער; איצט האָט זי געוואָלט זיין סענזאציאָנאָל — איבערראשען מיט איהר געוואגטען אָנטאָן זיך אָדער גיכער ניט־אָנטאָן זיך. איהרע פרעכטיגע אש־בלאָנדע האָר האָט זי נאָך אלץ צוגעדעקט מיט א פּארוק, נאָך דער דאמאָלסדיגער מאָדע. איהרע געזיכטס־שטריכען, איהר הויט, האָבען פארלאָרען זייער יוגענד־פרישקייט.

צו יענער צייט האָט איהר אומרוהיג הארץ, וואָס האָט נאָך גע־נארט נאָך שטארקע אויפרעגונגען, זיך געעפענט פאר רעליגיעזע איינפלוסען. אין א בריעף צו איהר אינטימסטער פריינדין שרייבט זי: „זאָל איך דיך זיך מודה זיין? איך שרייב עס אין טיעפער עניוות פון מיין הארצען. דו ווייסט דאָך, איך בין גאוה'דיג — ווי קען איך עס זיין אלס קריסטין? אָבער איך גלויב, אז גאָט'ס רצון איז געווען צו בענשען מיין מאן זייט איך האָב זיך אומגע־קעהרט צו איהם. ניטאָ אזעלכע טובות, אזעלכע חסדים, וואָס זאָלען ניט אויספּאַלען אויף זיין חלק. ווארים זאָל איך ניט גלוי־בען אז די תפלה פון א פרום הארץ, א תפלה אין אויפריכטיגקייט און צוטרויען צו גאָט, ער זאָל איהם העלפען פארמעהרען דאס גליק פון א צווייטען, וועט זיכער דערהערט ווערען?"

טאקי ווארום ניט? מיר וואָלטען גערן געגלויבט, אז דאס האָט די אנוועזענהייט פון מאדאם קרידענער באוואוינגען גאָט צו באשיטען דעם באראָן מיט אָרדענס און אויסצייכנונג. צופעליג

ווייסען מיר אָבער, אַז עס איז געווען גאָר אַן אַנדער סבה, ניט אַזאַ ראָמאַנטישע, וואָס האָט געמאַכט קייזער פּאַוועל דעם 1טען אַזוי גנעדיג צו זיין אַמבאַסאַדאָר. די פאַקטען זיינען ווי פאָלגט׃ אין מיטען פון אַן אונטערהאַלטונג, וואָס דער באַראָן האָט געגעבען אין בערלין לכבוד דער פּרייסישער קעניגליכער פאַמיליע און דער גרויספירסטין העלענא, איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע פון׳ם אַליינהערשער איבער גאַנץ רוסלאַנד, וואָס האָט באַפוילען קרידענער׳ען גלייך צו ערקלעהרען מלחמה צו פּרייסען. זייערע מאַיעסטעטען זיינען נאָך געווען אין קרידענער׳ס הויז. אָבער אַנשטאָט אָפּצוגרעבען דעם פעסט און זיך מעלדען פאַר זיינע געסט אַלס שונא, האָט דער רוסישער אַמבאַסאַדאָר רוהיג זיי געלאָזט ווייטער טאַנצען. פאַרשטעהענדיג, אַלס ווייטזיכטיגער פּאָליטיקער, וואָס פאַר אַ שרעקליכער אומגליקליכער טעות אַזאַ מלחמה וואָלט געווען פאַר רוסלאַנד, האָט ער געשטעלט אויף זיך און ניט אויסגעפאָלגט דעם קייזער׳ס באַפעהל, נור פאַרקעהרט, איהם אָנגעשריבען אַ בריעף, אין וועלכען ער האָט איהם געפּרובט אָפּרעדען פון גאַנצען פּלאַן, זייענדיג באַוואוסט ביי זיך, אַז לויט אַלע וואַהרשיינליכקייטען וועט ער באַשטראָפט ווערן דערפאַר מיט לעבענסלענגליכער פאַרשיקונג אין סיביר.

נאַטירליך, דער פרוי האָט ער קיין וואָרט ניט דערצעהלט וועגען דעם. און דאָס אומוואַהרשיינליכע האָט פּאַסירט. פּאַוועל האָט זיך געלאָזט איבעררעדען און אַנטציקט פון זיין אַמבאַסאַדאָר׳ס חכמה און קוראַזש, האָט ער איהם באַשאָטען מיט באַווייזען פון זיין וואוילגענייגטקייט צו איהם. אַלזאָ, די ערקלעהרונג איז אַ גאַנץ אַנדערע, ווי מאַדאַם קרידענער האָט עס געמיינט.

פון דעם מאָמענט אָן ווערן איהרע בריעף אַלץ פּרימער, גאַטספאַרכטיגער. רעליגיע איז פאַר איהר יעצט אַ רפואה געגען מרה־שחורה און אַ טויזענדפאַכער קוואַל פון גליק. און זי קען זיך גאָר ניט אָפּלויבען פון דעם טרייסט וואָס זי גיט.

און אין מיטען דערינען קומט אַ נייע ליעבע און אַ נייע צעשיידונג מיט׳ן מאַן. אין זומער פון 1801 געפינען מיר זי אין מעפּליץ. דערנאָך לעבט זי אַ לענגערע צייט אַלס גאַסט ביי מאַדאַם דע־סטאַל אין קאָפּעט. איצט פאַרווילט זיך איהר פלוצלונג

צו מאַכען אַ רושם אַלס שרייבערין, און גלייך אויף דער הייסער מינוט ווארפט זי אַן דריי דערצעהלונגען און דעם אָנהויב פון אַ ראָמאַן, און כדי דער ראָמאַן זאָל זיין וואָס פאָלקאָמענער, פאָהרט זי קיין פאַריז צו נעהמען עצות ביי בערנאַרדען סען־פּיער און זי באַקענט זיך מיט שאַטאָבריאַנ׳ען. שאַטאָבריאַן גיט איהר אַ קאָפּיע פון זיין „זשעניע פון קריסטענטום“, איידער נאָך ער פאַר־טיילט די ערשטע, אויטאָר׳שע עקזעמפּליאַרען צווישען זיינע פריינד, און זי איז ניט ווייניג שטאָלץ, ווען מאַדאַם דע־סטאַל געפינט דעם בוך אויף איהר טיש. אָבער זי מאַכט אַזאַ אומדעליקאַטען, פּשוט ניט אנשטענדיגען געברויך פון שאַטאָבריאַנ׳ס פאַרטרויליכקייט, אַז ער ווערט אָפּגעפרעמדט פון איהר אויף יאָהרען. עס איז שיער ניט געקומען צו אַ פאָלשטענדיגען ברוך צווישען זיי.

פלוצלונג באַקומט זי די ידיעה וועגען באַראָן קרידענער׳ס טויט. זי איז ווי מיט אַ דונער געטראָפען. זי פאַרשליסט זיך אין איהר הויז אין פאַריז, פול קומער און חרטה. עס איז „איהר טרוים געוועזן — זיך אומצוקעהרען צוריק צו איהם, פאַרלייכטערן די משא פון זיינע יאהרען און באַלוינען איהר פאַר זיין אומענדליכע גוטס־קייט“. עס האָט אבער ניט לאנג גענומען און זי האָט זיך ווידער באוויזען אין דער עפענטליכקייט. אין איהרע ערשטע קורצע דער־צעהלונגען האָט זי געזוכט נאָכצומאכען סען־פּיערס סטיל. איצט האָט זי פאַרענדיגט איהר ראָמאַן. דער טיטעל איז „וואַלעריע“. איהר אייגען יוגענד־פאַרהעלטניס מיט אַלעקסאַנדער סטאַנעיעוו׳ן האָט איהר געדינט פאַר דעם סוזשעט. עס איז אַ גוט־געשריבענע, סימפּאַטישע געשיכטע, שטאַרק באַאיינפלוסט פון געטהע׳ס ווער־טער. אבער זי קען זיך ניט באַנוגענען מיט שרייבען אַ ראמאַן; זי וויל, מען זאָל איהם לייענען, מען זאָל וועגען איהם רעדען. און דער אופן, ווי זי זוכט עס צו דערגרייכען, ווייזט, אַז טראָץ אַלע איהרע פאַרזיכערונגען האָט זי נאָך צו יענער צייט זיך ניט אָפּגע־זאָגט פון דער וועלט. פאַר איהר זיינען ווייניג געוועזן די געוועהנליכע מיטלען און קונצען, ווי לאָזען איין קריטיקער נאָך׳ן אנדערן דורכלייענען די געשיכטע אין מאַנוסקריפּט; פאַרלייענען דאָס גאַנצע אָדער טיילען פאַר אַ געקליבענער געזעלשאַפט פון פריינד א. ז. וו.; ניין, זי האָט גענומען צוגרייטען דעם ערפאָלג אַ סך

ענערגישער און גרינגדליכער. איהר ערשטער שריט איז געווען זיך צו ווענדען צו איהרען א פריינד אין פאריז, דר. געי, אן אומבאַוואוסטען, אבער אמביציעזען מיטגליעד פון דער מעדיצינישער פּראָפעסיע, וועמען זי האָט געהאט פארשפּראָכען צו העלפען מאַכען א קאריערע. זי האָט דעם דאקטאר אנגעשריבען אזא בריעף:

„... איך האָב נאָך א בקשה צו אייך... פועל'ט ביי א פּעהיגען פערזען־שרייבער ער זאָל ווידמען א קליינע פּאָעמא צו אונזער פריינדין סידאָני (סידאָני איז די העלדין פון מאַדאַם קרידענער'ס ערשטער דערצעהלונג). עס איז איבריג צו בעטען אייך, איהר זאָלט זעהן, די פּאָעמא זאָל זיין אזוי געשמאַקפול, ווי מעגליך. באַטיטעלט זאָל זי זיין איינפאך: „צו סידאָני". סידאָני זאָל געפרעגט ווערען: „ווארים לעבסטו אין דער פּראָווינץ, און בארויבסט אונז דורך דיין צוריקגעצויגענקייט פון דיין גראציע און וויץ? רופט דיך ניט דער רושם, וואס דו האָסט געמאכט, קיין פאריז? דיין רייץ, דיינע טאַלאַנטען וועלען נאָר אין פאריז אפּגעשעצט ווערען, ווי זיי פארדינען. דיין כישופדיג טאַנצען איז שוין באַשריבען געווארען, אבער ווער קען באשרייבען אלע דיינע וואונדערבארע מעלות?" מיין פריינד, איך פארלאז זיך אויף אייער פריינדשאפט. איך שעם זיך אזש פאר סידאָני, ווארים איך וויים ווי באַשיידען זי איז. און איהר ווייסט אויך, ווי ווייט זי איז פון איי־טעלקייט. ניט באפרידיגונג פון פוסטער גאוה, נאָר איך האָב א סך ערנסטערע מאָטיוון דערביי, ווען איך בעט אייך באשטעלען די דאזיגע פערזען. זעהט, עס זאָל איבערשטראכען ווערען, אז זי לעבט אין פולער צוריקגעצויגענקייט, און אז נאָר אין פאריז וועט זי ווי געהעריג אפּגעשעצט ווערען. זייט פארזיכטיג, מען זאָל ניט כאפּען, אז איהר האָט א האנד דערביי. לאָזט די פערזען אפּדרוקען אין אן אווענד־צייטונג. אמת, סידאָנים טאַנצען איז שוין געשילדערט געווארען אין „דעלפין". לייענט דעם בוך. עס וועט אייך אינטערעסירען. אבער געדענקט, עס דארף ניט דערמאָנט ווערען, אז זי איז שוין באשריבען אין „דעלפין". בלויז פון טיטעל: „צו סידאָני" וועט מען זיך אָנשטויסען, צו וועמען די פערזען זיינען אדרעסירט. זייט אזוי גוט און באַצאָהלט דער צייטונג. איך האָף, אז איך וועל אייך קענען ערקלערען די טעמים פון מיין

האנדלונג. שיקט מיר צו די ציימונג מיט די פערזען, אזוי גיך זיי וועלען ערשיינען. ווען די צייטונג וועט ניט וועלען אָננעהמען די פערזען, אדער עס וועט זיך צו לאנג פארציהען, שיקט מיר צו דעם מאַנוסקריפט, איך וועל עס אפדרוקען אין א היגער צייטונג. איהר וועט באווייזען א גרויסע געפעליגקייט אייער פריינדין, און פערזענליך וועט זי אייך דערקלערען, ווארום זי בעט עס אייך טאָן. איהר ווייסט איהר שעמעדיגקייט, איהר ליעבע צו איינזאמקייט, איהר ציטערן פאר לויב; אָבער דאָס מאָל וועט איהר איהר טאָן א וויכטיגע טובה".

מיט צוויי וואָכען שפּעטער שיקט זי א צווייטען בריעף צו דר. געי און ווידער פרעגט זי איהם, צי האָט ער געלייענט „דעלפין", און נאָך אמאָל דאסזעלבע: „מאדאם דע סטאַל האָט געזאגט סידאָני'ן, אז זי וועט באשרייבען איהר טאַנצען, און איהר וועט געפינען די באשרייבונג אין ערשטען באַנד. פיעלע דענקען, אז זי האָט ריכטיג באשריבען איהר פּנים, איהר ארט רעדען, איהר לעבעדיגע איינבילדונגס-קראפט, און האָט איהר אבער צוגעגעבען איהרע אייגענע רעליגיעזע און פּאָליטישע מיינונגען, ווייל סידאָני איז ט י ע ף ר ע ל י ג י ע ז און אינטערעסירט זיך וועניג מיט פּאָליטיק".

און דאַן קומען וויטערע אנווייזונגען וועגען דער פּאָעמא:

„עס מוז דערצעהלען, אז איהר פּראכטפול טאַנצען איז שוין באשריבען געווארען, אבער עס טאָר קיין אנצוהערעניש ניט זיין פון וועמען. עס זאָל איינפאך געזאגט ווערען: א קוניגינע פון האָט שוין געמאָלט דיין טאנצען; עס איז גוט באקאַנט דער ערפאָלג, וואס דו מאכסט אומעטום; דיין חן איז באזונגען געווארען, און אויך דיין פארשטאַנד, און דו, עקשנ'טע, באהאלטסט זיך פון דער וועלט. דיר געפעלט די איינזאמקייט פון דיין היים. דאָרט זוכסטו גליק אין רעליגיע, נאַטור, שטודיום א. ז. וו., א. ז. וו. דאָס, ליבער פריינד, פארלאַנג איך פון אייך; ביסלאכווייז וועל איך אייך דערקלעי־ען מיינע טעמים".

די „ווידמונג צו סידאָני" קומט ענדליך אָן; מאדאַם זרידענער באשטעטיגט עס מיט א בריעף: „עס איז א יושר, טייערער פריינד, איהר יאָלט האָבען א קאָפּיע פון דער רייצענדער עלעגיע,

וואס איהר האט אנגעשריבען פאר מיר, און איך שיק עס אייך; דעם אריגינאל וויל איך באהאלטען פאר זיך".

די עלעגיע (איבערגעזאגט אין פראזא) לייענט זיך:

„וואס זוכסטו אין דיין איינזאמקייט? פאריז, פארב־שופט פון דער מאגיק, וואס פליסט פון דיר, פון דיין גראציע, פון די גלענצענדע טאלאנטען, מיט וועלכע דער הימעל האט דיך באשאנ־קען, טראגט דיר אנטקעגען גענוג הערצער — הערצער געפאנגענע פון דיין מילדען גייסט. מיר האבען דיך געזעהען, מיר האבען זיך געזאמעלט ארום דיר אין יענעם טאג, ווען דו האסט אנטפלעקט פאר אונז די פארפיהרערישע קראפט פון דיין חן און די צווינגענדע קראפט פון דיין שענקייט — אין יענעם טאג, ווען דו, באציערט, מיט דער פאלמע פון געניאליטעט, האסט ניט אפגעשטויסען דעם לויב, וואס מיר האבען געבראכט צו טאלאנט. דו האסט אפילו באלוינט מיט א שמייכעל א געוויסען בריה'דיגען דיכטער, וועלכער האט געוואגט אריינצוזינגען מיט זיין שטיל קולכעל אין דעם קאהר פון די קלוגע און האט געפרובט שילדערן דיין מאגישען טאנץ אין ווערטער. אבער די ערינערונג פון יענע יום־טוב'דיגע טעג איז אפגעווישט געווארען פון א בליץ, וואס איז געפאלען פון הימעל אויף דיר! גיסען זיך דען ניט צונויף אונזערע הערצער מיט דיינע מעלאנכאלישע געדאנקען? האבען זיי דען ניט, אין שטומער עהר־פורכט, מיטגעזיפצט מיט דיר אין דיין טרויער? מיר האבען דיך ניט געוואלט באליידיגען מיט מאכטלאזען טרייסטען, דער פא־ראדנער מתנה צו פאראדנעם טרויער — מיר האבען געהערט דיך זיפצען און מיר האבען מיטגעזיפצט. מיר האבען מיט דיר מיטגע־זיפצט, און דו ביזט אנטלאפען פון אונז! ווארים ביזטו אנטלא־פען? מיר האבען זיך איינגעוויקעלט אין טרויער־הילעס; די קונסט שטומט, און די ליעבע באהאלט זיך און מיט איהר איהר באגלייטערין, די לוסטיגקייט, וואס האט דיך אמאל געקוויקט מיט פרייד און רוהם".

עס ווערט גערעדט נאך אזוי פיעל, אבער דאס איז גענוג. מא־דאם קרידענער'ס בריעף שליסט זיך מיט די ווערטער: „איך שיק אייך אפ צוריק א קאפיע פון דער עלעגיע, וואס איהר פארצייטיגער קאליר (!), איהר שענקייט איז א וואונדער פאר מיר. פון דעם

אַלעמען נעהם איך פאַר זיך בלויז דעם טרויער, וואָס איהר האָט ריכ־טיג אָבגעטראָפּען אין געוואָלט פאַרלייכטערען. איך האָב אַ סך מעהר צו זאָגען אייך, טייערער דאָקטאָר געי, נאָך מעהר שבחים פאַר אייך, נאָר איך האָב ניט גענוג פּלאַץ, איך קען נאָר פון פולען הארצען אָפּדאַנקען אייך פאַר אייער קונסט, אייערער נאָבעלער קונסט, וואָס טוט אזא גרויסען דינסט פאַר דער מענשהייט (!)".

דר. געי האָט ווייטער געשריבען זיין געגראַמטע פּראָזא, און מאַדאַם קרידענער ענטפערט איהם: „סידאָני בעט מיך, איך זאָל איבערשיקען איהר הארציגסטען דאַנק צו דעם גיטיגסטען פון אַלע פריינד. די פערזען זיינען אויסגעצייכענט. זיי זיינען שוין אין דרוק. דער מאַן, וואָס שרייבט זיי, האָט אַ גליקליכען טאַלאַנט! ווי קענטיג עס איז, אַז ער איז סידאָני'ס פריינד! ווי גוט ער מאָהלט וואָס ער וויל אונז מאַכען זעהן. אין יעדען שטריך פיהלט זיך, אַז אַ נשמה פיהרט מיט'ן פּענזיל — און וואָס פאַר אַן איידע־לע נשמה!... סידאָני האָט אויך באַקומען די עלעגיע אין פּראָזא, איהר ווייסט מסתמא וועלכע, און וואָס זי האַלט פאַר אויסערגעוועהנ־ליך שעהן. וואָס פאַר אַ טאַלאַנט עס ווייזט זיך אין דער איידעלער איינפאַכקייט פון סטיל, און ווי עס איז צו באַוואונדערן דעם גייסט, וואָס רעדט אזא שפּראַך! אייניגע ענדערונגען זיינען געמאַכט געוואָרען, נאָר אייניגע; אייך איז מעהר ווי געלונגען אויסצודריק־קען, וואָס איהר האָט געוואָלט!"

דערפון זעהען מיר, אז סידאָני האָט זיך ניט באַנוגענט מיט אָנוואַרפען דעם רויהען פּלאַן פון די לויבגעזאַנגען פאַר איהר כבוד וועגען, נאָר זי פלעגט נאָך פאַרריכטען די פאַרטיגע קאָפּיעס. פּירושים זיינען איבריג. דער אונערמידליכער דאָקטאָר האָט פאַר־פאַסט נאָך מעהר פערזען, און האָט באַקומען נאָך בקשות איינצוז־טענה'ן מיט דעם און מיט יענעם קריטיקער. מיט דעם פרומען היס־טאָריקער מישאָ, וועלכער האָט דרייסיג יאהר פון זיין לעבען פאַר־בראַכט אין שרייבען די געשיכטע פון די קרייץ־צוגען, האָט מען פאַרשפּאַרט איינצוטענה'ן; זיין הייסע פריינדשאַפט צו דער פּאָעטעסע האָט געפיהרט מיט זיין פּען, און עס איז ארויסגעקומען ניט קיין קריטיק, נאָר הוילער ענטוזיאַזם. און אין סך הכל קען מאַדאַם קרידענער שרייבען צו אַ פריינדין: „מיין געזונד האָט זיך

א סך פארבעסערט; איך האָב מיטגעמאכט בעלער, וואָס זיינען געלאָפען אכט נעכט כסדר און איך האָב זיך אויף א האָר ניט גע־פיהלט ערגער. וואס פאר א גליק! איך קען אייך אפילו ניט דער־צעהלען, פריינד, וואס פאר א וועזען מען מאכט פון מיר! מען טראָגט מיך אויף די הענט, עס רעגענט אויף מיר מיט פּאָעמען, איך קען קוים אפּכאַפּען דעם אטעם פון די אויסדרוקען פון רעספּעקט, וואָס שיטען זיך אויף מיר; מענשען רייסען זיך איבער דער זכיה ארויסצורײדען מיט מיר א וואָרט. עס איז טויזענד מאָל מעהר ווערט, וויפיעל איך פאַרדין; ד י ה ש ג ח ה ה אָ ט ל י ע ב צ ו א י ב ע ר פ ל י י צ ע ן א י ה ר ע ק י נ ד ע ר מ י ט א י ה ר ג נ אָ ד, אפילו ווען זיי פארדינען עס ניט... און איך מוז עס באטראכטען פאר פייגהייט ניט צו פארעפענטליכען א ווערק, וואָס איז נאָך מיין מיינונג א נוצליך ווערק. און איך האלט עס דארום פאר מיין פ ל י כ ט צו פאָהרען קיין פּאריז; א פליכט, ווייל מיין הארץ, מיין פאַנטאַזיע, אלץ אין מיר, ציהט מיך גאָר צו דער זשענעווער אָזערע".

זי פאָהרט קיין פּאריז, און „וואלעריע" ווערט פארעפענטליכט אין דעצעמבער 1803. אלע מאדאם קרידענערס קאָנאָנען זיינען אנגעשטעלט, גרייט צו סאלוטירען דאס בוך. און קיינע פארפעהלט ניט איהר ציעל. אלע גלאָקען פון דער קריטיק קלינגען. און ווי א גוטער גענעראל, איז זי אליין אויפ'ן שלאכטפעלד. פארשטעל־טערהייד פאהרט זי פון איין מאָדע־געשעפט צום אנדערן, און פאָ־דערט היט, שארפען, פעדערן, קראנצען און בענדער א לא וואלע־ריע. און ווען די עלעגאנטע און נאָך אלץ שעהנע דאמע קומט אָן אין א קארעטע און טרעט אריין אין געשעפט און פארלאנגט מיט אזא זיכערהייט אָט די אלע ארטיקלען פון איהר אייגענער ערפינדונג, קריכען די פארוואלטער פון דער הויט צו פארשטעהן וואָס זי וויל און נאָכצוקומען איהר פארלאנגען. און ווען די פארוואונדערטע פארקויפערינס צווייפלען, צי אזעלכע וואארע עקזיסטירט גאָר, שמייכעלט מאדאם קרידענער אזוי גוטמוטיג און באדויערט זיי, וואָס זיי ווייסען נאָך ניט פון ראָמאן „וואלעריע", און אזוי פארוואנ־דעלט זי זיי שנעל אין נייגעריגע קויפערינס און לעזערינס פון איהר ראָמאן. פארטיג מיט איין מאָדע־געשעפט, פאהרט זי צום אנ־

דערן, און אומעטום פרעגט זי זיך אויף די ניט עקזיסטירענדע וואַרע. און אזוי האָט זי אין א פאָר טעג ארויסגערופען א ווילדע קאָנקורענץ צווישען די מאָדע־מאַגאזינען און אַן אויסכאַפּעניש אויף די ארטיקלען „א לא וואלעריע". און איהרע פריינדינען, וואָס אויף איהר אנמוטונג זיינען געגאַנגען זיך נאָכפרעגען אויף די ארטיקלען, זיינען ניט ווילענדיג געווארען איהרע מיטפארשווערערינס און מיטהעלפערינס אין דעם קונציגען פּלאַן. עס איז זיי מעהר ניט געבליבען ווי צו באַשטעטיגען איהר טריאומף.

איצט שרייבט מאַדאַם קרידענער צו איהר פריינדין: „דער ערפאלג פון „וואלעריע" איז פאלשטענדיג, אומערהערט. א באַקאנטער האָט מיר די טעג געזאגט: עס איז עפּעס איבערנאַטירליכעס אין דעם ערפאלג. יא, טייערע, עס איז גאָטס ווילען, אז אָט די ריינערע מאָראַל זאָל פארפלייצען גראדע פראַנקרייך, וואו זי איז ביז איצט אַם ווענינגסטענס פארשטאַנען געווען".

אבער קוים איז איהר פיבערישע לוסט נאָך רוהם געשטילט געווארען, קוים האָט איהר אויסגעפיינערטע צביעות דערגרייכט די העכסטע שטופע פון איבערגעשפיצטקייט, האָט מיט מאַדאַם קרידענער פּאַסירט א מאָדנע זאַך: זי איז באמת באקעהרט געווארען. און פּאַסירט האָט עס אזוי: זיצענדיג א געוויסען טאָג אין יאהר 1805 ביים פענסטער פון איהר הויז אין ריגא, האָט זי געהאַלטען אין אָפענטפערען א פארנייגונג פון איינעם פון איהרע צאָהלרייכע פארעהרער, צו וועלכען זי איז געווען באזונדערס גנעדיג. פּלוצלינג איז דער אומגליקליכער געכאַפּט געווארען פון אַפּאָפּלעקסיע און איז געפאלען טויט פאר איהרע אויגען. דער אינצינדענט האָט געהאַט א שוידערליכע ווירקונג אויף איהר גייסט: זי איז אריינגעפאלען אין א מרה־שחורה. די מרה־שחורה האָט פונדעסטוועגען איהר ניט געשטערט אויפצופּאַסען אויף איהר טואַלעט, און קורץ נאָכדעם האָט זי געשיקט רופען א שוסטער צו נעהמען פון איהר א מאָס אויף א פּאָר שיך. דער מאַן איז געקומען. צוערשט האָט זי קוים איהם באַמערקט, אבער בעת ער איז אזוי געשטאַנען אויף די קני פאר איהר, איז זי איבערראַשט געווארען פון דעם גליקליכען אויסדרוק אויף זיין פּנים. „זייט איהר גליקליך?" — האָט זי איהם געפרעגט. „איך בין דער גליקליכסטער מאַן אויף

דער וועלט" — האט ער געענטפערט. דער שוסטער איז געווען איי־נער פון די „דערוועקטע"; ער האט באלאנגט צו דער געמיינ־שאפט פון די „מאראווישע ברידער". ארבייט האט ער געהאסט ווי דעם טויט, און ער האט געלעבט אין הויז פון זיין מוטער, פרוי בלוי, איינע פון די ערגסטע היפאקריטקעס און בעל־מצוה׳ניצעס אין ריגא, וועלכע האט געצויגען איהר היונה פון די נדבות פון די רייכערע מיטגליעדער פון דער סעקטע. דער אויסדרוק פון גליק אויפ׳ן שוסטער׳ס פנים האט געמאכט אזא רושם אויף דער עמ־פינדליכער נשמה פון מאדאם קרידענער, אז זי האט אלץ אפטער געגומען באזוכען דעם שוסטער און זיין מוטער. אין זייער הויז האט זי זיך באקענט מיט אלץ מעהרער און מעהרער מאראווישע ברידער, ביז זי איז געווארען פונקט אזא ענטוזיאסטישע גלויבערקע, ווי יע־דער איינער פון זיי. פאר א לאנגזאמער, שטופענווייזער אריינלע־בונג אין קריסטענטום איז אזא נאטור ווי איהרע געווען אומפעהיג. אבער די לעהרע וועגען פלוצליכער באקעהרונג, וואס ברייננט א פאלשטענדיגע ענדערונג אין לעבען, איז פונקט ווי צוגעמאסטען געווען צו מאכען אויף איהר דעם שטארקסטען איינדרוק איצט, ווען זי איז שוין געווען אין די פערציגער.

מיט דעמזעלביגען ברען, מיט וועלכען זי פלעגט זיך אפגעבען צו איהרע יוגענד־ליידענשאפטען, האט זי זיך איצט אפגעגעבען צו דער ליידענשאפט פון איהרע רייפערע יאהרען. זי האט גערעדט און געהאנדעלט אין רעליגיעזען עקסטאז. זי האט געטיילט איהר צייט צווישען תפילה און צדקה. איהר גאנץ פריהעריג לעבען קומט איהר פאר ווי א לאנגע קייט פון טעות׳ן און משוגעת׳ן. זי לעבט איצט מיט איין געפיהל, מיט ליעבע צום דערלייזער. „איך האב קיין אנדער געדאנק ניט, ווי בלויז צו געפעלען, צו דינען און צו אפפערען אלץ צו איהם, דורך וועמעס גנאד איך האב נאר איין וואונש צו ליעבען אלע מיינע מיטמענשען — צו איהם, וועלכער ווייזט מיר אין דער צוקונפט בלויז דעם שיין פון גליק. אה, ווען מענשען וואלטען נאר געוואוסט דאס גליק, וואס פליסט פון רע־ליגיע, ווי וואלטען זיי פארטריבען אלע זארג, אויסער דער זארג פאר זייערע נשמות!"

און אין אזא געמיטס־צושטאנד האט מאדאם קרידענער אין

הערבסט פון 1806 ווידער זיך אוועקגעלאָזט רייזען, און אויף דער רייזע האָט זי זיך באַגעגענט און באַפריינדעט מיט קעניגין לואיזא פון פרייסען. דאָס איז געווען קורץ נאָך דער שלאַכט ביי יענא. די קעניגין, טיעף דערשלאָגען פון איהר אומגליק, איז געווען באַזונדערס עמפּפענגליך פאַר מאַדאַם קרידענער'ס גליהענדער רעליגיעזער בארעדזאַמקייט. זי געווינט אַ גרויסען איינפלוס איבער איהר, און דורך איהר אויך איבער'ן קעניג. אַ באַווייז פאַר דעם האָבען מיר אין אַ בריעף, וואָס די קעניגין האָט געשריבען צו איהר מיט אַ שטיקעל צייט שפּעטער:

„איך בין שולדיג אייער גוט האַרץ אַ דערקלערונג, וואָס וועט זיכער ביי אייך אַרויסרופען טרערען פון פרייד. דאָס האָט איהר מיך געמאַכט בעסער, ווי איך בין געווען. אייערע אויפריכטיגע רייד, אונזערע געשפּרעכען וועגען רעליגיע און קריסטענטום האָבען געמאַכט אויף מיר דעם טיפסטען איינדרוק".

מאַדאַם קרידענער איז אוועק קיין קאַרלסרוהע, כדי צו באַקענען זיך מיט יונג-שטילינג. יונג-שטילינג האָט זיך געמאַכט אַ ליטעראַרישען נאָמען מיט אַ בוך, וואָס באַשרייבט זיין פריהעריג לעבען אַלס פרומער שניידער-געזעל. זייענדיג אַ מעדיצינישער סטודענט אין שטראַסבורג, האָט ער זיך גע'חבר'ט מיט געטהע און האָט געוואונען זיין פריינדשאַפט. דערנאָך האָט ער פּראַקטיצירט מיט ערפאָלג אַלס אָקוליסט; געווען פּראָפעסאָר פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע; געהאַלטען געוואָרען פאַר אַ נביא פון די גאַנץ פורכטיגע אויגען-גלאָצער פון דרום-דייטשלאַנד און פאַרעהרט געוואָרען אַלס הייליגער פון די פרומע הויף- און אדעל-קרייזען פון באַדען. זיין כאַראַקטער איז ניט געווען שטאַרק גענוג אויסצוהאַלטען די דאָזיגע אַטמאָספערע פון חניפה, און ער האָט זיך פאַרוואַנדעלט אויף דער עלטער אין אַ פוסטען בעל-גאוה און אומפאַראַנטוואָרטליכען פּלוידער-זאַק. ער האָט זיך געריהמט פאַר אַ קענער פון יענער וועלט, און האָט אַרויסגעטיימטשט געטליכע סודות פון דער „אַנטפּלעקונג פון הייליגען יוחנן". צו אָט דעם יונג-שטילינג איז דאָס מאַדאַם קרידענער געקומען זיך בוקען אַלס איהר לעהרער און וועגווייזער. דעם 67 יעהריגען זקן האָט זעהר געשמעקט די באַוואונדערונג פון פאָרנעהמע דאַמען, און זיי זיינען גלייך געוואָרען נאָ-

הענטע פריינד. דער גרייז־גראהער גייסטער־זעהער האָט דאמאָלס געהאַלטען אין פאַרענדיגען זיין „טעאָריע דער גייסטער־קונדע", וואָס איינע פון איהרע אויספיהרונגען איז, אַז דער טויזענד־יעהרי־גער רייך דאַרף קומען אין יאהר 1816, אדער שפּעטסטענס אין יאהר 1819, און מאַדאַם קרידענער האָט זיך אנגעכאַפּט אן דער נבואה מיט דעם פעסטעסטען גלויבען.

באַלד נאָך דעם האָט זי זי באַגעגענט מיט דער קעניגין האָר־טענזיע, וועלכע איז אַזוי אַנטציקט געוואָרען פון איהר, אַז יעדען פריהמאָרגען פלעגט זי זי אויפנעהמען אין אַ פּריוואַטער אודיענץ. ווי עס שיינט אָבער, האָט מאַדאַם קרידענער זיך איינגעקויפט ביי דער קעניגין דערהויפּט מיט פאַרלייענען פאַר איהר דעם מאַנוסקריפּט פון אַ ראָמאַן, וואָס זי האָט דאַמאָלס געהאַלטען אין שרייבען — אַ ראָמאַן מיט'ן נאָמען „אָטילדאַ", וואָס זיין פרומער מוסר השכל שטערט איהם ניט צו זיין אַ „מחיה'דיגע ליעבעס־געשיכטע."

מאַדאַם קרידענער זוכט איצט צו ווערן אַ מוסטער פון קריסט־ליכע עניוות. זייענדיג אין קאַרלסרוהע פלעגט זי אַרויפקלעטערען צו די שמוציגסטע ביידים־שטיבלאַך, אום צו טאָן ווערק פון מענשען־ליעבע. איינמאָל האָט זי אויף דער גאַס דערזעהן אַ דיענסט־מיידעל, וואָס האָט געוויינט מיט ביטערע טרערען, ווייל מען האָט איהר גע־נעבען צו קעהרען דעם ברוק. האָט די פאַרנעהמע דאַמע ארויס־געכאַפּט פון איהר דעם בעזים און אַליין גענומען קעהרען.

דער צושטאַנד פון די געמיטער אין עלזאַס איז געוועזן אַ מערקווירדיגער. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אַפּילו אָנגע־שטעקט מיט איהר אַטעאיזם אייניגע פון די אַנטוויקעלטערע גייס־טער, אָבער די גרויסע מאַסע פון דער פּראָטעסטאַנטישער באַפעלקע־רונג איז אַריינגעפאַלען אין אַ סאָרט מיסטיציזם, וואָס זיין תמצית איז געוועזן דער גלויבען אין דער נאָהענטקייט פון טויזענד־יאָהריגען רייך. דער פּראָמינענטסטער גייסטליכער אין עלזאַס איז צו יע־נער צייט געוועזן דער פון אַלעמען געאַכטעטער פּאַסטאָר אָבערלין פון וואַלדבאַך, אַ מאַן פון עכטסטער פרומקייט, וועלכער איז אָבער געוועזן גענוג משוגע צו צייכנען אַ קאַרטע פון מלכות השמים און צו פאַרעפענטליכען דעם פּלאַן פון ירושלים של מעלה. ער האָט גענוי געוואוסט די מדרגות פון די צדיקים אין גן־עדן און איז

געוועזן אין שטענדיגער קאָמוניקאציע מיט זיינע פארשטאָרבענע פריינד. מאדאם קרידענער האָט זיך פארזאָרגט מיט רעקאָמענדאַציאָנס-בריעף צו אָבערלין און זיינע גלויבענס-גענאָסען און האָט זיך באוויזען אין עלזאס.

זי האָט געהערט, אז אַ דייטשער פאסטאָר אין מארקירך, מיט'ן נאָמען פאָנטען, האָט דעם כח צו ווייזען וואונדער און אז אין זיין הויז לעבט אַ באריהמטע נביאה'טע מאריע קומער (באקאנט ביים פאָלק אונטער'ן נאָמען „די קומערין"), אַ היסטערישע ווירטעמבערגער פויערטע, וועלכע האָט געהאט געשפרעכען מיט מלאכים און נביאות געזאָגט פון שלאָף. מען האָט איהר אויך דערצעהלט, אז פאָנטען האָט אויסגעדריקט אַ וואונש זיך צו באקענען מיט דער געטליך אינספירטער פרוי פון צפון, וועגען וועמען מאריע קומער האָט געהאט אַ זעהונג. אין יוני, 1808, איז זי אָנגעקומען אין זיין הויז. ער האָט זי פייערליך באגריסט אויפ'ן שוועל מיט יוחנן המטביל'ס ווערטער צו יעזוסן: „ביזטו דאָס, וואָס דארף קומען, אָדער דארפען מיר ווארטען אויף אַן אנדערען?" גליקליך פון דעם קאָמפּלימענט, איז מאדאם קרידענער געבליבען אונטער איין דאך מיט'ן מאַן, וועגען וועלכען מען האָט גענומען רעדען, אז ער איז איהר געליעבטער. זיי האָבען פארבראכט זייער צייט אין פאָרשען „די אנטפּלעקונג פון הייליגען יוחנן", און יעדען טאָג האָט די דאמע זיך צוגעהערט צו מאריע קומער'ס נביאות וועגען דער הויכער מיסיאָן און גרויסער צוקונפט, וואָס ערווארטען זי און אויך פאָנטענ'ען, וועלכער דארף ווערן איהר אַפּאָסטאָל. זי האָט געשריבען צו אַ פריינדין:

„איך בין די גליקליכסטע באשעפעניש אין דער וועלט... די צייט איז געקומען... גרויסע אומגליקען וועלען אויסברעכען, אָבער איהר דארפט זיך ניט שרעקען. גאָט'ס קעניגרייך איז נאָהענט, און ער אליין וועט רעגיערען די ערד פאר טויזענד יאָהר".

און ווייטער:

מאָהל דיר, איך האָב ווירקליך איבערגעלעבט וואונדער. דו האָסט קיין באגריף ניט וועגען דעם גליק פון די יעניגע, וועלכע גיבען זיך אין גאנצען איבער צו יעזוס קריסטוס. ער אין זיין גוטסקייט און גנאד האָט מיר געגעבען זיין אויסדריק-

ליבען צוזאָג, אז ער וועט ענטפערן מיינע תפילות פאר מיינע קרובים און פריינד".

מען קען ניט לייקענען, די שפראך מיט וועלכער זי באַשרייבט די נייע פּלאַם, וואָס האָט איינגעפלאַקערט אין איהר ברוסט, איז פארדעכטיג עהנליך צו דער שפראך פון ליעבע, וואָס איז זעהר ווייט פון פרומקייט. פון גאָט שרייבט זי:

„עס איז אוממעגליך פאר מיר אויסצודריקען, וואָס פאר א צערטליכקייט עס ברענט אין מיין הארצען, וויפיעל טרערען איך פארגיס, וואָסערע טרערע ציטערן דורך מיין גאַנצען וועזען, ווען איך פיהל מיך אזוי געליעבט — איך, דער אָרימער וואָרם פון דער ערד! איך האָב די טעג געזאָגט צו גאָט: וואָס קען איך דיר זאָגען, אָה געליעבטער מיינער! הלואי וואָלט איך געקענט אויסשרייען איבער דער גאַנצער ערד, דורך אלע הימלען, ווי שטארק איך ליעב דיך! הלואי וואָלט איך געקענט פיהרען ניט נור אלע מענשען, נור אויך אלע רעבעלירענדע גייסטער צוריק צו דיר!"

אין וואַטיקאַן העננט א בילד פון א מאָדערנעם איטאַליענישען מאהלער, וואָס שטעלט פאר א מאַנאַשקע קניהענדיג צו די פיס פון קריסטוס, וועלכער ענטפערט מיט דעם צערטליכסטען בליק אויף דער אנטציקונג, וואָס לייכט זיך פון איהרע אויגען. מען דערמאָנט זיך ניט ווילענדיג אן יענעם בילד, ווען מען לייענט די מאדאם קרידענער'ס אויסגעשרייען, וואָס רייסען זיך ביי איהר ארויס אין די מאָמענטען פון איהר רעליגיעזער פאר'שכור'טקייט. ביי אן אנדער געלעגענהייט שרייבט זי: „אלץ וואָס מיר האָבען צו טאָן איז צו ליעבען, און איבערצורעדען אנדערע צו ליעבען דעם ליעבליכסטען, בעסטען, צערטליכסטען פון אלע פאטערס". אויף איהרע פּרומע רייזען איבער'ן לאַנד, וואָס זי פלעגט אונטערנעהמען מיט דעם צוועק צו דרשענען און באקעהרען, איז איינמאל צו איהר צוגעשטאַנען א יונגער מיסיאָנער. ער איז געוועזן איינער פון פיעלע, אין וועלכע זי האָט זיך שפּעטער אנטוישט. אָבער באַלד נאָך זיין קומען צו איהר באשרייבט זי זייערע געפיהלען בעת זייערע בשותפות'ע תפילות אין אזעלכע ווערטער: „וואָס פאר א פריידי! ! קענט איהר זיך פארשטעלען דאָס גליק פון אונזער צוזאמענשטעהן ביים אלטאר? קיין שפראך קען דאָס ניט אויסדריקען!! מיר האָבען

אפילו ניט געקענט הערען די ווערטער, וואס זיינען גערעדט געוואָרען". עס איז אוממעגליך דאס צו לייענען און ניט טראכטען דערביי וועגען א שטעלע אין דער שריפט פון איינעם פון איהרע ערשטע פארעהרער: „לעזע פאַרזיכערט, אז מאדאם קרידענער פלעגט אין די קריטישסטע מאָמענטען מיט איהר געליבטען בעטען צו גאָט בזה הלשון: אָה, גאָט, ווי גליקליך איך בין!! זאל איך בעטען מחילה פאר דער איבערפלוס פון מיין גליק?" און ער גיט צו: „זי פלעגט אננעהמען דעם קרבן אויפ'ן מזבח פון ליעבע פונקט אזוי, ווי א פרוי נעהמט איין דעם הייליגען אבענדמאהל"*). אגב, עהנליכע פרומע געפיהלס-אויסברוכען באגעגענען מיר ביי אלע מיסטיקער פון יענער צייט.

מאדאם קרידענער האָט ניט געוואוסט, אז סיי פאנטען און סיי מאריע קומער האָבען געהאט א פארגאנגעהייט, וואס האָט ניט געקענט דערוועקען צופיעל צוטרויען צו זיי.

ביים אויסברוך פון דער פראנצויזישער רעוואָלוציע איז פאָנטען, דאמאָלס צוואנציג יאָהר אלט, געווען א פייערדיגער יאַקאָבינער; אונטער דער הערשאפט פון טעראָר איז ער צוגעשטאַנען צו דער סוויטע פון יעוולאָגיע שניידער, איז געווארען זיין הייסעסטער אָנהענגער, צוזאמען מיט איהם אטאקירט די גייסטליכע, געשלאָסען קירכען, בארױבעוועט דעם שטראסבורגער קאַטעדראל א. אז. וו. ער האָט געהאלטען דרשות אין די טעמפלען פון פארנונפט, האָט זיך געלאָזט באַשטימען פאר א פראָטעסטאַנטישען פאסטאָר, חתונה געהאט און זיך אויפגעפיהרט אזוי סקאנדאליעז, אז ער איז געצוואונגען געווען אויפצוגעבען זיין אמט. דאָך, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די רעאקציע קעגען דער רעוואָלוציע, האָט ער ווידער אמאָל באקומען א פאסטאָר-שטעלע, אלס כלומרשטער פארשטעהער פון די פרימסטע מוסר'ניקעס (פיעטיסטען) און האָט אין גיכען געקראָגען א שם אלס אן ארויסטרייבער פון טייוואָלים. ווען עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז אין משך פון דריי יאָהר (1801—4) האָט ער א תכלית געמאכט כמעט פון דער

*) א מאַנוסקריפּט פון שאַנדאלע, ציטירט פון סען-בעוו אין זיינע „לעצטע פאָרטרעטען", ז. 290.

גאנצער קאסע פון זיין קהילה, איז ער פאר א שטיקעל צייט פאר־שוואונדען. אין 1805 האט ער ווידער באקומען א פאסטאראט — דאס מאל אין מארקירך. און דא, מיט צוויי יאהר שפעטער, האט ער אריינגענומען מאריע קומער אין זיין הויז. די דאזיגע פרוי, הגם אן איינפאכע ארומטרייבערקע, וואס האט מעהרערע מאל געביטען איהר רעליגיע, איז פון די פיעטיסטען געהאלטען געוואַ־רען אין גרוים רעספעקט. א געוויסער פאסטאר הילער האט זי מקדש געווען צו יעזוס. עס איז אוועק א שטיקעל צייט און יעזוס'עס כלה האט געבארען א זוהן טאקע פונ'ם זעלביגען פאס־טאר. זיי האבען אבער דערקלערט, אז אט דעם זוהן זייערן איז באשערט צו זיין דער עדות, וועגען וועלכען עס רעדט זיך אין דריטען פסוק פון עלפטען קאפיטעל פון „יוחנן'ס אנטפלעקונג". די ניט פרומע ציווילע מאכט האט פונדעסטוועגען זי פאראור־טיילט צום שאנד־קלאץ און צו געפענגניס. ווען זי איז ארויס פון געפענגניס, האט זי פראקלאמירט, אז דער סוף פון דער וועלט איז נאהענט און האט גערופען צו אן אלגעמיינער אויסוואנדערונג פון אלע גלויביגע אין הייליגען לאנד. און זי האט ווירקליך אי־בערגערעדט א צאהל נאאיווע מענשען, זיי זאלען זיך לאזען אין וועג אריין קיין ירושלים און דערביי אנפארטרויען איהר זייער רייזע־קאסע; אבער אז זיי האבען דערגרייכט וויען, איז זי ארעס־טירט געווארען ווען זי איז אפגעזעסען איהר געפענגניס־טערמין, האט זי זיך אומגעקערט קיין עלזאס. דער קאמעט פון 1807 האט איהר געגעבען אן אויסרייד ארויסצוקומען מיט א סענזאציאנעלער נבואה, אז הונגער, מגפות און מלחמות וועלען באלד ארויפגעשיקט ווערן אויף די זינדיגע פעלקער, און ווען זי האט זיך דערוואוסט וועגען דעם אנקומען פון דער רוסישער באראנעסע, האט מען איהר געוויזען פון הימעל אין א זעהונג, אז דער דאזיגער דאמע שטעהט פאר א הויכע מיסיע.

ווען מאדאם קרידענער האט געהאט פארבראכט אין דער „מוסטערהאפטער" קאמפאניע פון פאנטען און מאריע קומער פולע אכט חדשים צייט, האט פאנטען זיך דערפיהלט אומזיכער אין מארקירך, עס האבען גענומען זיך פארשפרייטען קלאנגען וועגען זיינע פריהערדיגע מעשים, און מאריע קומער האט דארום געהאט

א זעהונג, דורך וועלכער עס איז איהר געגעבען געווארען א געט־ליכער באַפעהל צו געהן קיין ווירטעמבערג און דאָרט גרינדען אַ קאָלאָניע פון אמת'ע קריסטען. דער דרייליגג האַט זיך גלייך געלאָזט אין וועג אריין. אויף די רעליגיעזע פארזאמלונגען אין ווירטעמבערג איז פאַנטען אָפטמאָל געווען אַנגעטאָן אין שווארץ, מאדאם קרידענער אין בלוי און מאריע קומער אין גראָה. אָבער זיי האָבען זיך ניט באַנוגענט מיט פאָראויסזאָגען דעם נאָהענטען ענד פון דער וועלט; זיי האָבען געהאַט די אומפאָרזיכטיגקייט צו אטאקירען די גאָטלאָזע הערשער פון לאַנד פאר זייער איינ־פיהרען אַ נייעם גאָטעסדינסט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מאריע קומער זאָל ווידער אַרעסטירט ווערען און די אַנדערע צוויי ארויסגעטריבען ווערען. אזוי גיך ווי „די קומערין" איז באַפרייט געווארען, האָט זי דאָס פאָרל אָנגעיאָגט אין באדען, און ווידער האָבען זיי געלעבט זאלבעדריט אין אינטימער חבר'שאפט, פאר־נעהמענדיג זיך מיט זייערע רעליגיעזע פארשטעלונגען און פראָ־פעצייהונגען.

די ידיעה, אַז איהר מוטער איז שטערבליך קראַנק, האָט מאדאם קרידענער געבראַכט קיין ריגא. אויך דאָרט האָט זי אָפּ־געהאַלטען פארזאמלונגען, אויף וועלכע זי האָט פארטייטשט „יוחנן'ס אנטפּלעקונג" און פארטיילט דעם הייליגען אבענד־מאָל. דעם פרומען שוסטער'ס פרומע מוטער, פרוי בלוי, איז געווען איהר ארויסהעלפערין; דאָס מאָל האָט די אלטע געשפּיעלט די ראָלע פון א נביאה'טע. צום סוף פון יאָהר 1811 האָט מאדאם קרידענער זיך אומגעקערט קיין קאַרלסרוהע. פאַנטען איז ניט געווען, איהם האָט מען משלח געווען, האָט זי פארטגעזעצט די ארבייט אין חברותא מיט מאריע קומער, וועלכע מען האָט דאמאָלס געהאַל־טען פאר א גרויסער נביאה'טע, ווייל זי האָט פאראויסגעזאגט דעם זיעג פון ווייסען מלאך איבער'ן שווארצען און אויך אז עס וועט זיך באווייזען דאָס פאָלק פון צפון, וועגען וועלכען עס רעדט זיך ביי ירמיהו'ן. ווען די רוסיש־פראַנצויזישע מלחמה איז אויסגעבראָכען, האָט עס געהייסען, אַז איהר נבואה איז מקוים געווארען, און ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אז מאָסקווע ברענט, איז שוין יעדער געווען זיכער, אז זי איז א הייליגע.

עס איז ניטאָ דער מינדסטער ספק, אַז מאַדאַם קרידענער איז געווען פאַלשטענדיג איבערצייגט אין דער ריינקייט פון איהרע אייגענע מאָטיווען. זי איז געווען די אויפריכטיגקייט אַליין. זי איז ניט נאָר אַליין באַקעהרט; זי איז אויך באַהערשט פון דער ליידענשאַפט צו באַקעהרען אַנדערע. ווידער און ווידער קומט איהר אויפ'ן געדאַנק צו באַקעהרען די באַוואוינער פון גיהנום און דעם שטן אַליין. זעלבסטפאַרשטענדליך, האָט זי געמוזט פיעל אויסשטעהן פון דעם אומגלויבען, פון די גראָבע, באַליידיגענדע אַנצוהערענישען פון איהרע אמאָליגע באַקאַנטע, וועלכע האָבען בשום אופן זיך ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז מיט איהר איז ווירקליך פאָרגעקומען אַזאַ געוואַלטיגע ענדערונג. אפילו איהר אייגענע מוטער האָט זי פאַראַכטעט און אויפגעהערט איהר שרייבען. אָבער די אַלע פיינליכע מיספאַרשטענדניסען האָבען ניט אָפּגעקיהלט איהר ענטוזיאַזם, וואָס פלעגט אָפט מאַכען אַן איינדרוק אפילו אויף ראַציאָנאַליסטען. איינער פון זיי, זאַנטאַג, דער הויפּט פון דער ליפלענדישער גייסטליכקייט, וועלכער האָט גוט זיך צוגעקוקט צו איהר אויפפיהרונג אין ריגאַ אין יאָהר 1811, האָט מיט פיעלע יאָהרען שפּעטער געשריבען, אַז הגם אַלס אָפיציעלער פאָרשטעהער פון דער קירך איז ער געצוואונגען געווען איבערצורייסען אַלע באַציהונגען מיט איהר, מוז ער דאָך עדות זאָגען — דאָס איז דער חוב, וואָס ער איז איהר שולדיג — אַז זי האָט שטענדיג מיט דער טיעפסטער, ריינסטער, אַקטיווסטער סימפּאַטיע זיך פאַרהאַלטען צו יעדען מנשען, און אַז זי האָט מיט אמת'ער מסירת נפש געזוכט צו לינדערען יעדע מענשליכע נויט, יעדען מענשליכען עלענד.

באַלד ווערט זי אַליין באַגאַבט מיט נבואה. עס איז ניט געווען קיין זעלטענהייט אין יענער צייט. סיי דע־מעסטר און סיי באָנאַלד האָבען מיט פיעלע יאָהרען פריהער פאַראויסגעזאָגט די רעסטאַווראַציע פון דער קעניגליכער מאַכט, און זיי האָבען זיך דערמיט געמאַכט אַ גרויסען נאָמען. אָבער וואו זייער נבואה האָט געציעלט אויף אַ באַשטימטע געשעהעניש, וואו זיי האָבען געוואָלט מרעפען גענוי — פלעגט מיט זייער נבואה פּאַסירען דאָסזעלביגע, וואָס מיט אַלע פאַרצייטיגע נביאות — זי פלעגט ניט מקוים ווערען. דע־מעסטר, צום ביישפּיעל, שרייבענדיג וועגען דעם פּלאַן פון

אַ הויפּט־שטאָדט פאַר אַמעריקאַ, האָט געהאַט דערקלעהרט: „איך קען וועטען צעהן געגען איינס, אַז די שטאָדט וועט ניט געבויט ווערען, אַז זי וועט זיך ניט רופען וואַשינגטאָן און אַז דער קאָנגרעס וועט דאָרט ניט זיצען". די אַלע דריי זאַכען האָבען פּאַסירט. אין 1807 שרייבט ער (אין „בריעף און עסעיס"): „קיין זאַך קען צוריק ניט אויפשטעלען די מאַכט פון פריסען. די דאָזיגע באַריהמטע געביידע, געבויט פון בלוט, שמוץ, פאַלשער מינץ און בראָשורע, איז אין אַ רגע צוזאַמענגעפאַלען און אויף אייביג פאַרשוואונדען". ער האָט אויך פאָראויסגעזאָגט, אַז די רעסטאַווראַציע פון די בורבאָנען וועט פאַרקומען אין טיפסטען פרידען, אָהן פרעמדער אריינמישונג, און אַז סוף כל סוף וועט די רעוואָלוציע נאָר דיענען צו פאַרשטאַרקען די זעלבסטהערשאַפט און די מאַכט פון אדעל א. ז. וו. אייניגע פון באָנאַלד'ס נבואות — אין זיין „טעאָריע פון מאַכט" — זיינען געוועזען געלונגענער, אוים דעם פשוט'ען טעם, ווייל יעדע נבואה וועגען דעם, אַז דאָס פאַרגאַנגליכע מוז אונטערגעהן, מוז דאָך ווען עס איז מקוים ווערען. עס זיינען דאָ זאַכען וועגען דער צוקונפט, צו וועלכע עס פּאַסען זיך זעהר גוט האָראַציאָ'ס ווערטער: „עס איז גאָר ניט נויטיג, אַז אַ גייסט זאָל קומען פון קבר און זיי אָנזאָגען".

אָבער מאַדאַם קרידענערס פאָראויסזאָגונגען האָבען צוגעצויגען מעהר אויפמערקזאַמקייט, ווי די פאָראויסזאָגונגען פון אַלע איהרע צייט־גענאָסען. אין אָקטאָבער 1911 האָט זי געשריבען אַ בריעף פון שטראַסבורג צו אַ רוסישער הויף־דאַמע: „מיר וועלען באַלד זיין עדות, ווי די שולדיגע פראַנקרייך וועט באַשטראָפט ווערען; די השגחה וואָלט זי געשאָנעוועט, ווען זי וואָלט נאָך איצט געבוקט זיך פאַר'ן קרייץ". שפּעטער, ווען נאַפּאָלעאָן האָט זיך אומגעקעהרט פון עלבאַ, ווי האָט מען עס געקענט אַנדערש אויסטייטשען סיידען ווי אַ געהיימניספולע נבואה?

זי האָט נאָך געשריבען: „דער שטורם דערנעהנטערט זיך; די ליליען, וואָס דער אייביגער האָט אויסגעהיט — די ריינע, דעליקאַטע סימבאָלישע בלומען, וואָס דער אייזערנער שטאַב האָט צובראָכען, ווייל אַזוי איז געוועזען גאָט'ס ווילען — יענע ליליען,

וואָס האָבען געדראַפּט זיך איינשטעלען פאַר'ן כסא הכבוד, פאַר'ן טראָן פון ריינינקייט און ליעבע — יענע ליליען האָבען זיך נאָר באַוויזען אויף א רגע, כדי גלייך צו פאַרשווינדען". האָט עס דען אנדערש געקענט זיין ווי א נבואה אויף לואי דעם 18טען'ס פּליטה?

דער רוהם פון איהרע פּראַוויסזאָגונגען האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אייראָפּא. איינער פון די ערשטע צו הערען וועגען זיי איז געוועזען צאַר אלעקסאַנדער. אויסגעמאטערט פון די קאַמפּאַניעס פון 1813 און 1814, געפּייניגט פון א בייזען געוויסען, דערשיטערט פון דעם פּלוצליכען טויט פון זיין בן־יחיד און פון גלייכצייטיגען פּאַרראַט פון דעם קינד'ס מוטער, א דאַמע, וואָס איז געוועזען זיין געליעבטע פאַר עלף יאָהר און האָט איהם איצט אויסגעביטען אויף איינעם פון זיינע אדיוטאַנטען, און צילעצט, אן אָפּגעשוואַכטער פון כל המינים פאַרשוועגדערישער אויסגעלאַסענקייט — איז אלעקסאַנדער געוועזען פונקט אין יענעם געמיטס־צושטאַנד, וואו מיסטיציזם קען שלאָגען וואָרצלען*).

אלעקסאַנדער איז אויסגעוואַקסען אָהן שום רעליגיעזע ערציהונג. ווען נאָך דעם פאַל פון מאָסקווא איז איהם באַפאַלען א טיעפע מרה שחורה און פירסט גאַליצין האָט איהם געראַטען צו זוכען טרייסט אין דער ביבעל, האָט מען דורכגעגישטערט דעם גאַנצען ווינטער־פּאַלאַץ און קיין רוסישע ביבעל ניט געפונען, און אלעקסאַנדער האָט פאַר א וויילע זיך געמוזט צופרידענשטעלען מיט א פראַנצויזישער איבערזעצונג פון דער לאַטיינישער „וואולגאַטע". דער שווערער איינדרוק, וואָס דער וויענער קאָנגרעס האָט אויף איהם געמאַכט, דער טריומף־ברוך פון עסטרייך, די אומדאַנקבאַרקייט פון פראַנקרייך און די אומצופרידענקייט, וואָס זיין באַליעבטער פּראָיעקט — די צוריקאויפשטעלונג פון פּוילען — האָט ארויסגערופען אין פּוילען גופא — דאָס אלץ צוזאַמען האָט פאָלשטענדיג געבראָכען זיין גלויבען אין מענשען. די איבערראַשונג איבער נאַפּאָלעאָנ'ס פּלוצליכען אומקעהרען זיך פון אלבא האָט צושרויפט און צוטרייסעלט זיינע נערווען. דאָס וואָס די געליעב־

*) שאַטאָבריאַן, „דער קאָנגרעס פון וועראָנאַ", ב. 1, ז. 147.

טע האָט איהם פארלאָזען איז געווען דער לעצטער קלאַפּ. ער פאלט ארונטער אונטער דעם איינפלוס פון זיין פרוי, קייזערין עליזא־בעט, וועלכע האָט שוין לאַנג, אין איהר איינזאמקייט, אין איהר אָפּגעזונדערטקייט פון מאַן, געזוכט און געפונען טרייסט אין מיס־טישער מעלאַנכאָליע. אין קארלסרוהע האָט זי גע׳פּועל׳ט ביי איהם ער זאָל באזוכען יונג־שטילינג׳ען און אויספרעגען איהם, ווי ער קוקט אויף דער פּאָליטישער לאַגע, פון שטאַנדפּונקט פון „יוחנן׳ס אנטפּלעקונג״. יונג־שטילינג האָט איהם פארזיכערט, אז נאַפּאָלעאָן איז ניט קיין אנדערער, ווי דער אפּאָליאָן, דער שר פון תהום, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער אנטפּלעקונג (קאַפּיטעל 9, פסוק 2), און אז דאָס מיינט, אז צום טויזענד־יעהריגער רייך איז מיט דער האַנד צו דערלאַנגען.

אין יאָהר 1814, ווען די צארינא איז געווען צו גאַסט ביים באַדענער הויף, איז מאדאם קרידענער איהר פּאָרגעשטעלט געוואָ־רען. זייט דאמאלס האָט די פּייערינגע פּראָפעטין אָנגעפיהרט א שטענדיגע קארעספּאָנדענץ מיט איינער פון עליזאַבעט׳ס הויף־פרייליינס, וועלכע איז געווען אן ענטוזיאַסטישע פארעהרערין פון צאַר; מאדאם קרידענערס כונה דערביי איז געווען, אז איהרע בריף וועלען דעם צאַר געוויזען ווערן. מאַנכע שטעלען לאָזען גאָר קיין ספק ניט איבער, אז זיי זיינען געמיינט, דער צאַר זאָל זיי לייענען, ווי צום ביישפּיעל: „וואָס איהר דערצעהלט מיר ווע־גען דעם צאַר׳ס גרויסע און איידעלע מעלות, האָב איך שוין לאַנג געוואוסט. און איך ווייס אויך, אז דער הימלישער האר וועט מיר באַשערען דאָס גליק מיט איהם זיך צו זעהן — אז דער שר פון פינסטערניש וועט אומזיסט זיך באמיהען מיר צו שטערען אין דעם. איך האָב א סך צו זאָגען דעם צאַר.״ גלייך נאָכדעם ווי דער ציטירטער בריף איז אוועקגעשיקט געוואָרען, איז מאדאם קרידענער אָפּגעפאָהרען קיין היילבראָן; אהין איז אויך באַלד איבערגעפיהרט געוואָרען די רוסישע הויפּט־קוואַרטיר; און איינ־מאָל, שפּעט אין אבענד פון פערטען יוני, 1915, האָט אונזער העל־דין, אומגעמעלדעט און טראָץ דעם אדיוטאַנט׳ס פּראָטעסטען, זיך אריינגעריסען אין צאַר׳ס קאַבינעט, און איז אָפּגעזעסען מיט איהם, אויג אויף אויג, גאַנצע דריי שעה. ווען זי איז ארויס, איז אלעקס־

סאַנדער שטאַרק אויפגערודערט געווען, און זיינע אויגען פול טרע־רען. אין גיכען האָט זי איהם געהאַט פאַלשטענדיג אונטער איהר איינפלוס. זיי פלעגען זיך פארשליסען מאַנכע מאָל אויף אַ האַלבען טאָג, בעטענדיג צוזאַמען, לייענענדיג די ביבעל און דיסקוטירענ־דיג טעאָלאָגישע פּראָבלעמען.

קורץ פאַר דער וואַטערלאָ־שלאַכט, האבען זיי גאַנצע טעג פאַר־בראַכט אין היידעלבערג, לייענענדיג תהלים; ביי אַט דער באַ־שעפטיגונג דערגרייכען איהם די ידיעות וועגען די מפּלות ביי ליני און קוואַטר־בראַ; דער תהלים טרייסט איהם און גיט איהם די זיכערהייט, אז די גערעכטיגקייט איז אויף זיין זייט. ער בעט און פאַסט. דעם 18טען יוני איז געוואונען געווארען די שלאַכט ביי וואטערלאָ; אלעקסאנדער לאָזט זיך גלייך אַוועק קיין פּאַריז, מיט דער פארשטענדיגונג, אז מאדאם קרידענער וועט איהם באַלד נאָכפאָהרען. זיין גרעסטער שבר לב אין יענעם מאָמענט איז, וואס זיין ברודער קאָנסטאַנטין איז נאָך ניט באַקעהרט. פאַר פארלאָזען היידעלבערג, באזוכט אונזער גייסטער זעהערין דאָס דאָרטיגע גע־פענגנים, האלט דרשות פאַר די פאַראורטיילטע צום טויט און ראַטעוועט זייערע נשמות; דאַן פאָלגט זי נאָך דעם צאר, מיט ווע־מעס קריסטליכקייט זי קען זיך גאָר ניט גענוג אָנפרעהען.

אין פּאַריז פייערט זי איהר טריאומף; זי דערגרייכט די העכסטע הויך פון איהר איינפלוס. זי באַזעצט זיך אין האָטעל מאנשעניו, ניט ווייט פון יעליסעי־פּאַלאַץ, וואו אלעקסאַנדער האָט געהאַט זיין קווארטיר, און דער קייזער קען צו יעדער שעה פון טאָג צוקומען צו איהרע צימערען דורך אַ געהיימע גארטען־טירעל. צעשטרייאונגען, לוסטיגקייטען האָבען מעהר קיין אינטערעס ניט פאַר דעם מאַן, וועמען די פּאַריזער האָבען געקענט פאַר אַזאַ פרעהליכען ערשט מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק. „איך בין אַ תלמיד פון קריסטוס" — זאָגט ער — „איך געה ארום מיט אַן עוואַנ־געליום אין האנד און וויל פון קיין אנדער זאַך ניט וויסען." און מאדאם קרידענער שרייבט וועגען איהם: „אלעקסאַנדער איז דער דערוועהלטער פון גאָט. ער געהט מיט דעם וועג פון אנטזאַ־גונג." בלויז מיט דער שפראַך פון „יוחנ'ס אַנטפּלעקונג" קען

זי אויסדריקען וואס זי זעהט אין איהם — דער גרינדער פון קריס־טוס'עס קעניגרייך אויף דער ערד, א פרידענס מלאך מיט דעם פלאַמענדען שווערד פון מאכט א. ז. וו., א. ז. וו. נאַפּאָלעאָן ווי־דער איז דער טייוועל אליין — גלויבט זי מיט אדאם מילער און זיינע אַנהענגער. אלעקסאנדער איז בארופען אויפצושטעלען צו־ריק די מאכט פון קריסטענטום און אפצעווישען די לעצטע שפּור פון דער רעוואלוציע און איהרע טאטען.

אלעקסאנדער'ס עהרפורכט און דאנקבארקייט זיינען געווען אָהן א גרענעץ. אין אָנהייב סעפּטעמבער איז אראנזשירט גע־וואָרען א גרויסער פּאראַד אין לאבער דע־ווערטי אין שאמפּאן. 150 טויזענד רוסישע סאָלדאטען האָבען געדארפט דורכגעלאזען ווערען פאר קייזער אלעקסאנדער. נו, האָט ער אָהן מאדאם קרי־דענער זיך ניט געקענט באגעהן. דעם צאר'ס עקיפּאזש איז געשיקט געוואָרען נאָך איהר פריה פּאַרטאָג, און ער האָט זי אויפגענומען, ניט ווי אן אונטערטאַן, וואָס האָט געפונען חן אין זיינע אויגען, נאָר ווי א מלאך פון הימעל, וואס איז אראָפּגעקומען צו פיהרען זיינע חיילות צו נצחון. „מיט א נאַקעטען קאָפּ, אדער באדעקט מיט א שטרוי־היטעלע, וואָס געוועהנליך פלעגט זי עס טראגען אין האנד; איהרע נאָך אליץ שעהנע אַש־בלאָנדע האָר, פאַרפלאָכטען אין צעפּ, וואָס זיינען איהר אראָפּגעהאָנגען איבער די אקסלען און מיט געקרייזעלטע לאָקעלאך איבערן שטערן; אָנגעטאָן אין אן איינפאך שווארץ קלייד, עלעגאנט צוגעשניטען און נאָך מיט מעהר עלעגאנץ געטראגען און ארומגעכאפּט מיט אן איינפאכען גארטעל ארום דער טאַליע — אזוי איז זי אָנגעקומען אין פריה־מאָרגען פון יענעם טאָג, און אזוי איז זי געשטאַנען צו דער תפילה אין פראָנט פון די פארגאַפטע סאָלדאַטען" *).

מיט א יאָהר פריהער האָט אלעקסאנדער געהאט געלייענט דעם בוך פון דייטשען מיסטיקער פראַנץ פאָן באאדער — „וועגען דער נויטיגקייט, וואָס די רעוואָלוציע האָט געשאפען, פאר א נייער און אינטימערער פארבינדונג צווישען רעליגיע און פּאָליטיק".

---

*) סען־בעוו, לויט דער דערצעהלונג פון א צושויער.

אונטערן איינפלוס פון דעם בוך איז ביי איהם געבאָרען געוואָרען אַן אומבאשטימטער פּלאַן צו פאראייניגען אַלע קריסטליכע מאָ־נאַרכען פון אייראָפּא אין א געהיימען בונד, וואָס זאָל געשטעלט ווערען אונטער גאָט'ס ספּעציעלער השגחה; אבער אין וויען האָט ער געמוזט אויפגעבען יעדען געדאנק דורכצופיהרען דעם פּלאַן. איצט האָט ער איהם דיסקוטירט צוזאַמען מיט מאדאם קרידענער. זי האָט זיך אנגעכאפּט אַן דער אידעע, דערקלערענדיג אַז גאָט האָט אויך איהר אריינגעגעבען דיזעלביגע אידעע. און ווער קען זיך איינשטעלען און זאָגען, אַז דאָס איז אוממעגליך, אָדער אַז דאָס איז אומוואַרשיינליך? אַז אַזא אידעע — ד ע ר פּ ל אַ ן פ ו ן ד ע ר ה י י ל י ג ע ר אַ ל י אַ נ ץ — איז ניט גע־באָרען געוואָרען אין דעם קאָפּ פון אַן אָרימער, צעדולטער פרוי, וועמעס מוח האָט זיך איבערגעקעהרט פון די זינדיגע ליעבעס פון איהר יוגענד און פון דער צעהיצטער פרומקייט פון איהרע עלטערע יאָהרען? פארקעהרט, עס איז מעהר ווי וואַרשיינליך, אַז אייראָ־פּא און די ציוויליזאציע האָבען דאָס איהר צו פארדאנקען פאר דער אידעע פון דער הייליגער אַליאַנץ. א מאַן, וואָס איז שטארק געניינט צו אונטערשעצען איהר איינפלוס, און מאַנכע מאָל איז ער אַזוי אומגערעכט, אַז ער לייקענט איהם אָפּ אין גאנצען — גרויס־הערצאָג פון מעקלענבורג־שטערליץ, דער פּרייסישער קע־ניגין לואיזאַס באַליעבטער ברודער, שרייבט: „מאדאם קרידע־נער האָט קיינמאָל דעם מינדסטען איינפלוס ניט געהאַט איבער מיין שוועסטער, דעם מלאך פון פּרייסען, און אויך ניט איבערן קעניג, איהר מאַן, וועלכער האָט פּאָלקאָם ריכטיג אפּגעשאַצט די האָזיגע טרויעריג־באַריהמטע דאַמע; אָט זעהט איהר, קייזער אלעקסאַנדער'ן האָט זי אַזוי פאָלשטענדיג באַהערשט, אַז די היי־ליגע אַליאַנץ, וואָס ער האָט פארגעשלאָגען און פארווירקליכט, קאָן פארערכענט ווערען פאר דורכאויס איהר ווערק; איהר קענט זיכער זיין, אַז איך וואָלט עס ניט געזאָגט, ווען איך וויים עס ניט אויף געווים."

אין א פּאָר טעג אַרום נאָך איהר אָנקומען אין פּאַריז, האָט אלעקסאַנדער געזאָגט צו מאדאם קרידענער: „איך פארלאָז פראנק־רייך; אבער פאר מיין אפּפאָהרען וועל איך פארעפענטליכען א

מאַניפעסט, אין וועלכען איך וועל אפּגעבען דאַנק צו גאָט דעם פאַ־טער, דעם זוהן און דעם הייליגען גייסט און איך וועל אויפפאָ־דערען אַלע פעלקער צו פאַראייניגען זיך אין אַ בונד פון געמיינ־שאַפטליכער אונטערוואַרפונג צום עוואַנגעליום.” און מיט די ווער־טער האָט ער איהר דערלאַנגט אַ פּאַפּיער. דאָס איז געווען דער פּראָיעקט פון דעם אָפּמאַך צווישען די דריי מאָנאַרכען. קאַפּ־פיק, וועלכער האָט דעם דאָקומענט געזעהן, שרייבט: „איך האָב פאַר מיר ליגען דעם רויהען פּראָיעקט פון דעם אָפּמאַך; עס איז פון אָנהייב ביז׳ן סוף אין קייזער אַלעקסאַנדער׳ס האַנדשריפט, מיט אויסבעסערונגען פון מאַדאַם קרידענער. די ווערטער הייליגע אַליאַנץ זיינען געשריבען פון דער דאָזיגער וואונ־דערליכער פרוי.”

אַלזאָ, אפילו דער נאָמען איז איהר ערפינדונג. דער נאָמען איז אַן אָנצוהערעניש אויף דער נבואה וועגען דעם ענד פון דער וועלט אין ספר דניאל.

מיר האָבען נאָכגעפאָלגט די קאַריערע פון דער פרוי פון אָנ־הויב אָן, מיר ווייסען ווער און וואָס זי איז געווען; מיר האָבען אויך אַ באַגריף וואָס די רעוואָלוציע איז געווען. און עס קומט אונז פאָר אַזוי משונה, אַז אַזעלכע פרומע פּראַזען, איבערגעניצע־ווערטע פּסוקים פון „יוחנן׳ס אַנטפּלעקונג”, געשריבען מיט דערזעל־ביגער פען, וואָס האָט געשריבען די עלענדע צו סידאַני, פון אַ פרוי, וואָס האָט מיט אַ פּאָר יאָהר פריהער געקויפט שאַרפען און היט „אַ־לאַ־וואָלעריע”, — אַז אַזעלכע פּראַזען זאָלען האָבען דעם כוח איינצוהאַמעווען דעם אימפּעט פון רעוואָלוציאַנס־שטראָם אויף גאַנצע פופציהן יאָהר. פופציהן יאָהר האָט עס גענומען, ביז די אומפאַרמיידליכע רעוואָלוציע, דער פּראָגרעס פון דער ווי־סענשאַפט, די געוואַגטקייט פון דער קונסט, דער בונט פון די הער־צער — האָבען זיך צענויפגענומען און געבראָכען דעם כישוף.

די דריי מאָנאַרכען „ערקלערען פייערליך, אין נאָמען פון דער אַלערהייליגסטער און אומצעטיילבאַרער דריי־איינינקייט, אַז מיט דער דאָזיגער דערקלאַראַציע האָבען זיי בדעה צו פּראָקלאַמירען

אין אנגעזיכט פון דער גאַנצער וועלט זייער פעסטען באשלוס — א באשלוס קיינמאָל ניט אָפּצורופען — אז אין דער פּאַרוואַלטונג פון זייערע אייגענע מדינות און אין זייערע פּאָליטישע באציהונ־גען מיט אַנדערע רעגירונגען וועלען זיי זיך פיהרען דורכאויס לויט די כללים פון יושר, ליעבע און אמת, וואס זיינען פארגעשרי־בען פון דער קריסטליכער רעליגיע. די דאָזיגע פארשריפטען דארפען ניט נאָר אנגעווענדט ווערען אין פריוואַטען לעבען. ווייט דערפון; זיי דארפען דירעקט באאיינפלוסען די פיהרונגען פון די הערשער, ווייל זיי זיינען די איינציגע מיטלען צו באפעסטיגען די געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס און צו פארריכטען זייערע פעה־לערען."

אזוי לייענט זיך דער אָפּמאַך. און וואס עס איז געווען אויפריכטיגע, גוטגעמיינטע כונה מצד דעם נארישען קייזערליכען ענטוזיאַסט איז געווען ניט מעהר ווי אויסגערעכענטע צוויי־פּנים'־דיגע פּאָליטיק מצד פון זיינע געקרוינטע קאָלעגען. ווער ווייס דען ניט דאָס ווייטערדיגע? ווער ווייס דען ניט, וואס די הייליגע אליאַנץ האָט שפּעטער געגומען באַטייטען? פארקערפּערטע איי־ראָפּעאישע רעאַקציע, לויט איהר תוך — באַרבאַריי און לויט איהר פאָרם — ליגען. דאָס האָט די הייליגע אליאַנץ פארפינסטערט די פינסטערסטע יאָהרצעהנדליגע פון 19טען יאָהרהונדערט, דאָס האָט מען אין איהר נאָמען געדריקט און געשטיקט אפילו דעם שוואַכ־סטען פארזוך צו גייסטיגער און פּאָליטישער פרייהייט.

צו דער אליאַנץ איז פרייוויליג צוגעשטאַנען דער פאָרשטעהער פון יענער מאַכט, וואָס האָט געהאַט צו געווינען דעם גרעסטען געווינס פון איהר — דער פּאַפּסט. פּיוס האָט פארבויגען זיין כבוד, אלס דער הויפּט פון דער רוימיש־קאַטוילישער קירך, וואָס דאָס מיינט דער איינציגער פארטרעטער פון הימעל אויף דער ערד, דער איינציגער פּאַפּסט אויף דער וועלט, און האָט געלויבט אין הימעל אריין, געריהמט אלס קאָלעגען, גלייך צו איהם אין פּאַפּסט־ליכקייט — אלעקסאַנדער'ן אלס דעם גריכישען פּאַפּסט, דעם פּריי־סישען קעניג אלס דעם לוטעראַנישען פּאַפּסט און דעם ענגלישען קעניג אלס דעם אנגליקאַנישען פּאַפּסט. אויף דעם וויענער קאָנ־

גרעס האָט ער פאַרגעשלאָגען א רעסטאווראציאָנס פּלאן, וואָס אנט־קעגען איהם ווערען בלייך די טרוימען פון אלע רעאקציאָנערען פון אלע צייטען און וואָס אלע פריהעריגע פארזוכען צוריקצוברענגען די פאַר־רעוואָלוציאָנערע צושטאנדען זיינען אין פארגלייך מיט איהם גאָרנישט מיט גאָרנישט. מיט איין שטריך פון פעדער האָבען געדאַרפט אויסגעמעקט ווערען די רעוואָלוציע מיט דער אימ־פּעריע. די היילינגע רוימישע אימפּעריע האָט געדאַרפט צוריק אויפ־געשטעלט ווערען — מיט דער גאנצער מיטעלאַלטערליכער אָרדנונג, מיט איהרע סאָציאלע פיהרונגען, קאָנדיציעס און אינסטיטוציעס — מעשר, קירכען־אייגענטום, צינז־פריוויעגיעס פאר די גייסטליכע און די אינקוויזיציע.

די לעצטע יאָהרען פון מאדאם קרידענער'ס לעבען האָבען ניט אָנצואווייזען קיין געשעהענישען פון א היסטאָרישען אינטערעס. זי ווערט אלץ אויפריכטיגער און פאנאַטישער אין איהר גלויבען, און אלץ הייסער ווערט איהר וואונש צו באשטעטיגען איהר גלויבען מיט טאטען. עס איז איצט געווען דער איינציגער וואונש פון איהר הארצען און איהר איינציגער ציעל אין לעבען צו העלפען די אָרימע און קראנקע. זי האָט געפּרעדיגט צו די אָרימע, געבויט קירכען און פארקינדיגט דאָס קומען פון גאָט'ס קעניגרייך. אָבער פון דער רגע, וואו איהר קריסטענטום האָט אָנגענומען א פּראקטישע פאָרמע, איז אויס געווען מיט איהר גדולה. די קעניגע, די מאַכט־האָבער און די אלע גרויסע לייט, וואָס האָבען געשמייכעלט צו איהר כל זמן זי איז געווען און געבליבען א הויף־דאמע, האָבען אינסטינקטיוו דערפיהלט אין איהר א שונא, אזוי גיך זי האָט זיך געווענדט צום פאָלק. איינמאָל האָט זי דורכגעוואנדערט די שווייץ פון גרענעץ צו גרענעץ אין א הייליג־ווילדער טריאומפאלער פּראָ־צעסיע; א צווייטען מאָל אָבער, ווען זי האָט באזוכט די מדינה, איז זי ארויסגעשיקט געוואָרען פון איין שטאָדט נאָך דער אנדערער. די פּאָליציי האָט איהר געבערענט די טריט.

אין באזעל, וואו זי האָט פארטיילט צווישען די סאָלדאטען רעליגיעזע בראָשורען און האָט באקעהרט, לויט איהרע אייגענע ווערטער, א האלבען גאַרניזאָן, האָבען די פּאסטאָרען, אויסער זיך

פֿאַר צאַרן, גע׳פועל׳ט ביי דער מאכט זי צו פארטרייבען פון שטאָדט; אין באַדען, וואו זי האָט בעת אַ הונגער געטיילט צדקה מיט דער ברייטסטער האנד, האָבען די זשאַנדאַרען ארומגערינגעלט איהר הויז און צוּיאָגט די אָרימע לייט, וואָס האָבען זיך ביי איהר אויפ־געהאַלטען. אויך פון לוצערן האָט די פּאָליציי זי משלח געווען. ווען זי האָט געפּרואווט זיך אריינכאַפּען אין פראַנקרייך דורך על־זאַס, איז איהר דער אריינפֿאָהר פארווערט געוואָרען, און גלייכ־צייטיג האָט די באַדענער פּאָליציי איהר פארשפּאַרט דעם וועג אויף צוריק. ענדליך איז זי אונטער קאַראַוואַל אָפּגעפיהרט געוואָרען צו דער רוסישער גרענעץ: די ווירטעמבערגער פּאָליציי האָט זי איבער־געגעבען צו דער בייערישער, די בייערישע צו דער זאַקסישער, די זאַקסישע צו דער פּרייסישער, און צולעצט די פּרייסישע צו דער פּאָליציי פון איהר געבורטסלאַנד. אַלעקסאַנדער׳ס פריינדשאַפט האָט זי אָנגעוואָרען אויף שטענדיג, טיילווייז ווייל זי האָט צופיעל געפּלאַפּלעט וועגען דעם אורשפּרונג פון דער הייליגער אליאַנץ און טיילווייז ווייל אויף איהרע רייזען איז זי כסדר באַגלייט געווען פון אַ געמישטער און אָפט פארדעכטיגער חברה. די באַשרייבונ־גען, וואָס זי האָט געגעבען אין איהרע רעליגיעזע צייטשריפטען און בראָשורען וועגען די סאָציאַלע איבלען — וועגען דער טיעפער נויט פון די אָרימע, וועגען די אומגערעכטיגקייטען און אונטער־דריקונגען, וואָס זיי שטעהען זיך אויס פון זייערע הערשער, זיינען פארשריען געוואָרען אַלס קאָמוניזם און סאָציאַליזם. דאָס קרים־טענטום, ווי זי האָט עס פארשטאַנען, האָט אַנדערש ניט געקענט ווי אויפרעגען די מאכט. און דערצו נאָך איז זי געווען נאַאיוו גענוג, זעהר אומפּאָרזיכטיג אויסצודריקען איהר ענטוזיאַזם איבער דער גריכישער מלחמה פאַר אומאָפּהענגיגקייט, און טאַקטלאָז גענוג צו דערקלעהרען אָפען, אַז אַלעקסאַנדער, אַלס דער גרינדער פון דער הייליגער אַליאַנץ, איז פארפּליכטעט צו שטעלען זיך בראש פון אַ קרייצצוג געגען טערקיי. פארשטויסען פון אַלעקסאַנדער׳ן, האָט זי פארלאָזען פּעטערבורג און פון דאַמאָלס אָן האָט זי געלעבט אַלס מיסיאָנער, אין זעלבסט־פּייניגונג און פּריווילעגיע אָפּקומעניש. זי האָט דורכגעמאַכט פארשיעדענע צרות, אַליין גענומען אויף זיך ליידען און פארלייכטערט די ליידען פון אַנדערע וואו נאָר זי האָט

געקענט. זי איז געשטאָרבען אין יאָהר 1824, אויף אַ מיסיאָנס־רייזע אין קרים.

און אינטערעסאַנטען קאָנטראַסט צו דער פראַנצויזיש־רוסישער מאַדאַם קרידענער שטעלט פאַר מיט זיך די דייטש־רוסישע פירסטין גאַליצין — אַ דאַמע, וואָס באַלאַנגט צום סוף פון 18טען יאָהר־הונדערט, ווי מאַדאַם קרידענער באַלאַנגט צום אָנהויב פון 19טען יאָהרהונדערט. מאַדאַם קרידענער'ס געשטאַלט קומט ארויס בולט'ער, ווען מען שטעלט זי אַנטקעגען דער פירסטין גאַליצין. די פירסטין איז אַן עכט דייטשער טיפּ. זי איז פונקט אַזוי איינ־פאַך, ווי איהר אינגערע צייט־גענאָסין איז ראַפינירט און קאָמפּלי־צירט. זי איז גייסטרייך און סענטימענטאַל צוגלייך, רייך אין נשמה און אָרים אין ענערגיע. איהר מאַן, ווי באַראָן קרידענער, איז געווען אַ וועלט־מענש. ער איז געווען אַ פריינד און פאַר־עהרער פון דידעראָ; און פאַקטיש איז דאָס געווען דידעראָ, וועלכער האָט דער ערשטער אין איהר אַריינגעגעבען חשק און מוט צום שטודירען, אָבער גאָר גיך איז זי געוואָרען דעם פילאָזאָף'ס ביטער־סטע געגנערין. די פירסטין איז פונקט אַזוי גלייכגילטיג צו איהר אויסערליכקייט, צו איהר ווייבליכען רייץ, ווי מאַדאַם קרידענער איז קאָקעטיש. זי גאָלט זיך אָפּ דעם קאָפּ, כדי צו פאַרשפּאָרען פאַר זיך דעם צוטריט צו דער געזעלשאַפט און פון איהר 24טען יאָהר לעבט זי אַן אָפּגעשלאָסענעם לעבען. כדי אין גאַנצען זיך אויס־צוהיילען פון עגאָאיזם — „איז זי מקריב איהר שכל צום גאָט פון ליעבע". איהר אומוויסענהייט וועגען דער וועלט ווייזט זיך ארויס פון פאָלגענדען פאַל: איהר זוהן האָט געוואָלט אַריינטרע־טען אין מיליטער־דיענסט פון אַן אויסלענדישער מלוכה. ווענדט זי זיך צוערשט צום פּרייסישען אויבערקאָמאַנדיר, דערנאָך צום עסטרייכישען מיט אַ בקשה, זיי זאָלען איהר דערלויבען מיטצו־שיקען מיט איהר זוהן אַ באַגלייטער, וועלכער זאָל אויף איהם אויפ־פּאַסען און אָפּהיטען פון די שלעכטע געוואוינהייטען, וואָס קלעפּען צום מיליטערישען לעבען, און זי איז איבערראַשט, ווען זי באַקומט פון ביידען אַן ענטפער, אַז עס איז אוממעגליך, אַז אַן אָפיציער זאָל מיטנעהמען אין דער אַרמעע אַ מין מענליכע גובערנאַנטין.

און הגם די פירסטין גאַליצין איז וואַרם־האַרציג און געפיהל־

פּול, איז דער טאָן איהרער אַלעמאַל פרום־איבערערדיש, בעת מאַ־דאם קרידענער איז תאוה׳דיג אפילו אין איהר מיסטיציזם. *)

אין מאדאם קרידענער האָבען מיר פאר זיך אַ מענשען, וואָס איז ווי באשאפען געוואָרען אויפצוטאָן עטוואָס גרויסעס אין לע־בען; די נאַטור האָט אין איהר אריינגעגעבען אזוי פיעל לעבענס־ענערגיע און אזוי פיעל לעבעדיגען געפיהל, אַז עס וואָלט געקלעקט פאר צוויי געוועהנליכע מענשען. אָבער ניט אין איהר לעבענס־ענערגיע און ניט אין דער לעבעדיגקייט פון איהר געפיהל דארף מען זוכען דעם תוך פון איהר וועזען, נאָר אין דער אינוועניגסטער אומרוהיגקייט, אין דעם אינוועניגסטען פייער, וואָס שפּריצט אָהן אויפהער מיט פונקען אין אַלע זייטען. און ווייטער איז דער גרונד־קאַפּיטאַל פון איהר כאראקטער צונויפגעשטעלט פון רוסי־שער אומבאשטענדיגקייט און בויגיגקייט, פון דייטשער סענטימענ־טאַליטעט, פון פראנצויזישען חוש פאר פּראָפּאָרציע און פון „אזיאַ־טישער" תאוה׳דינער גראציע.

זי טרעט אריין אין לעבען אָהן אַ גרינדליכער דערציהונג היג־טער זיך, אָהן אַן ערנסטען ציעל פאר זיך, מיט אַ מעכטיג לעכצעניש נאָך גליק און מיט אַ געוויסער פּאָעטישער אַנגעשטימטקייט — פּאָלגליך, איז פאראויס פאראורטיילט צו לעבען אין אילוזיעס. ווען זי דערזעהט זיך ארומגערינגעלט מיט פאריעטערער, זויגט זי זיך אָן ביז שכרות מיט דעם תענוג פון פארגעטערט ווערען, און בארוישט און פארבלענדט נעהמט זי זיך באטראכטען פאר אַ העכערען וועזען.

---

*) קאטער־קאַמפּ, „דענקווירדיגקייטען אויס דעם לעבען דער פירסטין אַמאַליאַ פאָן גאַליצין", מינסטער, 1828.

דעם בעסטען באגריף פון איהר רעליגיעזער התלהבות קען מען קריגען פון אזאַ פּאָעמאַ איהרער, וואָס איז אזוי שעהן ווי קליין:

געבעט פון דער ליעבע.

ליעבע! לערן אונז בעטען, אַז די ליעבע זאָל אונז דערהערען. אָה, אַ בשותפיש געבעט אין ליעבע איז די קוואַל פון ליעבע, די קוואל פון אייביג לעבען און איבערמענשליך גליק! שוועסטער, רוף צו מיר: אָה, ברודער, שיק צום פאָטער תפילות פון ליעבע פאר מיר — איך שיק תפילות פון ליעבע צום פאָטער פאר דיר. אָה, שוועסטער!! קיין תפילת צו ליעבע, פון ליעבע, פאר ליעבע איז אומזיסט!

כל זמן זי היט אָפּ אויסערליכע טרייהייט צום מאַן, לעבט זי אין דער אילוזיע, אַז זי איז אַ העלדין פון פליכט. ווען זי ווערט אומ־טריי צו איהר מאַן, פארפאסט זי זיך אַ נייעם מוסטער, פארוואַנ־דעלט זי זיך אין איהר אייגענער פאַרשטעלונג אין אַ נייעם אי־דעאל — דער אידעאַל פון דער שעהנער זינדערין. ניט אומזיסט שרייבט זי וועגען די דאַמען פון זשענעווו, אַז זיי פעהלט סיי דער חן פון טוגענד און סיי „דער רייץ פון זינד". מיט דעם רייץ פון זינד איז זי באַשאַנקען. זי איז אַלעמאָל דער אידעאַל, יעדעם מאָל דער אידעאַל אין דעם זין, אַז זי איז די ערשטע פון איהר מין, די איינציגע. אַט פון דעם פאראידעאַליזירען זיך אין דער אייגענער פאַנטאַזיע שטאַמט, צום ביישפּיעל, איהר גלויבען, אַז זי האָט גע־בראכט גליק (אָרדענס און טיטולען) צו איהר מאַן.

אַלע אילוזיעס — די רעליגיעזע אילוזיע איינגעשלאָסען — נעהמען זיך פון אַ פאַלשער פארקניפּונג צווישען סבה און ווירקונג. אָבער די רעליגיעזע אילוזיע איז אַ טאָפּעלטע אילוזיע. דער סוב־יעקט, וואָס ליידט אויף איהר, פיהרט ניט צוריק די ווירקונג צו איהר אמת'ער סבה, נאָר צו עפּעס אַ נעפּעלדיגען אורשפּרונג, צום מיטעלפּונקט פון עקזיסטענץ — אילוזיע נומער איינס — און אין דעם מיטעלפּונקט פון עקזיסטענץ זעצט ער אריין ניט די גאָט־הייט — ווי ער מיינט עס — נאָר זיך אליין, זיין אייגענע פּער־זענליכקייט — אילוזיע נומער צוויי. דאָס שעהנע ווייבעל רעדט זיך איין, אַז איהר מאַן באקומט מעדאַלען דירעקט פון גאָט, נאָר דאָס איז נאָך ווייניג: זי מאַכט עס גאָט שענקען מעדאַלען צו איהר מאַן. זי איז די אמת'ע סבה, גאָט איז דער מיטעל, מיט וועל־כען זי ווירקט. און זי לעבט איהר לוסטיג לעבען כל זמן אַזאַ לעבען פאַרזאָרגט זי מיט אילוזיעס. אָבער אַ קלוגע פרוי, מיט פיינע נערוועז, ווערט סוף כל סוף מיד פון אַזאַ אַרט לעבען, זי ווערט מיד פון דער אייפערזוכט פון יעדען נייעם פאַרעהרער אויף זיין פאָרגענגער, פון נאַרען זיך און דעם צווייטען צום 10טען און 20טען מאָל, מיט די ווערטער: „ביזט דער איינציגער, וועמען איך האָב אַמאָל געליעבט". ווען דאָס לעבען האָט זיך אויסגעלעדיגט פון אַלע אילוזיעס, ווען די עקזיסטענץ אויף דער וועלט האָט פאַר־לאָרען איהר רייץ — עפענט זיך נאָר איין מעגליכקייט פאַר נייע

אילוזיעס — יענע וועלט. די אַפּאָפּלעקסיע, וואָס האָט דער'הרג'עט איהר געליעבטען, באַטראַכט זי מיט די זעלבע אויגען, ווי דער הייליגער אויגוסטין, פּאַסקאַל און לוטער האָבען באַטראַכט עהנליכע פּאַסירונגען. דאָס איז אַ וואונק, אַ וואַרנונג צו איהר. דער גליק־ליכער שוסטער דערצעהלט איהר וועגען זיין זיכערהייט, אַז ער איז איינער פון גאָט'ס אויסדערוועהלטע. ווען זי דערוויסט זיך דעם סעקרעט פון זיין גליק, באַשליסט זי, אַז זי וועט אויך זיין איינע פון די אויסדערוועהלטע.

דער גלויבען אין גאָט איז אין איהר פאַל נישט מעהר ווי די צופרידענשטעלונג פון איהר וואונש צו זיין די אויסדערוועהלטע, די פאַרגעצויגענע. זי האַלט זיך פאַר אַ באַקעהרטע, אָבער אין גרונד האַרצען בלייבט זי ווי געוועזען. ווען זי לעגט אריין אין גאָט'ס מויל ווערטער, אין וועלכע ער פאַרזיכערט זי אין זיין ליעבע צו איהר, טוט זי דען אַן אַנדער זאַך, ווי זי האָט אַמאָל געטאָן, ווען זי האָט געשריבען בריעף און עלעגיעס צו סידאַני? דער ווידער־קול פון איהר זעלבסט־פאַרגעטערונג קלינגט איהר ווי אַ קול פון הימעל, און זי דאַנקט גאָט, וואָס זי איז איצט ווי פריהער די אויס־געצייכענטע — אויסגעצייכענט דורך זיך אליין. וואָס זי וויל איצט איז וואָס זי האָט פריהער געוואָלט — איז צו זיין געליעבט. אזוי ווי שאַטאָבריאַן איז נעגאַנגען צו זיין ערדישער אַלהאַמבראַ דורך דער ערדישער ירושלים, אזוי זוכט זי די הימלישע אַלהאַמבראַ דורך דעם הימלישען ציון. די איינציגע נפקה מנה איז, וואָס ער וויל אָפּ־נאַרען אַנדערע, און זי נאַרט זיך אַליין. זי איז אַ קאָקעטקע; אזוי אויך ער, און אזוי אויך לאַמאַרטין; זיי זיינען פאַרריסענע קאָ־קעטען, זי אַ באַשיידענע.

וואָס עס אונטערשיידט זי הויפּטזעכליך פון זיי, איז אבער ניט איהר כאַראַקטער, נאָר די מאָס פון איהרע פעהיגקייטען, איהר ווייבליכע נאַטור. שאַטאָבריאַן, אַלס מאַן, האָט לכל הפּחות גע־האָט עפּעס אַ השגה פון וויסענשאַפט, און דאָס איז גענוג געוועזען, ער זאָל זיך ניט לאָזען אָפּנאַרען פון בעלי־מופתים און דאַרפישע נביאה'טעס. מאַדאַם קרידענער איז אַ פרוי, און אין אַ רעאַקציאָ־נערען צייטאַלטער גילט דער כלל: די פרוי איז דער נאַטירליכער רויב פון גלחים. אָהן שום וויסענשאַפטליכער שטיצע פאַר איהר

געדאנק, וועט זי פריהער אדער שפּעטער, אויסער אונטער גאר זעלטענע, אומגעוועהנליך גינסטיגע אומשטענדען, פאלען א קרבן פון איהר ענטוזיאזם, וואס ווייס ניט אויף וואס זיך צו פאר־שווענדען, פון איהר טונקעלער ביינקשאַפט נאָך עפּעס וואס זי ווייס אליין ניט, פון איהר שרעקעדינגקייט, וואס ווערט טעראריזירט פון די לעבענסאומגליקען, און פון איהרע פארשיידענע איינבילדונ־גען; און די אלע צוזאמען — דער ענטוזיאזם, די ביינקשאַפט, די מורא, די איינבילדונגסקראפט — לעגען אוועק זייער קרבן געבונדענערהייט צו די פים פון דער קירך, אלס רויב פון די גלחים, וואָס זייער אויטאָריטעט איז פון קינדווייז אָן איינגעקריצט געווארען אין איהר נשמה דורך דער דערציהונג. דאס איז געווען דער פאל מיט מאדאם קרידענער. אלע גייסטיגע ערשיינונגען פון איהר צייט, מיט וועלכע זי קומט אין באריהרונג — די גרויסע מלחמות פאר פרייהייט, די פארשונגגסלוסט, די פילאָזאָפיע, דער גרויסער רעספּעקט פאר אויפקלערונג — דאָס אלץ געהט איהר פארביי און בלייבט ניט פארשטאַנען. די איינציגע אייגענשאַפט פון דעם גייסט פון איהר צייט, וואס זי פארשטעהט און באנעהמט און נעהמט אריין אין זיך — איז דער לייכטזין. און ווען עס הויבט זיך אָן די רעאַקציע קעגען דעם 18טען יאהרהונדערט, איז דער ערשטער און הויפּט־פארוואורף וואס ווערט געמאכט קעגען איהם — נאַטירליך, זיין גאטלאָזיגקייט, זיין הפקרות. מאדאם קרידענער נעהמט גלייך מיטשרייען דעמזעלביגען געשריי, ווארים זי אליין האָט פאר קיין אנדער זאך קיין אויג ניט געהאט, האָט מעהר נישט פארשטאַנען אין איהם, ווי נאָר זיין לייכטזין און צעלאָזענקייט.

די רעאקציע געווינט אין קראפט; באלד האָט זי אן אייגענע ליטעראטור, א ליטעראטור, וואס באהאנדעלט אלע יענע איבערנאַטירליכקייטען, וואס די אויטאָרען מאכען דעם אָנשטעל פאר זייערע לעזער, אז זיי גלויבען אין זיי. זיי שרייבען גאנצע בענדער וועגען כסא הכבוד, וועגען שרים און מלאכים, וועגען כרובים און שרפים. זיי מאכען דערביי אן ערנסטע מינע, אבער עס פאלט זיי גאר ניט איין, אז עמיצער וועט זיי נעהמען ערנסט. נאָכדעם ווי יעדער מיטעל און אלע פעהיגקייטען זיינען אויסגענוצט גע־

וואָרען צו פאַרהערליכען די טראַדיציע, באַווייזט זיך אַ פּרוי, וועלבע איז נאַאיוו גענוג צו פאַרשטעהן דאס אַלץ בוכשטעבליך, צו גלויבען, אַז מאַריע קומער האָט גערעדט מיט מלאכים און אַז פּאָנטען האָט געזעהן די אַלע איבערנאַטירליכע וויזיאָנען, וואס עס איז געווען די מאָדע זיי צו באַשרייבען אין פּאָעזיע. די פּאָעטען האָבען אָנגעהויבען פון זינגען לויבגעזאַנגען צו בעלי־מופתים און נביאים — אָן אַרימע, נאַאיווע מאַגדאַלענא גלויבט זיי אויפ׳ן וואָרט, גלויבט אין די וואונדער, וואס ווערען איהר געוויזען און מאַכט אַליין אַ פּראָבע אין נבואה. מיר זיינען שוין גרייט צו שאָקלען אויף איהר מיט׳ן קאָפּ און צו שענקען איהר אַ שמייכעל פון מיטלייד, ווען פּלוצלונג דערזעהען מיר, אַז די מאַכטהאָבער פון יענער צייט נעהמען זי זעהר ערנסט. זי ווערט אַליין אַ מאַכט. שאַטאָבריאַן, וועלכער גלויבט ניט — ניט איהר און ניט מיט איהר, גלויבט אָבער אין איהר איינפלוס, זוכט צו געווינען איהר שטיצע פאַר זיינע פּאָליטישע פּראָיעקטען, אָבער אומזיסט. זי האָט נאָר איין וואונש — ווידער אויפצוריכטען די *אויטאָריטעט* פון קריסטענטום, וואָס די רעוואָלוציע האָט צושטערט. אין איהרע אויגען האָט די רעוואָלוציע נאָר איין זאַך געטאָן — זי האָט געשטירצט די הייליגע טראַדיציע. זי, מאַדאַם קרידענער, וויל אויך טאָן נאָר איין זאַך, דעם היפּוך דערפון — צוריקצוגעווינען פאַר׳ן קריסטענטום זיין וועלט־באַדייטונג.

אַלעקסאַנדער כאַפּט זיך אָן אָן דער אידעע; די אַנדערע הערשער אַדאָפּטירען זי אַלס אַ ניצליכען פּאָליטישען מיטעל. כל זמן מאַדאַם קרידענערס וואונש איז צו רעכטפערטיגען די *אויטאָריטעט* פון קריסטענטום, כל זמן זי ציעלט צו דערהויבען און צו באַקעהרען די פעלקער *פון אויבען*, אין בונד מיט זייערע הערשער, איז מאַדאַם קרידענער אויפ׳ן שפּיץ פון איהר עהרע און רוהם, אָבער אָט קומט אַן איבערקעהרעניש אויף איהר. די לאָגיק פון איהר רעליגיעזער ענטוויקלונג צווינגט זי צו אַ פּאַרזוך צו באַקעהרען די פעלקער *פון אונטען*, זי געהט צווישען זיי און לויט דעם ביישפּיעל פון די פאַרצייטיגע אַפּאָסטאָלען פּראַקטיצירט זי קריסטענטום, ניט נאָר זי דרש׳ענט עס אַלס אַ לעהרע. וואָס פאַר אַ קינדישקייט! אַזוי נאַאיוו איז זי, אַז זי גלויבט, אַז די

הארען וועלען קוקען מיט דיזעלבינע גנעדיגע אויגען אויף איהרע נייע פאַרזוכען, ווי אויף איהרע פריהעריגע. זי פאַרשטעהט ניט, אַז אויטאָריטעט ציטערט פאַר יעדער אריינמישונג אין איהר פּרינ־ציפּ, אויסער יענער אריינמישונג, וואָס געהט אָפיציעל אונטער איהר נאָמען. פון דער רגע, וואו זי הויבט באמת אָן צו האנדלען אַלס קריסטין, ווערט זי באהאַנדעלט אַלס רעוואָלוציאָנערקע. אין איהר באַגייסטערונג פאַר דער ברודערשאַפט פון אַלע מענשען, אין דעם ענטוזיאַזם, מיט וועלכען זי שטעלט זיך איין פאַר די אָרימע און אונטערדריקטע, זעהען די טרעגער פון אויטאָריטעט אַ באַוויז, אַז זי איז — אַ סאָציאַליסטקע און אַ קאָמוניסטקע.

און אַזוי איז אויף מאַדאַם קרידענערס גורל אויסגעפאַלען צו באַווייזען אין דער פּראַקטיק, וואָס עס באַטייט די אויפריכטונג פון קריסטענטום אַלס אויטאָריטעט. ווען מען האָט געוואָלט די אויפ־ריכטונג פון קריסטענטום, האָט מען געמיינט בלויז קריסטענטום אַלס א ו י ט אָ ר י ט ע ט, אַלס מ אַ כ ט, אַלס אָ ר ד נ ו נ ג. מען האָט געוואָלט מיט קריסטענטום זיך באַנוצען, ווי מען באַנוצט זיך מיט דער פּאָליציי, מיט דער אַרמעע, מיט די געפענגניסען, כדי אויפצוהאַלטען אַלץ אין רוה און אָרדנונג, כדי צו שטיצען דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט. פון דער מינוט, וואו קריסטענטום האָט גענומען באַטראַכט ווערען אַלס אַ פּערזענליכען ענין, אַלס אַ זאַך פאַר זיך, און קריסטענטום האָט גענומען פּראַקטיצירט ווערען אויף אַזאַ אופן, וואָס האָט געקענט חלילה ארויסרופען אַ געוויסע גע־זעלשאַפטליכע באַוועגונג — פון דער מינוט אָן איז קריסטענטום געוואָרען א ו מ אָ ר ד נ ו נ ג — און די מאַכטהאָבער האָבען עס גענומען טרייבען, אין דער פּערזאָן פון מאַדאַם קרידענער, וואָס ניכער פון איין גרענעץ צום אַנדערען. *)

*) שאַרל עינאר — „דאָס לעבען פון מאַדאַם קרידענער" — בענ־דער 1 און 2; סען־בעוו — „פּרויען פּאָרטרעטען". די לעצטע פּאָרט־רעטען"; „דויטשע רונדשוי" פאַר נאָוועמבער און דעצעמבער פון 1899.

.9

לירישע פּאָעזיע: לאַמאַרטין און הוגאָ.

די עפּאָכע פון איבערזעטיגונג און מידקייט. — לאַמאַרטין׳ס יוגענד־יאָהרען. — די השפּעה פון די „פּאַטערס פון גלויבען" אויף זיין ערציהונג. — ערקלעהרט זיך אַלס תּלמיד פון שאַטאָבריאַן און באָנאַלד. — גרינדעט דעם „פּארטיידיגער" צו באקעמפען קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג. — ווערט אריינגענומען אין דער אַקאַדעמיע פון אונשטערבליכע. — די סאַלאָנען. — מוסטערען פון לאַמאַרטין׳ס ליריק. — הוגאָ׳ס לעבען, אַ שפּיגעל פון פראַנקרייך׳ס פּאָליטישע באוועגונגען. — קריגט אַ יעהרליכע פּענסיע פון דער רעגירונג. — פארדאַמט די רעוואָלוציע און באזינגט די קאָנטער־רעוואָלוציע. — „איך פיהל, אַז גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו לאַמאַרטין". — חוצפּה אַנטקעגען דעם גאַנצען אידעען־סיסטעם פון דער פארגאַנגענהייט.

ווען די „הונדערט טעג" זיינען אריבער און לואי דער 18טער האָט צום צווייטען מאָל באשטיגען דעם טראָן, האָט אַ געמישט געפיהל — גיכער פון אַלץ אַן אומעטיג געפיהל — ארומגעכאַפּט פראַנקרייך. דעם קעניג׳ס ערשטער אומקעהר האָט וויפיעל עס איז אויסגעזעהן ווי אַ צוריקרוף דורך דער נאַציאָן. אָבער איצט, ווען ער האָט אפילו קיין פארזוך ניט געמאַכט אַנטקעגענצושטעלען זיך נאַפּאָלעאָנען מיט די סאָלדאַטען, וואָס זיינען איהם טריי גע־בליבען, האָט מען שוין בשום אופן ניט געקענט באַהאַלטען דעם פאַקט, אַז ער איז צוריקגעבראַכט געוואָרען מיט דער הילף פון די באַיאָנעטען פון די אויסלענדישע ארמעען. דערפאַר האָט דאָס מאָל זיין דערהויבען ווערען אין די אויגען פון דער גרויסער מאַיאָריטעט אויסגעזעהן ווי אַ ירידה, אַ באַליידיגונג פאַר פראַנקרייך. פון דער אַנדער זייט אָבער האָט עס געמיינט די איינפיהרונג פון געזעצ־מעסיגער פרייהייט נאָך דעם שרעקליכען מיליטערישען דעספּאָטיזם, וואָס האָט געהאַלטען פראַנקרייך אין קלעם פאַר אַזויפיעל יאָהר.

פאַר דער ליטעראַטור איז די רעסטאַווראַציע פון קעניגטום על כל פּנים געוועזן אַ בשורה פון פרייהייט. נאָך אַ פארלויף פון

25 יאָהר איז ווידער מעגליך געוואָרען צו דיסקוטירען אידעען. די שווערע האַנד, וואָס האָט געדריקט און געשטיקט די פרעסע, איז אַוועקגענומען געוואָרען. די געשמידטע גייסטער און געפּענטעטע אידעען האָבען זיך ווידער געקענט באַוועגען; מען האָט פריי געקענט פאָרשען, באַאורטיילען און אַרומרעדען די פאַרגאַנגענהייט. די אימפּעריע און די רעוואָלוציע; און קיין באַזונדערע שטערונגען זיינען אויך ניט געמאַכט געוואָרען צו דער באַאורטיילונג פון פראַנקרייך'ס צוקונפט.

עס איז געווען דערלויבט דאָס אַלץ צו טאָן, האָבען אָבער די מענשען חשק געהאַט דערצו? ניין, דער חשק צו באַנוצען זיך מיט דער פרייהייט איז געווען גאָר אַ קליינער. די שטימונג פון פראַנקרייך איז געווען די שטימונג וואָס קומט נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט, אָדער נאָך אַ מלחמה, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט אַ מפּלה. ניט אין דעם זין, אַז די פראַנצויזען האָבען געגאַרט ווידער צו פאַרמעסטען זיך מיט די פעלקער אויפ'ן שלאַכטפעלד, כדי צוריקצוגעווינען זייער רוהם. פאַרקעהרט. צום סוף פון נאַפּאָלעאָן'ס הערשאַפט האָבען די קאַנאָנען פאַר דעם אינוואַלידען־פּאַלאַץ, וואָס פלעגען אָנזאָגען נייע נצחונות, שוין מעהר ניט געוועקט קיין אָפּקלאַנג אין די הערצער. זיי האָבען געלעכצט נאָך פרידען, ווי אַ חולה, וואָס איז אָפּגעשוואַכט פון בלוט־פאַרלוסט, לעכצט נאָך רוה.

די פראַנצויזען האָבען זיך ווידער גענומען צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז עס איז גוט צו לעבען לאַנג, גוט אויסצולעבען די יאָהרען אין רוה און פרידען. פאַר אַ שטיק צייט פלעגען די מוטערס מיט ציטערניש צוקוקען ווי זייערע זיהן דערנעהנטערען זיך צו פוליעהריגקייט, ד. ה. צו דעם עלטער, ווען זיי ווערען צוערשט סאָלדאַטען און גאָר גיך בר־מנן'ס; איצט האָבען זיי ווידער גענומען האָפען, אַז זייערע זיהן האָבען נאָך אַ לאַנג לעבען פאַר זיך. די יונגע בחורים'לאַך, וואָס האָבען פון קינדוויַיז־אויף זיך געהאָדעוועט אונטער די אויפרעגענדע קלאַנגען פון פויק און טרומייט, וואָס האָבען נאָך אויף דער שול־באַנק זיך איינגעלעבט מיט דעם געדאַנק, אַז גאָר פריה וועלען זיי געווינען עהרע און גאָר פריה וועלען זיי שטאַרבען, האָבען זיך איצט געדאַרפט באַפריינדען מיט דעם נעדאַנק פון אַ לעבען אונטער פרידען. דער נאַטירליכער טויט אויפ'ן

קראנקען־בעט, ארומגערינגעלט מיט פאמיליע, וואס האט זיי אנט־קעגנגעקוקט, האט זיי אויסגעזעהן אזוי העסליך אין פארגלייך מיט דעם טויט, ווי ער האט זיך ביז איצט געמאלען אין זייער פאנ־טאזיע — אין בלישטשענדער שעהנקייט, אין הערליכען פורפור־שיין, אונטער דעם גלאנץ פון זיעג — אז זיי האבען זיך כמעט גע־פיהלט ווי ענטוישט; און זיי האבען זיך גענומען גריבלען, אליין ניט ווייסענדיג איבער וואס.

אבער די יונגע לייט אין מונדירען, וואס זיינען אזוי לאנג געצוואונגען געווען מקריב צו זיין זייער פערזענליך לעבען פאר טובת הכלל, פאר'ן שטאט, פאר דער צוקונפט פון זייער פאטער־לאנד, וואס האבען געמוזט איינענגען זייערע באדערפנישען אין די שמאלע ראמען פון מלחמה־לעבען — די דאזיגע יונגע־לייט האבען דאס רוב מיט שמחה באגריסט די נייעס, אז זיי קענען ברעכען די רייהען, אז זיי ווילען שוין מעהר ניט דארפען צעהלען זייערע טריט און מארשירען צום טאקט פון פויק; זיי האבען אפגעטרייסעלט דעם שטויב פון די וועגען פון זייערע פיס, אראפגעווארפען זייערע מונדירען און האבען געזוכט צו פארטרייבען יעדע עראינערונג אן מיליטערישער דיסציפלין. קומענדיג דירעקט פון די אייראפעאישע שלאכטפעלדער, נאך פארטויבט פון טומעל פון געשלעג, פון קאנאנען געהילך און גסיסה־געשרייען, האבען זיי געזוכט באהעלטעניש אין דער שטילקייט פון נאטור, אין דער רוהיגקייט פון דארפישען לע־בען, ווייט פון דעם ליארם און געפילדער פון מענשען־מאסען.

דאס איז געווען די שטימונג פון מאמענט — א מידע, אבער א קאמפליצירטע. דא איז געווען אי ענטוישונג, אי האפנונג, אי פאר'חלומט'קייט. דאס איז ניט קיין גינסטיגע שטימונג פאר האנדלונג, נאר פאר גריבלעריי, זעלבסט־פארטיפונג און נשמה־חשבונות.

די דאזיגע נאציאנאלע שטימונג דערקלעהרט, ווי אזוי עס איז געקומען, אז אזא פאעזיע, ווי לאמארטין'ס „מחשבות", זאל ווערען די באליעבטע ליטעראטור פון טאג. קיין בוך זייט שאטאבריאן'ס „זשעני פון קריסטענטום" האט ניט געמאכט אזא רושם, ווי דער ערשטער טייל פון דעם בוך; 45,000 זיינען פארקויפט געווארען אין פיער יאהר. ווי מאדנע דאס זאל אונז איצט ניט פארקומען,

די עפּאָכע פון רעסטאַווראַציע האָט געפונען אין לאַמאַרטין'ס פּאָע־זיע אַ פּירוש אויף איהרע געפיהלען, אַן אָפּרוף אויף אַלץ, וואָס האָט זיך באַוועגט אין דער טיעפעניש פון איהר הארצען — אַ נאָכ־קלאַנג נאָך איהרע אידעאַלסטע פארלאַנגען, אַ נאָכשפּיעל נאָך די ליכטיגסטע, ליעבליכסטע קאָלירען פון איהרע טרוימען. דאָס איז געווען אַ פּאָעזיע, וואָס האָט דערמאָנט די מוזיק פון אַן עאָלען־הארפע, אָבער ניט דער ווינט האָט געשפּיעלט אויף איהרע סטרונעס, נאָר דער גייסט פון דער צייט. דאָס זיינען ניט אזוי געווען ליע־דער, ווי רעיונות, ניט אזוי הארמאָניען פון הארץ, ווי פון גייסט; אָבער אין אמת'ען לעבען האָבען די מענשען שוין גענוג געהאַט — איבערגענוג — פון דעם באשטימטען: אָפּגעשלאָסענע פאָרמען, שאַרפע געשטאַלטען, פעסטע זאַכען און געשעהענישען און שטומע עהרפורכט פאַר דעם שיקזאַל, אזוי אַז אַן אָפּוועקסלונג צום אומבאַ־שטימטען איז געווען אַנגענעהם. עס איז בשום אופן ניט באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ חסרון, וואָס עס פעהלט אין די פּאָעמען שטאַרקע ליידענשאַפט, וואָס דער פּאָעט פארזעהט דאָס פינסטערע און שווי־דערליכע אין לעבען, — דאָס הייסט, אייגענטליך, ער פארזעהט דאָס לעבען ווי עס איז. מיט די אַלע זאַכען האָט מען זיך שוין איבערגעזעטיגט. נאָך אַ פּעריאָדע, וואו אזויפיעל אינסטינקטען זיינען מיט געוואַלט אונטערדריקט געווען, האָבען מענשען זיך געפרעהט מיט דעם פרייען שפּיעל פון פּאָעטישען אינסטינקט, האָ־בען זיך געקוויקט מיט דעם מעלאָדישסטען פון אַלע פּאָעטען, וועל־כער, לויט זיינע אייגענע ווערטער, האָט געהאַט אַ סטרונע פאַר יעדען געפיהל און פאַר יעדער שטימונג. זיי האָבען געגאַרט נאָך אזאַ לירישער בארוהיגונג — מידע פון אזוי פיעל יאָהר פילאָזאָפיע, רעוואָלוציע און מלחמה, מלחמה אָהן אַ שיעור. די פּאָעמאַ „די אָזערע" האָט דערפאַר פארשאַפט אזויפיעל נחת דער גאַנצער פראַנ־צויזיש־לעזענדער וועלט, ווייל שוין אזאַ לאַנגע צייט ווי די מענשען האָבען אַנגעוואָרען זייער מיטגעפיהל מיט דער נאַטור, זיינען ארויס־געפאַלען פון איינקלאַנג מיט איהר; זיי האָבען זיך צוגעוואוינט צו קוקען אויף יעדער לאַנדשאַפט פון סטראַטעגישען שטאַנדפּונקט— ווי אויף אַ קינפטיגען שלאַכטפעלד.

אָבער ניט נאָר אַלס פּאָעט פון שטימונגען האָט לאַמארטין

פאַרקערפּערט מיט זיך דעם גייסט פון זיין צייט, נאָר אויך אַלס פרום־גלויביגער קריסט. דער גרונד־טאָן פון זיינע ווערק איז דער טאָן פון קריסטליכען ראַיאַליזם בכלל און פון טרייהייט צו דער בורבאָנישער פאַמיליע בפרט.

פאַר אונז, וואָס לאַמארטין קומט אונז איצט פאַר, ווי די פאַר־קערפּערטע רעוואָלוציע פון 1848, פאַר אונז, וואָס מיר קענען איהם ווי דעם מאַן, וואָס גילט פאַר דעם נביא פון הומאַניזם, וועט זיין אינטערעסאַנט נאָכצוזוכען לאַמארטין'ס ענטוויקלונגס־וועג.

אַלפאָנס דע־לאַמארטין איז געבאָרען געוואָרען אין מאַקאָן אין יאָהר 1790 פון אַ פאַמיליע, וואָס האָט באַלאַנגט צום קלענערען אדעל. זיין פאָטער איז געוועזען איינער פון די לעצטע אָנהענגער פון קעניג צו דער צייט פון דער רעוואָלוציע, און ער האָט באַ־צאָהלט פאַר זיין טרייהייט. אַלפאָנסעס גוטע, פרומע מוטער האָט איהם געלערענט לייענען פון אַן אילוסטרירטער ביבעל. זיינע ער־שטע ליטעראַרישע און מאָראַלישע איינדרוקען האָט ער אויף אַזאַ אופן באַקומען פון די פאַרשיעדענע סצענען אויס דעם לעבען פון די אָבות, פון די מעשיות וועגען יוסף און שמואל, שרה און טוביה מיט'ן מלאך. נאָכ'ן יאָהר 1794 האָט די פאַמיליע געלעבט אַ צוריקגעצויגענעם לעבען אויף די מאָגערע הכנסות פון איהר קליין הויפעל מילי. דער זוהן איז צוערשט געלערענט געוואָרען אין דער היים, אַ פריינדליכער אבבאַט איז זיין לעהרער געוועזען; דערנאָך איז ער אָפּגעשיקט געוואָרען אין אַ שולע אין ליאָן, וואו די גראָב־קייט פון דעם טאָן און דער באַהאַנדלונג איז געוועזען שטאַרק דער־ווידער דעם פיינפיהלענדען, איידעלען אינגעל. אויף זיין מוטער'ס און זיין אייגענעם וואונש איז ער אריבערגעפיהרט געוואָרען אין אַ שולע אין בעלע — אַ שולע געגרינדעט און אויפגעהאַלטען פון געוויסע יעזואיטען, וועלכע האָבען זיך ווי עס איז ארויסגעדרעהט פון געזעץ, וואָס האָט זיי פאַרטריבען פון פראַנקרייך און וועלכע האָבען זיך גערופען „פאָטערס פון גלויבען”. דאָ האָט דער יונגער לאַמארטין זיך געפיהלט איבערגליקליך. די לעהרער זיינען געוועזען מילד און העפליך; איינער פון זיי האָט איהם דערמאָנט פענע־לאָנען. די יעזואיטען זיינען אין 19טען יאָהרהונדערט געוועזען אָהן ספק ניט נאָר די געוויסענלאָזעסטע, נאָר אויך די פריינדליכסטע

און קליגסטע און פאַלגליך אויך די געפעהרליכסטע פון אַלע גלחים. צווישען די שול־חברים האָט לאַמארטין באַלד געפונען פריינד פון זיינס גלייכען, שפּראָצלינגע פון פראַנצויזישע און סארדינישע אַדע־ליגע הייזער, ווי דער יונגער אַלפיערע, דער יונגער וויריע, וועלכער אונטער דעם איניציאַל "V." ווערט דערמאָנט אין לאַמארטין'ס „גראַציעלא". אויך איז דאָרט געוועזן אַ פּלימעניק פון זשאָזעף דע־מעסטר, זיין שוועסטערס זוהן, לואי דע וויניע, דורך וועלכען לאַ־מארטין האָט זיך באַקענט מיט אַלע מיטגליעדער פון דער באַריהמ־טער דע־מעסטר פאַמיליע. פון דער גאַנצער משפחה איז גראַף זשאָזעף איהם אַם וועניגסטען געפעלען אַלס פּערזאָן; ער האָט אָבער דאָך געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף איהם סיי דורך זיינע בריעף און סיי דורך זיינע ווערק.

איינמאַל אין בעלע האָט אַ לעהרער פאָרגעלייענט פאַר די שי־לער איינינע שטעלען פון שאַטאָבריאַן. דער גראַנדיעזער סטיל, די גרויסאַרטיגע מאַנערע פון זיין דערצעהלען האָבען געמאַכט דעם טיעפסטען איינדרוק אויף לאַמאַרטינען. ער האָט קיינמאַל פריהער אַזוינס ניט געלייענט. אָבער אין זיינע „מעמוארען" שרייבט ער, אַז זיין שטעלונג צו שאַטאָבריאַנ'ען איז כמעט גלייך פון אָנהויב געוועזן אַ קריטישע; ער איז פאַר'שכור'ט געוואָרען, זאָגט ער, מיט דער שכרות פון באַוואונדערונג, אָבער ניט „מיט דער שכרות פון שלעכטען געשמאַק". און ער באַהויפּטעט אויך, אַז ער האָט באַלד נאָכדעם, רעדענדיג פאַר זיינע חברים וועגען „זשעני פון קריסטענ־טום", אויף אַזאַ אופן אויסגעדריקט זיין מיינונג וועגען דעם ווערק: „דער הויפּט־עלעמענט פון פאָלקאָמענער שעהנקייט פעהלט — נאַ־טירליכקייט. עס איז שעהן; עס איז אָבער צו שעהן".

מיט אַנדערע ווערטער: לאַמאַרטין, וועלכער האָט געשריבען אויס לויטער אינסטינקט, האָט געהאַלטען שאַטאָבריאַנ'ס סטיל פאַר צו געקינצעלט. על כל פנים פאַררעכענט ער זיך אַביסעל אין דאַטום: זיין קריטישער בליק אויף שאַטאָבריאַנען געהערט צו אַ שפּעטערער צייט, וואָרים נאָך אין 1824, זינגענדיג זיין הימנע אויף דער זאַלבונג פון קאַרל דעם 10טען, שרייבט ער:

ד ע ר ב י ש אָ ף :

און אָט דער נאָבעלער ריטער, וואָס טראָגט אויף זיין שילד

דעם צלם פון אַן עולה־רגל׳ניק און אַ בינטעל ליליען אין וועמעס אויג עס שיינט מיט ווירדע און געניאַליטעט, קומט ער אייך ניט פאַר ווי אַ יונג־געוואָרענער פּאָמפּעאוס, וואָס האָט זיך באַוויזען גלייך צו פאַרשווינדען?

דער קעניג:

דאָס איז שאַטאָבריאַן! אויף דעם נאָמען וועלען אַלע צייטען זיך אָפּרופען: צוקונפט און עבר גיסען זיך אין זיין הארצען צונויף, און פראַנקרייך פון ריטערטום און פראַנקרייך פון היינט לעגען בשותפות אַ קראַנץ אויף זיין קאָפּ.

טאַסאָ איז געווען אַ צווייטער פּאָעט, וועמען לאַמאַרטין האָט געלייענט מיט התפעלות. אָסיאַן ווידער האָט איהם געלערענט, אַז אמת׳ע פּאָעזיע קען אויך זיין אי אומבאַשטימט, אי נעפּעלדיג. בערנאַרדען דע־סענט־פּיער, מיט זיין מילדער האַרמאָנישקייט, איז געווען דער ליעבלינג־מוסטער פאַר לאַמאַרטינען, פּונקט ווי פאַר מאַדאַם קרידענער.

די אַמוזאַנטע און לייכטזיניגע ביכער פון 18טען יאָהרהונדערט, וואָס פלעגען אריינפאַלען אין אינגעל׳ס הענד, פלעגען פאַרכאַפּען און רייצען זיין אינגעלשע פאַנטאַזיע פאַר אַ קורצע צייט, אָבער די דאָזיגע איינדרוקען פלעגען באַלד אָפּגעווישט ווערען פון די איינדרוקען פון דער יעזואיטישער שולע. זיין רעליגיעזע התלהבות און זיין התפעלות פאַר דער נאַטור, מיט איהר פרישקייט און שעהנקייט, האָבען, ווירקענדיג צוזאַמען, געלייטערט, דערהויבען און געוועקט צו טעטיגקייט זיין גייסט.

„ווען איך וואָלט געהאַט אַ טויזענד יאָהר צו לעבען — שרייבט ער אין זיינע „מעמוארען” — וואָלט איך קיינמאָל ניט פאַרגעסען יענע טעג פון פלייסיגען שטודירען, יענע שעה׳ן פון תפילה, יענע נעכט פון זעלבסט־פאַרטיפונג און די ענטציקענדע פרייד צו טאָן מיין פליכט מיט דער כונה צו גאָט”. און כמעט אין דעמזעלביגען אָטעם דערצעהלט ער, וואָס פאַר אַ תענוג דאָס איז צו גליטשען זיך ווינטער־צייט איבער די פאַרפראָרענע סאַזשעלקעס, ווי דו וואָלסט געטראָגען געוואָרען אויף די פליגלען פון גייסט, אָדער צו זיצען אונטער די שטראַהלען פון דער פרישער פריהלינג־זון, באַ־

וועהט פון מילדער לופט, פאַרלאָרען אין פרומע געפיהלען און גליקליך אין דער פּאָלקאָמער רוהיגקייט פון געוויסען.

דער אומקעהר פון די בורבאָנען איז אויפגענומען געוואָרען מיט פרייד פון דער גאַנצער לאַמארטין־פאַמיליע, אַלפאָנס'ען איינגעשלאָסען, וועלכער איז שוין דאַמאָלס געוועזן אַ יונגער מאַן. דער פאָטער (וועלכער איז פאַרוואונדעט געוואָרען דעם 10טען אויגוסט 1792) האָט אָוועקגעפיהרט זיין זוהן אין פּאַריז און איהם אריינגעגעבען אין דער קעניגליכער גוואַרדיע. און דאָ איז דעם יונגען אָפיציער איינמאָל אויסגעקומען צו באַגלייטען דעם קעניג, ווען יענער איז אין אַ שטול־וועגעלע ארומגעפאָהרען איבער די גאַלערעען פון לואוור, באַטראַכטענדיג די קונסט־אוצרות, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט צוזאַמענגעבראַכט פון זיינע פאַרשיידענע קאַמפּאַניעס. אין דער טיעפער עהרפורכט, וואָס דער יונגער מאַן האָט געפיהלט פאַר'ן קעניג, האָט זיך איהם געדוכט, אַז דעם קעניג'ס קול איז מעלאָדיש, זיין געשטאַלט איידעל און מאַיעסטעטיש, זיין בליק באַפעהלעריש, זיין געשפּרעך גייסטרייך און זיין שווייגען בארעדזאַם. און איינעס מאָל נאָכדעם האָט דער קעניג געוועגדט צו איהם געצעהלטע ווערטער, ווען ער איז געריטען ביי דער זייט פון דער קעניגליכער קאַרעטע.

ווען נאַפּאָלעאָן האָט געלאַנדעט אין קאַן און האָט זיך דורכגעטראָגען אין אַ טריאומף־מאַרש דורך פראַנקרייך, האָט לאַמארטין נאָכגעפאָלגט דעם הויף צום בעלגישען גרעניץ; דאָרט איז די גוואַרדיע אויפגעלעזט געוואָרען און צושיקט אַהיים, און נאָך די „הונדערט טעג" איז שוין לאַמארטין מעהר ניט אריינגעטראָטען אין דער גוואַרדיע און ער האָט שוין מעהר קיינמאָל דעם קעניג ניט געזעהן. נור שפּעטער, אין יאָהר 1820, לייענענדיג לאַמארטינ'ס ערשטען באַנד לידער, האָט דער קעניג זיך דערמאָנט דעם פּאָעט אַלס יונגען אָפיציער פון זיין גוואַרדיע, און ער האָט איהם געשיקט אַלס באַלוינונג אַן אויסגאַבע פון די אַלטע גריכישע און רוימישע פּאָעטען. לאַמארטין ערלויבט זיך דערביי אַ לייכט איראָנישע באַמערקונג, אַז קעניג לואי האָט משמעות זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער איז קייזער אויגוסט, וואָס האָט נור וואָס אנטדעקט אַ ווירגיל.

דער נייער פּאָעט דערקלערט זיך אָפען פאר א תלמיד פון שאַטאָבריאַן און באַנאַלד. אין זיין „ראַפּאַעל״ (קאַפּיטעל 1), דערצעהלט ער אונז, ווי אזוי ער האָט זיך באַקענט מיט באַנאַלד'ען. ווען ער, אין עלטער פון 24 יאָהר, איז געווען אין שאַמבערי, צופוסענס פון די אַלפּען, און האָט זיך געבוקט צו דער שעהנער יונגער קרעאלין, וועלכע ער האָט באַזונגען אין זיינע ליעדער אונטער דעם נאָמען עלוויר, האָט יענע דאַמע איהם געבעטען ער זאָל שרייבען אַן אָדע לכבוד באַנאַלד'ען, וועלכער איז געווען אָפטער און געעהרטער גאַסט אין איהר הויז. לאַמארטין לאָזט אונז וויסען, אַזער האָט דאַמאָלס געקענט באַנאַלד'ען בלויז נאָכ'ן נאָמען און נאָכ'ן שם, וואָס ער האָט געהאַט אַלס קריסטליכער געזעצגעבער. „האָב איך מיר פאָרגעשטעלט — דערצעהלט ער, — אַז איך רייד צו אַ מאָדערנעם משה, וועלכער קריגט ארוים שטראַהלען פון געטליכען ליכט פון אַ נייעם בארג סיני און באלויכט מיט זיי די מענשליכע געזעצען״, און אזוי איז אָנגעשריבען געוואָרען די אָדע אונטער דעם טיטעל „זשעניע״, וואָס מיר געפינען אין דעם ערשטען זאַמלונג פון לאַמארטינ'ס פּאָעמען. דאָרט פאַרזיכערט דער יונגער פּאָעט וועגען באַנאַלד'ען, אַז „ער האָט פאַרטריבען די פאַלשע קלאָרקייט פון די באַריהמטע סאָפּיסטען און ארויסגעצויגען פון תהום פון פינסטערניש גלענצענדע אמת'ען און ער פיהרט די גייסטיגע וועלט פון אומאָרדנונג צו אָ ר ד נ ו נ ג״. דאָ, ווי אומעטום, קומען מיר אויף דעם מאגערן באַגריף, אַז אָרדנונג איז דאָס גוטס.

באַנאַלד האָט איהם אָפּגעדאַנקט מיט צושיקען איהם א פולע אויסגאַבע פון זיינע ווערק. דער פּאָעט האָט זיי געלייענט מיט ענטוזיאַזם. אין אַ באַמערקונג, וואָס ער האָט צוגעגעבען צו דער אָדע אַ סך שפּעטער, לייקענט ער, אַז באַנאַלד'ס ווערק זאָלען האָבען געמאַכט אויף איהם אַ טיעפען איינדרוק; אָבער ער מישט דאָ צענויף זיינע שפּעטערדיגע מיט זיינע פריהערדיגע עראינערונגען. ער שרייבט:

„איך האָב געלייענט די ווערק מיט פּאָעטישער התפעלות פאר דעם עבר, מיט דער עהרפורכט, וואָס מען פיהלט פאר רואינען און וואָס די יוגענדליכע פאַנטאַזיע פאַרוואַנדעלט אַזוי לייכט אין

דאָגמען און דאָקטרינען. פאַר איינינע חדשים האָב איך מיר אָנ־געטאָן א כח, שטיצענדיג זיך אויף דער אויטאָריטעט פון שאַ־טאָבריאַנ׳ען און באַנאַלד׳ען, צו גלויבען אין אנטפּלעקטע רעגיע־רונגען. אָבער עס האָט געטראָפען מיט מיר, ווי עס טרעפט מיט אַנדערע, אז דער גייסט פון דער צייט און די אנטוויקעלטע פאַר־נונפט האָבען מיך אויסגעהיילט פון די אַלע שעהנע אילוזיעס און איך האָב באַגריפען, אז גאָט אנטפּלעקט קיין זאַך ניט דעם מענ־שען אויסער סאָציאַלע נייגונגען, און אז די פאַרשיעדענע רע־גיערונגס־סיסטעמען זיינען אנטפּלעקונגען פון דער עפּאָכע, פון די אומשטענדען, פון די גוטע און שלעכטע מדות פון דער מענש־הייט״.

זיכער איז, אז לאַמארטין מאַכט דאָ ווידער א טעות אין צייט־רעכענונג: זיין צווייטע איבערצייגונג איז ניט געקומען אזוי פריה. אַלע זיינע „מחשבות״ זיינען אויסגעהאַלטען אין זעל־בינען טאָן, ווי די אָדע צו באַנאַלד׳ען. איינע, וואָס איז באַטי־טעלט „גאָט״, איז געווידמעט לאַמענע; דער לויב־געזאַנג אויף דער הייליגער פּאָעזיע איז געווידמעט זשענוד, דעם איבערזעצער פון דער ביבעל. לאַמארטין אַליין האָט מיטגעאַרבייט אין דעם „קאָנסערוואַטאָר״, א צייטונג וואָס פון איהר גרינדונג דאַטירט שאַטאָבריאַן דעם אָנהויב פון דער אייראָפּעאישער רעאַקציע אין איהר אויסגעשפּראָכענער פאָרמע; און ווען ד י צייטונג האָט זיך פאַרמאַכט, האָט לאַמארטין, צוזאַמען מיט לאַמענע און באָ־נאַלד׳ען, געגרינדעט א נייע, פון דערזעלבינער ריכטונג — „דער פאַרטיידיגער״, — וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר איהר ציעל צו קעמפען געגען דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעגיערונג. און עס איז אויסגעפאַלען אויף לאַמארטינ׳ען איינצולאַדען זשאָזעף דע מעסטר פאַר א מיטאַרבייטער. און עס איז כאַראַקטעריסטיש, אז אונזער פּאָעט, וועלכער איז שוין דאַמאַלס אַלט געווען דריי־סיג יאָהר, האָט געשריבען צו דעם אויטאָר פון „וועגען פּאַפּסט״ אין אזא טאָן:

„הער גראַף! ווען איך האָב באַקומען אייער בוך מיט אייער פריינדליכען, שמייכלערישען בריעף, בין איך געווען זעהר קראַנק, און איך באַנוץ זיך מיט דער ערשטער געלעגענהייט, וואָס

מיין פארבעסערטער געזונד גיט מיר צו דאנקען אייך פארביידע זאכען, און ספּעציעל פאר דעם כבוד וואס איהר טוט מיר אן, רופענדיג מיר „פלימעניק", א טיטעל, מיט וועלכען איך שטאלציר פאר אלע אייערע באקאנטע. דאס איז א טיטעל, וואס איז פאר זיך גופא א רעפּוטאציע, אזוי הויך ווערט געשעצט אייער נאמען פון אלע די יעניגע, וואס אין דעם איצטיגען פארפיהרטען און קליינליכען צייט-אלטער פארשטעהען אן אמת'ן און טיעפען זשעני. מאסיע באנאלד און איהר, מאסיע גראף, און נאך אייגער אדער צוויי, וואס געהען אין אייערע פוס-טריט פון דער וויטענס, האבען געגרינדעט אן אומפארגענגליכע שולע פון הויכער פילאזאפיע און קריסטליכער פאליטיק, וואס איהר איינפלוס האלט אין איין וואקסען, ספּעציעל צווישען איינגערן דור".

אין דעם זעלביגען בריף, באצייכנענדיג זשאזעף דע מעסטר'ס ארט אין דער ליטעראטור, רופט ער איהם אן „דער פיהרער פון די בעסטע שריפטשטעלער", און די געגנערשאפט צו איהם פארשרייבט לאמארטין אויף דעם חשבון פון „דער לעבערליכער גאליקאנישער איינגעבילדעטקייט", קעגען וועלכער דע מעסטר איז ארויסגעטראטען אויף אזא ווירדיגען אופן און מיט אזא וואוגדערליכער געשיקטקייט. עס איז אלזא גאר קיין ספק ניט, אז לאמארטין שטעהט דא פאר דער אומבאגרענעצטער קירכליכער אויטאריטעט פון פּאפּסט — אבער, באמערקט, נור אין דער טעאריע. אין דער פּאעזיע איז ער ווייט ניט געוועזן אזוי דאגמאטיש. ווען, צום ביישפּיעל, אויף שאטאבריאנ'ס אויפפאדערונג האלט ער פאר זיין חוב, אלס קריסטליכער פּאעט, צו פארטרייבען פון זיין פּאעזיע יעדע שפּור פון היידנישער מיטאלאגיע, טוט ער עס איינענטליך ניט אוים פרומקייט, נור אוים ריין פּאעטישען אינסטינקט. די אלטע מיטעהן זיינען אין דער פּאעזיע שוין לאנג איינגעשרומפּען אין משלים און פיגורען און זיינען אזוי אויסגעוועפּט פון גייסט, אז זיי קענען בשום אופן ניט שעדיגען עמיצענס רעליגיעזע געפיהלען. און א קרייץ-צוג קעגען גלויבען אין אפּאלא און אמור אין נאמען פון רעליגיע איז אין גאנצען אן איבעריגע זאך.

לאמארטין האט געווירקט דערמיט, וואס ער האט גערעדט

דאָ טרויעריגע, דאָ טרייסטענדע, דאָ באַגייסטערנדע רייד, וואָס טויזענדער האָבען געגאַרט צו הערען. זיי האָבען ניט געפיהלט, אַז ער זאָגט קיין שום נייע אידעע ניט אַרויס; דער קלאַנג פון זיין סימפּאַטישען קול האָט זיי געריהרט, און דאָס איז גענוג געווען. זיי האָבען געפיהלט, אַז אין זייערע נשמות וויבּרירען ווידער סטרו־נעס, וואָס זיינען שטום געווען אין די אַלע יאָהרען פון געדריקטען נעמיט; ער האָט אַרויסגעקראָגען טענער, וואָס האָבען שוין לאַנג ניט געקלונגען; די נייקייט, וואָס האָט געפרעהט, איז געווען, וואָס אַלטע עראינערונגען זיינען פון דאָס ניי אויפגעוועקט געוואָ־רען. אָבער אַ חוץ דעם איז אין לאַמאַרטינ׳ס פּאָעזיע געוועזען אַווירקליך נייער עלעמענט. פאַר לאַמאַרטינ׳ען האָט ניט עקזיס־טירט דאָס מיאוס׳ע, שלעכטע, אפילו ניט דאָס קליינליכע, ניש־טיגע. אַלץ האָט ער איינגעהילט אין אַ קלייד פון שיינענדען ליכט. אַ הימלישער גלאַנץ האָט געשוועבט איבער זיין פּאָעזיע. צום ערשטען מאָל נאָך לאַנגע יאָהר האָט אַ רייכטום פון שעהן־געפיהל געפונען אויסדרוק אין מעלאָדישען פערז.

ווען לאַמאַרטין איז אויפגענומען געוואָרען אין דער אַקאַדע־מיע פון אומשטערבליכע אין יאָהר 1830, האָט דער גרויסער נאַ־טוראַליסט קיוואויע, אין זיין גראַטולאַציאָנס־רעדע, זיך אויסגע־דריקט, אַז די מענשען, אין דעם טיעפען חושך, וואָס הילט איין זייער פּאַרנונפט, נויטיגען זיך אין אַ פיהרער, וואָס זאָל זיי אַרויסראַטעווען פון דעם פינסטערן פּלאָנטער פון צווייפעל און ברייננען זיי אין לאַנד פון ליכט און זיכערקייט. און ער האָט באַשולדיגט בייראָנ׳ען אַז יענער האָט אין דעם וועלט־אַל נור גע־זעהן אַ טעמפּעל פאַר דעם גאָט פון בייז, און ער האָט באַגריסט לאַמאַרטינ׳ען אַלס דעם פּאָעט פון האָפנונג.

אַזוי האָט פראַנקרייך, ווי אַ שוואַכער מענש, וואָס האַלט ערשט אין געזונד ווערען נאָך אַ געפעהרליכער קראַנקהייט, צענויפגעמישט האָפנונג און גלויבען, טרייסט מיט דאָגמאַ, לעבענס־ענערגיע מיט פאַרהערליכונג פון דער פּאַפּסטליכער אויטאָריטעט — ביז צולעצט די קראַפט פון די אומשטענדען האָט צעטריבען דעם נעפּעל און געצוואונגען די שריפטשטעלער, ווי דאָס פּובּליקום, צו אונטער־שיידען די באַגריפען.

און נאָך שפּעטער ווייזט ער זיך פאַר אונז אַלס דער מענש פון זיין צייט. בלויז פיער חדשים פאַר דעם אויסברוך פון דער יולי־רעוואָלוציע, רעדענדיג פאַר דער אַקאַדעמיע אויף דער אויפגע־געבענער טעמאַ: „אַ לויב אויפ׳ן קעניג״, דערקלערט ער (ווייזענדיג דערביי אַ קונץ ניט צו דערמאָנען נאַפּאָלעאָנ׳ען, אפילו וואו דער נאָמען בעט זיך):

„אונזער יאָהרהונדערט וועט דאַטירט ווערן פון אַ טאָפּעלטער רעסטאַוראַציע — פון פרייהייט דורך דעם טראָן און פון טראָן דורך דער פרייהייט... לאָמיר ניט פאַרגעסען, אַז אונזער צוקונפט איז געקניפּט און געבונדען מיט דער צוקונפט פון אונזערע קעניגע, אַז עס איז אוממעגליך אָפּצושניידען דעם בוים פון זיינע וואָרצלען און דער שטאַם זאָל ניט טריקענען, און אַז אין אונזער לאַנד האָט די מאָנאַרכיע אונז אַלץ געבאָרען — אפילו די רייפע פרוכט פון פרייהייט״.

לאַמאַרטין נעהמט איצט געניסען פון טריאומף, פון שפּראָ־צענדען רוהם. דער רוהם איז ניט געקומען צו איהם צו־פריה, וואָרים ער איז שוין דאַן אַלט געווען דרייסיג יאָהר. דער רוהם דערקוויקט זיין אַמביציעזע נשמה, ווי די ערשטע שטראַהלען פון דער אויפגעהענדער זון. לאָמיר זיך פאָרשטעלען אַ סאַלאָן אונטער לואי דעם 18טען, ווי עס מאָהלען איהם די שרייבער פון יענער צייט. ביי אַ הונדערט פּערזאָן זיינען פאַרזאַמעלט אין די עמפּפאַנג־זאַלען פון אַ הויכען שררה, לאָמיר זאָגען, פון גענעראַל פואַ. לאַ־מאַרטין, דאַמאָלס סעקרעטער פון דער געזאַנדשאַפט אין פלאָ־רענץ, וועלכער איז גראַד געקומען פאַר אַ קורצען וויזיט אין פּאַ־ריז, איז צווישען די געלאַדענע געסט*). אַ פליסטערן פון באַ־וואונדערונג לויפט דורך דעם זאַל, ווען ער טרעט אריין — יונג, שלאַנק, שעהן, אַריסטאָקראַטיש אין מאַנערען און האַלטונג. ער ווערט אַרומגערינגעלט, דערהויפט פון דאַמען; פון אַלע זייטען — רייצענד׳ע פּנים׳ער, גלענצענדע טואַלעטען, שמייכלען אין חניפה. מען פאַרגעסט פאַר אַ ווייל'ע צו גראַטולירען די אַנוועזענדע דע־פּוטאַטען מיט זייערע לעצטע רעדעס. אפילו די יעניגע, וואָס האָ־

*) ווילמאַן, „מאָסיע דע־פּעלעטץ און די סאַלאָנען פון זיין צייט״.

בען לאַמאַרטינ׳ען פריהער ניט געקענט, דערקענען איהם גלייך, ווייל ער פּאַרטונקעלט אַלעמען. גענעראַל פּוא געהט איהם אַנט־קעגען, דריקט איהם ענטוזיאַסטיש די האַנד און פאַרזיכערט איהם, אַז אויב ער וויל נאָר, קען ער ווערען די ציערונג פון קאַמער, ווייל זי נויטיגט זיך שוין לאַנג אין אַזאַ טאַלאַנטפולען פאַרטיידיגער פון די הייליגע מאָנאַרכיסטישע פּרינציפּען. און לאַמאַרטין דעקלאַמירט מיט זיין מעלאָדישען קול, וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט אַרויסגערעדט דעם פּאָליטישען לאָזונג, איינע אָדער צוויי פון זיינע ערשטע פּאָעמען — „ענטוזיאַזם", „עראינערונג", „פּאַרצווייפלונג", „געבעט", „גלויבען" — אָדער עהנליכע לירישפילאָזאָפישע ליעדער — אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטען, אומבאַשרייבליכער ענטוזיאַזם, אויסדרוקען פון אַנטציקונג און דאַנקבאַרקייט פון אַלע מינים. בענדזשאַמין קאָנסטאַן קומט צו מיט זיין רעטעניש־דיגער, פייערליך־איראָנישער מינע און גראַטולירט איהם מיט זיין אַנטדעקונג פון אַ נייעם קוואַל פון פּאָעטישער אינספּיראַציע, און פאַרזיכערט איהם, אַז ער האָט נאָך ניט באַגעגענט אַזאַ געהויבענע איידעלקייט און לויטערקייט פון געדאַנק און אויסדרוק אויסער אין שילער׳ס פילאָזאָפישע געדיכטען. די דאַמען זיינען מיט דער מיינונג, אַז דער פאַרגלייך איז ווירקליך אַ גרויסער קאָמפּלימענט פאַר שילער׳ן, יענעם אומבאַוואוסטען דייטשען בירגערליכען פּאָעט, וואָס ערשט איצט דערמאָנען זיי זיך, אַז זיי האָבען יאָ אַמאָל זיין נאָמען געהערט. ווי קומט ער צו לאַמאַרטינ׳ען!

פאַרשיידענע זייטיגע אומשטענדען האָבען געהאָלפען פאַרשטאַרקען דעם עפעקט פון די ליעדער — ערשטענס, די זעלטענע, כמעט ווייבליכע שעהנקייט פון אויטאָר; צווייטענס, די קלאַנגען וועגען איהר, דער יעניגער, וועלכע ער האָט באַזונגען מיט אַזאַ מלאכים־שפּראַך, מיט אַזאַ איבערערדישער ריינקייט. מען האָט גערעדט, אַז דער פּאָעט האָט געליעבט און אַז דער טויט האָט איהם אַוועקגערויבט זיין געליעבטע. ווער איז זי, די עלווירע און ווי איז איהר אמת׳ער נאָמען געווען?

מיר, היינט צו טאָג, זיינען גענוג אינפאָרמירט וועגען דעם דורך לאַמאַרטינ׳ס שפּעטערדיגע פּראָזאאישע ווערק, אָבער ווען

אפילו אונזער נייגעריגקייט איז געשטילט, פארלירט נאך ניט לאַמארטינ׳ס פּאָעזיע איהר אינטערעס פאר אונז.

עס איז געווען נאַטירליך, אז די צייט־גענאָסען פון דעם יונגען לאמארטין זאָלען זעהן אין איהם צוערשט און פריהער פון אלץ דעם פּאָעט פון טראָן און אַלטאר — פון קעניג און קירך. דאָס סאַמע ערשטע ליעד, וואָס ער האָט פארעפענטליכט, איז געווען א הארציגער אויסדרוק פון דאנקבארקייט צו דער יעזואיטישער שולע, וואָס האָט באוואכט זיינע אינגעלשע יאָהרען. אזא ליעד, ווי די „אָדע״, איז איינפאך דער תמצית פון „זשעני פון קריסטענטום״, איבערגעזאָגט אין פערזען. זיינע פערזען אויף דעם געבורט פון הערצאָג פון באָרדאָ (גראף שאמבאָר), נאָכ׳ן טויט פון זיין פאָטער הערצאָג פון בערי, מיט זייער צושפּיעל: „עס איז געבאָרען, דאָס וואונדער־קינד!״ — האָבען אויסגעדריקט די געפיהלען פון לאָיאַלסטען, אונטערטעניגסטען קאטויליק. און ביי יעדער געלעגענהייט, כמעט אין אלע זיינע געדיכטען, לויבט ער און ריהמט, גיט ער כבוד און עהרפורכט צו גאָט, דער השגחה. אמאָל, ווי אין דעם געדיכט: „די הייליגע וואך״, געשריבען בעת א באזוך ביים יונגען הערצאָג פון יאָהאן, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען ערץ־בישאָף און קארדינאַל, איז זיין פערז ווי אָנגעברענט מיט קירכען־פרומקייט און אָנגערויכערט מיט ווייהרויך. ווען מיר זאָלען איהם גלויבען אויפ׳ן וואָרט, ווען ער פארזיכערט, שרייבענדיג וועגען דעם געדיכט מיט יאָהרען שפּעטער, אז ער, דער איינציגער צווישען די יונגע־לייט, וואָס האָבען זיך געזאמעלט ארום הערצאָג, האָט זיך ניט געקוויקט מיט די קירכליך־מיסטישע קרייזען — מוזען מיר דערפון דריגנען, אז זיין פּאָעטישער טאַלאנט איז פשוט מיטגעשלעפּט געוואָרען מיט׳ן שטראָם, מיט דער טענדענץ פון זיין צייט און סביבה.

דער גרעסטער טייל פון לאמארטינ׳ס ריין רעליגיעזער פּאָעזיע, וואָס געהערט צו זיין יוגענדליבער פּעריאָדע, איז היינט צו טאָג אומלעזבאר, עס פעהלט די אוממיטלעבארקייט פון דעם אמת׳ן געפיהל. דאָס איז ניט ליריק; ניטאָ די באשטימטקייט, פעסטקייט, אָפּגעזונדערטקייט פון ליעד. דאָס איז פארקלערונג אָהן אַ ענין, טראכטונג אָהן געדאנקען, ברייטקייט אָהן טיעפ־

קייט. א כאַראַקטעריסטישער ביישפּיעל איז דאָס געדיכט, גע־ציעלט געגען בייראָנ׳ען און באַטיטעלט „דער מענש״. דער באַגריף פון פראַנצויזישען פּאָעט וועגען זיין ענגלישען צייט-גענאָסע איז דער טראַדיציאָנעלער באַגריף פון יענער צייט, וואָס צייכענט זיך אויס מיט גוואַלדיגער איבערפלעכליכקייט און פלאַכקייט; דהיינו, אז בייראָן האָט געקענט נור שפּיעלען אויף דער סטרונע פון פאַר־צווייפלונג, אז זיין אויג, ווי דעם שטנ׳ס, מעסט אָפּגרונדען, א. ז. וו. און כדי צו ווייזען בייראָנ׳ען, ווי אַן אמת׳ער פּאָעט דאַרף זינגען, צעלאָזט זיך לאַמאַרטין אין דעם הכנעה׳דיגסטען לויב־גע־זאַנג צו גאָט, וועלכער, לויט זיינע אייגענע ווערטער, שיט אויפ׳ן מענשענ׳ס קאָפּ אומגליק נאָך פּלאָג, מאַטערט, פּייניגט און פּלינ־דערט איהם. און לאַמאַרטין ענדיגט מיט א צורוף צו בייראָנ׳ען:

„דערהויב דיין געבעט צום הימעל, אָ דו, גיהנום־זינגער״.

די באַמערקונגען צום געדיכט, וואָס לאַמאַרטין האָט שפּעטער צוגעגעבען, פאַרראַטען זיין משונה׳דיגע אומוויסענהייט וועגען ביי־ראָנ׳ען. כמעט אַלץ, וואָס ער זאָגט וועגען איהם, איז פּשוט אַן אומזין. אינטערעסאַנט איז אויך, אז הגם לאַמאַרטין האָט אַדרע־סירט א ליעד צו בייראָנ׳ס הויפּט העלד, טשיילד האַראָלד׳ען, האָט ער זיך קיינמאָל ניט אויסגעלערענט ריכטיג אַרויסצורעדען דעם נאָמען.

דעמזעלבינגען מוסר-טאָן, וואָס ער האָט אָנגענומען קעגען בייראָנ׳ען, האָט ער מיט יאָהרען שפּעטער באַנוצט אויך קעגען אַלפרעד דע מוסיע. איהם האָט ער אויך פאַרצולעגען פרום־מאָראַ־לישע שפּרוכען פאַר א רפואה.

די גאָטס־פאָרכטיגקייט, מיט וועלכער לאַמאַרטין האָט זיך תמיד געשפּיגעלט, איז ווייניגער פריקרע, ווייל מעהר אויפריכטיג, אין דער אָדע מיט׳ן נאָמען „אומשטערבליכקייט״. די אָדע איז געווענדט צו עלווירע, די געליעבטע פון זיין יוגענד, וואָס איהר פרייזין האָט איהם שטאַרק געקרענקט. זיין כונה דערביי איז, זי צו טרייסטען אויפ׳ן טויטען־בעט מיט דער האָפנונג אויף אומ־שטערבליכקייט, וואָס ביים לעבען האָט זי ניט געוואָלט גלויבען אין איהר. אָבער אויך דאָ געפינען מיר אַזעלכע פאַרפראָנענע אַלעגאָ־ריעס, ווי:

„אָ, האָפנונג, וואָס שטעהסט ביי דיין זייט, אָ, טויט, וואָס טרוימט וועגען קבר, אנטפּלעק מיר די שעהנערע וועלט".

בלויז אין איין ליעד, וואו לאַמארטין רופט צו גאָט, איז ער אַ ווירקליכער ליריקער, און ניט נור אַ פליסיגער פערזען־מאַכער. דאָס איז דאָס ליעד „פאַרצווייפלונג", וואָס דריקט אויס מרידה קעגען גאָט. דאָ האָבען מיר ריטמישען שטראָם, ליידענשאַפטליכע פאַנטאַזיע און צוויי מעלות, וואָס זיינען אַזוי זעלטען צו געפינען ביים פּאָעט — קראַפט און האַפט. וואָס האָט גאָט געזעהן זייט ער האָט די וועלט באַשאַפען?

„די טוגענד, צעדריקט פון אומבאַשטראָפטער חוצפּה, דעם שווינדעל געעהרט, דעם אמת גערייגט, די פאַרוואַגעלטע פרייהייט, נעבראַכט פאַר אַ קרבן צו די ערדישע געטער פון געגוס און גע־וואַלט, וואָס שטיצט אומעטום די אומבאַשרענקטע הערשאַפט פון אומגערעכטיגקייט".

אין זיין אָריגינעלער פאָרמע האָט דאָס געדיכט געהאַט פער־זען, וואָס זיינען אויסגעלאָזען געוואָרען ביי דער פּאַרעפענטלי־כונג און וואָס האָבען זיך אויסגע'טענה'ט מיט גאָט נאָך שאַרפער און ביטערער. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז גלייך נאָכ'ן אָפּדרוי־קען פון דעם געדיכט, האָט לאַמארטין, אויף זיין מוטער'ס בקשה, אַנגעשריבען אַן ענטפער־געדיכט — „גאָט צום מענשען", וואָס לייי־קענט אָפּ די אידעען פון ערשטען געדיכט. דאָס צווייטע איז ניט וועניגער קלינגענדיג־מעלאָדיש, אָבער לויט דעם פּאָעט'ס אייגענער אָפּשעצונג, גאָר ניט קיין פאַרגלייך צום ערשטען. דאָס ערשטע, באַמערקט ער גאַנץ ריכטיג, איז אינספּירירט, דאָס צווייטע איז פאַרטראַכט.

אָבער דער גאַנצער טעאָלאָגישער קלאַפּער־געצייג, קען מען זאָגען, איז געווען ניט מעהר ווי צוגעקלעפּט צו לאַמארטינ'ס פּאָע־זיע. נאָך אַ פּאַסיגערער פאַרגלייך איז, אַז זיין ליריק איז געווען ווי אַ נאַכלעסיג געבונדענער פליט, וואָס שווימט אַ ווייל מיט'ן שטראָם און באַלד צופאַלט ער זיך אין זיינע פאַרשיידענע באַ־שטאַנד־טיילען און פאַרשווינדט. זיין גאַנצער פרומער דאָגמאַ־טיזם האָט זיך באַלד אויפגעלעזט אין ליעבע צו דער נאַטור, אין

פאַרהערליכונג פון דער נאַטור, אין אויפריכטיג רעליגיעזער נאַטור־פילאָזאָפיע.

וואָס האָט ווירקליך געלעבט און געאָטעמט אין זיינע ערשטע לידער־זאמלונגען איז געווען עפּעס גאר באַזונדערעס פון זייער פרומען אנשטעל — געפיהלען און שטימונגען פון אן איידעלער, דאָך ווירדיגער נשמה. די נשמה, וואס איז געקומען צו איהר אויס־דרוק אין זיי, האָט געטראָגען דעם קענצייכען פון נייעם יאהרהונ־דערט: זי האָט ליעב געהאט איינזאמקייט. אין איינזאמקייט האָט זי זיך געפונען און זיך געפיהלט רייך. דאָס איז געווען אן אומגעזעלשאַפטליכע נשמה, בלויז געניינט אַפּצורופען זיך אויף דער וויברירענדער האַרמאָניע פון דער נאַטור. זי איז געווען אומע־טיג און ריהרענד־ערנסט; קיינמאָל ניט לוסטיג און פרעהליך. און צולעצט איז זי קיינמאָל ניט געווען עראָטיש; בלויז אין איי־נעם פון די לידער רעדט זיך וועגען גליק פון צופריעדענגעשטעל־טער ליעבע. אין אלע איבריגע הערשט דער טרויער איבער דעם פאַרלוסט פון דער געליעבטער, וואָס דער טויט האָט זי אוועקגע־רויבט. די פּאָעזיע פון 18טען יאהרהונדערט האָט פאַרנישטיגט די ליעבע, האָט פאַרוואַנדעלט ליעבע אין ליעבעסשפּיעל, האָט ניט די ליעבע און ניט די פרוי גענומען ערנסט, אבער אין דער נייער פּאָע־זיע איז ליעבע געווען די שטומע פאַרהערליכונג פון אן ערינערונג. די פרוי איז גלאָריפיצירט און פאַרגעטערט געוואָרען, ווי אין די טעג פון די מינעזינגער, בלויז מיט דער נפקא מינה, וואָס דאָס מאָל איז דאס געווען די פרוי ניט פון דער וועלט, דער גייסט פון דער געשטאַרבענער.

לאַמאַרטין האָט קיינמאָל ניט געמאָלען דעם ווילדען וועה, דעם צער, וואָס ברעכט דאָס הארץ פון געליעבטען אין דער רגע, ווען ער פאַרלירט די געליעבטע; אין זיינע לידער איז דער צער שוין געוואָרען א צושטאַנד, וואָס שטייפּט און גליווערט און קוועלט דאָס הארץ, און זעלטען־זעלטען ווען דער צער לייזט זיך אויף אין טרערען.

דאָס נייע ליעד איז געווען א געזאַנג, וואָס איז אזוי אומגע־קינצעלט געפלאָסען פון א רייכען, לויטערען קוואל; עס איז גע־ווען מוזיק, ווי האַרפען־קלאַנג וואָלט אריינגעשוואומען אין טענער

פון הימלישע פידלען. און געטראָגען אויף די טענער האָבען איינ־פאַכע, באַקאַנטע שטימונגען זיך איבערגעגעבען אין לעזער׳ס געמיט, ווי די אידעע פון ליעד „באַהעלטעניש" — דאָס גליק דערוואַרט אונז ערגעץ ניט; אָדער פון ליעד „הערבסט", דער טרויער־קלייד פון דער נאַטור׳ס הערבסט האַרמאָנירט מיט מיין צער און איז אָנ־גענעהם צו מיין אויג; אָדער פון ליעד „דער באַיאָנער ים־בוזים" — דער פּלאַץ, וואָס איז אַמאָל די סצענע געווען פון גרויסע געשעהע־נישען, באַהאַלט קיין שפּור ניט פון זיי. פּונקט אַזוי וועלען מיר פאַרשווינדען, ניט איבערלאָזענדיג קיין שפּור. אבער מערקט אַזעלכע איינפאַכע געפיהלען, ווי:

„אַזוי בייט זיך אַלץ, אַזוי פאַרגעהט, אַזוי פאַרשווינדען וועלען אויך מיר, אוי וועה, ניט לאָזענדיג מעהר שפּור, ווי אַט דאָס שיפעל, וואָס האָט אונז געגליטשט איבער׳ן ים, איבער אָט דעם ים, וואָס ווישט אַלץ אָפּ און פאַרגלעט" — —

אַזעלכע איינפאַכע געפיהלען ווערען אויסגעדריקט אין וואונ־דערליך קלינגענדע, פּרעכטיגע שורות.

לאַמאַרטין האָט קיינמאָל ניט געגעבען קיין פולע נאַטורבאַ־שרייבונגען, ער האָט קיין פאַרזוך ניט געמאַכט צו מאָלען; בלויז אויגענבליקליכע איינדרוקען פון דער נאַטור, געניאַל אויפגעכאַפּט און פאַרזיגעלט פאַר אַלע צייטען.

דער פּאָעט זיצט אויף אַ נאַקעטען פעלזען־באַרג. ווענערא געהט אויף איבער׳ן האָריזאָנט („דער אָווענד"). און עס דוכט זיך איהם, אַז אַ שטראַהל פון שטערן האָט זיך אַ גליטש געטאָן איבער זיין ברעם און אָנגעריהרט זיין אויג, און עס קומט איהם פאָר, ווי די פאַרשטאָרבענע, מיט וועמען ער האָט אַמאָל פאַרבראַכט דאָ אויף דעם פּלאַץ, שוועבט און פלאַטערט איבער איהם. און ער זאָגט צום שטראַהל פון ווענערא:

„דיין שיין האָט מיין האַרץ אָנגעצונדען; איך פיהל מיך ווי פאַרצוקט פון אַ טרוים אַן אומבאַקאַנטען; איך טראַכט וועגען דער טייערער, וואָס איז מעהר ניטאָ: אָה, זיס ליכט — ביזטו דער אָפּגלאַנץ פון איהר נשמה?"

זיצענדיג אויף אַ פעלז ביי דער אָזערע „לע־בורזשע", וואו אין די אַמאָליגע גליקליכע טעג איז ער געזעסען נעבען איהר, ווערט ער

באהערשט פון דעם פיינליכען געפיהל, ווי פארגעננגליך עס איז אלץ, וואָס איז מענשליך, אין פארגלייך מיט דער אומפארענדליכקייט פון דער אומבאלעבטער נאטור. דאָס ליעד „די אָזערע", וואו ער גיט אויסדרוק צו דעם געפיהל, איז אפשר דאס בעסטע, וואס ער האָט געשריבען, טראצדעם, וואס עס איז אזא געוואלדיג פּאָפּולער. דאָס איז אן אויסגעצייכענטער מוסטער פון לאַמארטינ׳ס ליריק; ווייך טראגען זיך די סטראָפען, אָהן דעם מינדסטען סימן פון אנשטרענ־גונג, אפילו אָהן יענער אנשטרענגונג, וואס מיר רופען קונסט. זיי האָבען אזא נאטירליכע מעלאָדיע, ווי דער מורמעל פון דער אָזערע. די שטימונג פון ליעד איז מערקווירדיג טרעפענד, וואונדערליך גע־נוי, אויסגעדריקט אין דער מעטאפּארע, וואס שליסט די ערשטע סטראפע: איז אוממעגליך צו ווארפען דעם אנקער פאר איין איינציגען טאָג אין דעם אָקעאַנוס פון צייט? די אָזערע ווערט באשריבען מיט איהרע כוואליעס, וואָס ברעכען זיך אָן די פעלזען, פונקט ווי מיט א יאהר צוריק, ווען זיין געליעבטע האָט זיך צוגע־הערט צו זייער געמורמעל; און ער, דער בארויבטער ליעבהאָבער, דערמאָנט זיך די ווערטער, וואס זי האָט אויסגעדריקט אין דער שטילקייט פון דער נאכט, ווען דאס שיפעל האָט זיי געטראגען אי־בער די וואסערן: — א צורוף צו דער צייט, צו דער מיט גליק אנ־געטרונקענער צייט, זי זאָל אפּשטעלען איהר לויף; א געבעט צו איהר, זי זאָל האסטיגער פליהען פאר די אומגליקליכע און ליידענ־דע, און לענגער זיך פארזאמען פאר די, וואס ליעבען און ווערען געליעבט. און ער ווידערהאָלט איהר לעצטען רוף: דאָס בעטען איז אומזיסט; לאָמיר זיך ליעבען און זיך לאבען מיט דער פאר־געגגליכער שעה! פאר׳ן מענשען איז קיין הימעל ניטאָ, פאר דער צייט קיין ברעג; זי פליסט און מיר פארשווינדען. און אן דער ערינערונג וועגען די געדאנקען פון זיין פארשטארבענער געליעב־טער קניפּט ער אָן זיין אייגענעם צורוף צו דער נאטור. ער ווענדט זיך צו דער אָזערע, צו די שטומע פעלזען, צו די היילען, צו די טונ־קעלע וועלדער, צו די אלע זאכען, וואס די נאטור שאנעוועט אדער פאריונגט זיי כסדר און ער בעט זיך ביי זיי, זיי זאלען באהאלטען די ערינערונג אן יענער נאכט.

און ווי ער פארגייסטיגט דעם צער און די איינזאמקייט פון

בארויבטען ליעבהאבער, כמעט פונקט אזוי פארגייסטיגט לאמאר־טין דאס גליק פון באפרידיגטער ליעבע — הגם דאס טרעפט ביי איהם נאר איינמאל אין דעם „ליעבעסגעזאנג", וואס ער אליין רופט עס גאנץ נאאיוו דער מאדערנער שיר השירים, — א שיר השירים, וואס איז פיעל רוהיגער אין טאן א סך וועניגער אריענטאַ־ליש אין קאליר, ווי דער פארצייטיגער. אין דער אמת'ן האט זיין ליעד פונקט אזא קנאפע עהנליכקייט צום אלט־אידישען ליעבעס־ליעד, ווי די פארגייסטיגטע צניעות פון מערב צו דער גליהענדער געלוסטיגקייט פון מזרח.

דא, ווי אומעטום, איז די סטרונע, וואס ער ריהרט אן, די סטרונע פון קלאגענדער צערטליכקייט, וואס געהט לאנגזאם איבער אין פרומע עהרפורכט.

פון לאמארטינ'ס גאנצער יוגענדליכער פאעזיע האבען היינט צו טאג פאר אונז אן אינטערעס בלויז אט די ריין־מענשליכע ליע־דער. מיר זיינען אבער שרעקליך געלאנגווייליגט פון יענע לעדיגע, אויסגעוועפטע פארפאסעבצען, וואס אין איינקלאנג מיט די פאר־געשריבענע כללים פאר רעליגיעזער פאעזיע, באשטעהען זיי נאר פון געגראמטען יראת שמים, פון קלינגענדען לויב־געזאנג אויפ'ן רבונו של עולם און זיינע מעשים.

דער מענש, וואס ווייזט זיך פאר אונז אין זיינע מענשליכע ליעדער, איז אהן שום ספק א פוסטער בעל גאוה, וואס איז אהן א שיער פארנומען מיט זיך און מיט זיין אייגענער ליעבליכקייט און רעדט צו אפט א האניג־זיסע שפראך. אבער זיין גאוה איז אזוי קינדעריש־אומשולדיג, אז זי איבעלט ניט. פארקעהרט, עס געפעלט אונז, וואס דאס איז ניט ליטערארישע גאוה. לאמארטין איז זיך משמח דערמיט, וואס ער האט א שעהן פנים, וואס ער איז דער ליעבלינג פון פארנעהמע דאמען, וואס ער איז א גוטער רייטער און שפעטער אויך א גלענצענדער רעדנער; אבער ער איז ניט איינ־געבילדעט אויף זיינע פאעטישע פעהיגקייטען, אפילו ניט איבריג שטאלץ אויף זיי.

דער מאן מיט דעם טאלאנט פון אן אמת'ן אימפראוויזאטאר, רעדט וועגען זיך אין זיינע פאררעדעס און מעמוארען, מיט שטאל־צער באשיידענהייט, אז ער באשעפטיגט זיך מיט קונסט פאר זיין

איינענעם פארגניגען און אז ער רעכענט זיך ניט צווישען די באַ־רופענע און אויסדערוועהלטע. און אין דער אמת'ן איז ער א די־לעטאַנט אין דעם זין, וואס ער איז צו נאַכלעסיג צו קענען אנגערו־פען ווערען אמת'ער קינסטלער. ער האָט אינסטינקטיווע טעכניק, בויגזאַמקייט און לייכטקייט, אבער צוזאמען מיט דעם אויך א גייַ־גונג צו צוגאָסענקייט און ווידערהאָלונגען, וואָס טוידט דעם עפעקט פון די גוטע מעלות. איהם פעהלט זעלבסט־קריטיק, וואס מאַכט פאַר איהם שווער, נאָך מעהר, כמעט אוממעגליך צו פאַר־ריכטען און אויסצובעסערען זיינע ווערק. דאָך, איז ער זיין לעבען לאַנג געווען א פּאָעט, אַן אמת'ער פּאָעט, און טראָץ זיינע חסרונות, איינער פון די עכטסטע פּאָעטען, וואָס פראנקרייך האָט ארויסגע־בראַכט. עס איז ניט זיין שולד, וואס ער האָט זיך באַוויזען אין דער ליטעראַטור אונטער דעם ניט מזל'דיגען שטערן פון דער רעאַקציע.

אונטער דעמזעלביגען ניט מזל'דיגען שטערן האָט אנגעהויבען זיין ליטעראַרישע קאַריערע און זיך דערוואַרבען א נאָמען דער מאַן, וועמען עס איז באַשערט געווען צו ווערען שפּעטער דער באַריהמ־טעסטער פראנצויזישער פּאָעט פון 19טען יאהרהונדערט: וויק־טאָר הוגאָ, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין 1802, איז פאַר א גרויסער צאָהל מיט יאהרען געווען פּונקט אזא גוטער קאַטוליק און ראָיאַליסט, ווי לאַמאַרטין, וועלכער איז געווען מיט צוועלף יאָהר על־טער פון איהם. הוגאָ'ס ליטעראַרישע אנטוויקלונג פאַלט ענג צו־נויף מיט דער פּאָליטישער אנטוויקלונג פון דער פראנצויזישער נאַציע. ער איז אַן אנהענגער פון די בורבאָנען, כל זמן די פּאָמי־ליע רעגיערט. ווען די יולי־רעוואָלוציע ברעכט אויס, סימפּאַטי־זירט ער מיט איהר און ווערט אַן אנהענגער פון דער יוני־מאָנאַר־כיע, אזוי גיך ווי זי גרינדעט זיך. אונטער קעניג לואי־פיליפּ, אין וועמעס הויף ער איז אַן אָפטער גאַסט, ווערט ער אַן ענטוזיאַס־טישער לויבזינגער אויף נאַפּאָלעאָנען, ווען דער נאַפּאָלעאָן־קולט ווערט ווידער אויפגעלעבט אין פראנקרייך. ער שטיצט וואַרם די קאַנדידאַטור פון לואי נאַפּאָלעאָן אויף דעם פּאָסטען פון פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, און שענקט איהם ווייטער זיין שטיצע, ווען יע־נער פארנעהמט דעם פּאָסטען און פּארהאַלט זיך אפילו סימפּאַטיש צו דער אידעע פון אַן אימפּעריע, ביז ער דערפיהלט זיך געקרענקט

פון דעם, וואס דער פרינץ־פרעזידענט רעכענט זיך קנאפ־וואס מיט איהם אלס פאליטיקער, און ער ווערט אפגעקיהלט צו איהם. ווען נאפאלעאן פראקלאמירט די צווייטע אימפעריע, ווער ער אש להבה אויף איהם, און הוגא געהט סוף כל סוף אריבער אין דעם לאגער פון די עקסטע רעפובליקאנער. זיין לעבען, קען מען זאגען, איז א שפיגעל פון די פאליטישע באוועגונגען אין פראנקרייך. דורך דער ערשטער העלפט פון 19טען יאהרהונדערט. ער איז געווען, ווי עס איז אפט דער פאל מיט פאעטען, ניט קיין פיהרענדער גייסט, נאר א שפראך־ארגאן.

אין דער לעצטער פארעדע צו זיינע אדען און באלאדען שרייבט הוגא, אין זיין יום־טובדיגען סטיל, וועגען זיין קאריערע:

„די געשיכטע ווערט נתפעל פון מישעל נעי, וועלכער, געבא־רען א באנדער, איז געווארען א מארשאל פון פראנקרייך, און פון מוראט, וועלכער איז פון א קוטשער געווארען א קעניג. זייער טונ־קעלע אפשטאמונג, ווערט אנגענומען, גיט זיי נאך מעהר רעכט אויף רעספעקט, גיט צו נאך מעהר גלאנץ צו דער גלענצענדער פא־זיציע, וואס זיי האבען דערגרייכט. אבער פון אלע לייטערס, וואס פיהרען פון פינסטערניש צו ליכט, איז דער שווערסטער ארויפצו־קלעטערען אהן ספק דער יעניגער, וואס פיהרט פון א לאיאלען ארי־סטאקראט צו א דעמאקראט. אויף אזא לייטער צו קלעטערען איז דער גרעסטער פארדיענסט. צו דערהויבען זיך פון א שטיבעל צו א פאלאץ איז זיכער אן אונמעגליכער, א וואונדערליכער אויפטו, אבער צו דערהויבען זיך פון פארבלענדעניש צו אמת איז נאך אומ־געוועהנליכער, נאך וואונדערליכער. אין ערשטען פאל געווינט דער מענש עפעס, פארגרעסערט זיין באקוועמליכקייט, מאכט, רייכטום מיט יעדען שריט וואס ער שטייגט; אין צווייטען פאל אבער פא־סירט פונקט דער היפוך דערפון, — ער מוז באצאהלען פאר זיין גייסטיגען וואוקס מיט איין קרבן נאכ'ן אנדערן. איין מאל און צוויי מאל און דריי מאל מקריב זיין זיינע וועלטליכע גיטער... און אויב עס איז אמת, אז מוראט האט געקענט מיט שטאלץ אוועק־לעגען זיין פוהרמאנישען בייטש נעבען זיין קעניגליכען שטאב און זאגען: „אט מיט וואס איך האב אנגעהויבען!" — איז אויך אמת,

אַז דער פּאָעט קען מיט נאָך מעהר באַרעכטיגטען שטאָלץ און מיט נאָך גרעסערער אינערליכער באַפרידיגונג אָנווייזען אויף די ראָיאַ־ליסטישע אָדען, וואָס ער האָט געשריבען אַלס קינד און אינגעל, און אַוועקלעגען זיי נעבען די דעמאָקראַטישע פּאָעמען און ווערק, וואָס ער האָט געשריבען אַלס דערוואַקסענער מאַן. און דער שטאָלץ איז אפשר גאַר באַזונדערס באַרעכטיגט ביי דעם מאַן, וועלכער האָט צום סוף פון זיין שטייגען צו ליכט, אויף דעם אויבערשטען טרע־פּעל פון לייטער, געפונען גלות, און מוז דאַטירען זיינע פּאַררעדעס פון א גלות־פּלאַץ".

וויקטאָר הוגאָ איז געווען דער זוהן פון נאַפּאָלעאָנ'ס אַן אָפי־ציער, וועלכער איז לכתחילה געווען אַזאַ פייעריגער רעוואָלוציאָ־נער, אַז ער האָט אומגעביטען זיין נאָמען יאָזעף אויף ברוטוס און האָט אָבער זיין רוימישען נאָמען אַוועקגעוואָרפען, ווען עס איז גע־וואָרען אוים מיט רעוואָלוציע. יאָזעף הוגאָ איז געשטאַנען מיט דעם באַטאַליאָן, וואָס ער האָט קאָמאַנדירט, אין בעזאַנסאָן, ווען זיין שפּעטער באַריהמט געוואָרענער זוהן איז געבאָרען געוואָרען. אייניגע וואָכען נאָך דער געבורט פון זיין זוהן איז ער געשיקט געוואָ־רען קיין קאָרסיקא דורך מאַרסעל. פון קאָרסיקא איז ער אַריבער־געפיהרט געוואָרען אויף עלבאַ, פון דאָרט קיין גענואַ, אין דער אי־טאַליענישער אַרמיי. ער איז אַריינגעטרעטען אין דיענסט פון נאַ־פּאָלעאָנ'ס ברודער יאָזעף, ווען יאָזעף איז געוואָרען קעניג פון נעאַ־פּאָל. קיין נעאַפּאָל האָט ער אין אָקטאָבער 1807 אַראָפּגעבראַכט זיין פרוי און קינדער. ווען אין 1808 איז יאָזעף באַשטימט גע־וואָרען פאַר קעניג פון שפּאַניען, האָט קאָלאָנעל הוגאָ איהם נאָכגע־פּאָלגט אין יענער מדינה, אַפּשיקענדיג זיין פרוי מיט די דריי אינג־לאַך קיין פּאַריז, וואו זיי האָבען געלעבט פון 1808 ביז 1811. אין פריהלינג פון 1811 האָבען זיי באַגלייט אַ שטאַרקע מיליטערי־שע אָפּטיילונג קיין מאַדריד, אָבער הוגאָ האָט אין נעקסטען יאָהר אוים פאַרזיכטיגקייט צוריק זיי משלח געווען קיין פּאַריז. ער אליין האָט דערווייל געמאַכט אַ משונה'דיג שנעלע קאַריערע, ווע־רענדיג דערהויבען צו אַלע העכערע ראַנגען: פון קעניגליכען אַדיוּ־טאַנט ביז קאָמענדאַנט פון פּאַלאַץ, גענעראַל, גראַף טשיזוענטע, גע־נעראַל־אינספּעקטאָר פון דער גאַנצער אַרמיי אויפ'ן האַלב־אינזעל,

גובערנאטאר פון דריי פּראווינצען, — באטייליגענדיג זיך די גאנצע צייט אין מלחמה, ביז די מפּלה ביי וויטאריא, אין יוני 1813, האָט געצוואונגען קעניג יאָזעף אפּצודאנקען פון שפּאנישען טראָן. נאָ־פּאָלעאָן, וועלכער האָט גענעראל הוגאָ פּארטראגען ניט געקענט און האָט איהם אפּטמאָל שלעכט באהאנדעלט, האָט זיך אנטזאגט צו באשטעטיגען זיין ראנג גענעראל און טיטעל גראף (אלע אנדערע עמטער זיינע האָט הוגא שוין געהאט פּארלאָרען) און ער האָט איהם באפוילען ווידער אריינצוטרעטען אין דער פראנצויזישער ארמיי מיט דעם ראנג מאיאָר. אין 1814 און 1815 האָט יאזעף הוגאָ זיך אויסגעצייכענט מיט זיין געשיקטער פּארטיידינונג פון דער פעס־טונג טיאָנוויל. זיין זוהן שרייבט וועגען איהם, אז ער איז געווען א גרויסער פארעהרער פון נאפּאָלעאָנען. אבער ער איז דורכאויס דאָס ניט געווען, און ווען די בורבאָנען האָבען זיך באזעצט אויפ׳ן פראנצויזישען טראָן, האָבען זיי איהם גלייך און פאלשטענדיג אי־בערגעוואונען אויף זייער זייט דורך דעם, וואס זיי האָבען איהם צוריקגעגעבען דעם ראנג גענעראל, פארעכענענדיג איהם אין דיענסט די אלע יאָהרען זייט 1809, ווען ער האָט דעם ראנג באַ־קומען פון קעניג יאזעף. אזוי אז ניט נאר וויקטאר הוגאָ׳ס מוטער, די טאָכטער פון א טריי־אונטערטעניגען שיף אייגענטימער פון שטעטעל נאנט, אין ברעטאן, איז געווען א הייסע ראָיאליסטין, נאָר אויך זיין פאטער האָט זיך מיט לייב און לעבען צוגעבונדען צו דעם אויפגעריכטען קעניגליכען הויז. צוליעב סבות, וואס האָבען קיין שום שייכות ניט צו פּאָליטיק, איז געקומען צו א מיספארשטענד־ניס צווישען די עלטערן, און זיי האָבען זיך צושיידט. די זיהן: אבעל, עזשען און וויקטאָר זיינען געבליבען מיט דער מוטער אין פּאריז.

אלע דריי האָבען פאָרמאָגט ליטערארישע פעהיגקייטען, הגם נאָר דער אינגסטער האָט געלעבט לאנג גענוג ארויסצואווייזען זיין פולע קראפט און צו געווינען רוהם. און זאָל דאָ גלייך געזאגט ווערען, אז אלע דריי האָבען אנגעהויבען דערמיט, וואס זיי האָבען זיך דערקלערט פאר ריטער פון קעניג און קירך. וויקטאָר האָט נאָך אינגעלווייז געזאגט וועגען זיך: „איך וועל זיין שאטאָבריאן אדער גאָרנישט”.

נאכדעם ווי זיי האָבען געוואונען פּרעמיומס פאר זייערע פּאָע־מען אין פּאריז און טולוז, האָבען די דריי ברידער צוליעב פּרנסה געגרינדעט א ליטעראַרישע צייטשריפט (אין 1819). שאַטאָבריאַן האָט דאַמאָלס רעדאַגירט די עקסט קאָנסערוואַטיווע צייטונג, „דער קאָנסערוואַטאָר". די ברידער האָבען זייער זשורנאַל א נאָמען גע־געבען „דער ליטעראַרישער קאָנסערוואַטאָר". שאַטאָבריאַן האָט ווארים באַגריסט די אונטערנעהמונג. דער נייער זשורנאַל איז ערשיענען צוויי מאָל אַ חודש ביז מערץ 1821, און וויקטאָר הוגאָ אַליין האָט צוגעשטעלט מעהר ליעדער און אַרטיקלען, ווי אַלע איב־ריגע מיטאַרבייטער צוזאַמענגענומען. אין „ליטעראַרישען קאָנ־סערוואַטאָר" געפינען מיר שוין אייניגע פון זיינע באַריהמטעסטע אָדען — „די מיידלאַך פון ווערדון", די אָדען אויף דעם שיקזאַל פון וואַנדעע, אויף דעם טויט פון הערצאָג פון בערי, אויף דער גע־בורט פון הערצאָג פון באָרדאָ און אויך דעם שעהנעם, מעהר פּער־זענליכען פרייד־געזאַנג צו דער ווידעראויפשטעלונג פון הענרי דעם 4טענס דענקמאָל. דאַ געפינען מיר אויך איבער הונדערט אין צאָהל זיינע ערשטע קריטישע עסעיען, פון וועלכע בלויז עטליכע, אין א שטאַרק פאַרענדערטער פאָרמע, זיינען שפּעטער איינגעשלאָסען געוואָרען אין דער קאָלעקציע, באַטיטעלט: „געמישטע ליטעראַרי־שע און פילאָזאָפישע עסעיען".

אין יענער צייט איז פּאָעזיע פאר וויקטאָר הוגאָ געוועזען די טאָכטער פון רעליגיע. וועגען דער אָדע אויף דער עקזיסטענץ פון גאָט, שרייבט ער: „דער וואונש צו דאַנקען דעם גיטיג־גנעדיגען גאָט אין א שפּראַך, וואָס איז איהם ווירדיג, האָט געבאָרען די פּאָע־זיע. און זייט איהר געבורט האָט זי געטיילט די טריאומפען פון דער רעליגיע, וואָס האָט פאַראייניגט די ערשטע געזעלשאַפטען און געלעגט דעם פונדאַמענט פאר דער ציוויליזאַציע פון דער וועלט. היינט צו טאָג, ווען מענשען אַטאַקירען די רעליגיע, כדי צו צושטע־רען די געזעלשאַפט — די רעליגיע, וואָס איז דער איינציגער צוים אויפ'ן מענשען, דער איינציגער פעסטער קנופּ, וואָס האַלט די גע־זעלשאַפטען צוזאַמען, איז קיין חידוש ניט, וואָס די אַטאַקירער זוכען א שטיצע אין דער פּאָעזיע. אבער די געטליכע מוזע לאָזט זיך ניט אינספּירירען פון... גאַרנישט".

אין יענער צייט אויך האט ער קארנעל׳ען און ראסינ׳ען גע־שטעלט העכער פון שעקספירען און שילער׳ן: „מיר האבען קיינ־מאל ניט פארשטאנען דעם אונטערשיעד, וואס עקזיסטירט בלומרשט צווישען קלאסישער און ראמאנטישער קונסט. שעקספיר׳ס און שילער׳ס דראמען אונטערשיידען זיך פון קארנעל׳ס און ראסינ׳ס בלויז דערמיט, וואס זיי האבען מעהר חסרונות״.

די ערשטע אויפלאגע פון וויקטאר הוגא׳ס אדען איז ערשי־נען אין 1822. לואי דעם 18טען זיינען די אדען אזוי געפעלען, אז ער האט זיי איבערגעלייענט מעהרערע מאל, און ער האט באוויליגט דעם פאעט א יעהרליכע פענסיע פון 1000 פראנק, וואס זאל אויס־געצאהלט ווערען פון זיין פריוואטער קאסע; מיט א יאהר שפע־טער האט דאס אינערן־מיניסטעריום ארויסגעגעבען הוגא א סומע פון 2000 פראנק; און אין 1826 האט דער קעניג פארגרעסערט די יעהרליכע פענסיע, ניט ניט־געבעטענערהייד.

וויקטאר הוגא האט ניט אומזיסט נושא חן געווען ביים קע־ניג, ווארים אין זיינע ערשטע ליעדער געפינען מיר דאס גאנצע סיסטעם פון אלט־פרענקישע פאליטיש־רעליגיעזע באגריפען, וואס האבען צוריק געוואונען זייער גילטיגקייט אונטער דער בורבאנישער מאנארכיע. זיי זיינען א טרייע אפשפיגלונג פון דער פעריאדע, אין וועלכען זיי זיינען געשריבען געווארען. די געשיכטע פון פראנקרייך פון 1789 ביז 1825 געהט־דורך דורך זיי אין בילדער.

אין די יעניגע ליעדער, וואס באהאנדלען די רעוואלוציע, מערקען מיר, פונקט ווי אין לאמארטינ׳ס ליעדער אויף דערזעלבי־גער טעמע, אז צוויי ווערטער ווידערהאלען זיך עפטער פון אלע — הענקער און קרבן. קיין אנדער זאך זעהט ניט הוגא אין דער רע־וואלוציע. פאר איהרע פיהרענדע גייסטער האט ער קיין אנדער באצייכנונג ניט, ווי הענקער; דער קאנווענט באשרייבט ער, ווי דאס ווערק פון טייוועל (בוך 1, אדע 4); און ווי וועניג ער האט ליעב די היידנישע מעטהאלאגיע, קען ער זיך דאך ניט צוריקהאל־טען פון געברויכען דעם אויסדרוק די היידרע פון אנארכיע, ווען ער וויל מאלען די גרוילען פון דער רעוואלוציע. פאר די שונאים פון דער רעוואלוציע האט ער דעם פארטיגען נאמען:

קרבנות; דער אויפשטאַנד אין וואַנדעע ווערט גערימהמט אין יעדען צווייטען ליעד, און יעדען העלד און יעדער העלדין פון וואנדעע ווערט געווידמעט א באזונדערע אָדע („די וואַנדעע", „קוויבעראָן", „מאַדעמואַזעל סאָמברעיל"). די גיליאָטינע שוועבט שטענדיג פאַר דעם פּאָעט'ס פאַנטאַזיע, אויף איהר שיט ער אויס אַלע זיינע קללות, א חוץ ווען, ווי אין דער אָדע „טרייהייט" (בוך 4, אָדע 4). ער וויל אויף זיך אַליין אָנטאָן די קרוין פון מאַרטירערטום, „ווייל דער מלאך פון די מאַרטירער איז דער שענסטער פון אַלע מלאכים, וואָס טראָגען די נשמות פון די מענשען צום הימעל".

נעהענדיג אין די פוס־טריט פון שאַטאָבריאַנען, ווענדט זיך הוגאָ צו די קריסטליכע מאַרטירער פון פאַרצייטיגען רוים, און אין ניט ווייניגער ווי פיער אָדען („דער פרייער מאַלצייט", „דער גליק־ליכער מענש", „דער געזאַנג פון צירק", „א געזאַנג אויף נעראָנ'ס פעסט") באַשרייבט הוגאָ דעם גסיסה־טריאומף פון די מאַרטירער איבער דער ברוטאַל־תאווה'דיגער רציחה, פון וועלכער זיי קומען אום, אָבער נאָר לפנים. און דער סימבאָליזם איז אויך דער־זעלביגער, וואָס ביי שאַטאָבריאַנ'ען: אונטער שחיטות אין רוי־מישען צירק ווערען פאַרגעשטעלט די הריגות אויף די לאַיאַלע אַדעללייט אין פריסטער אין צייט פון דער רעוואָלוציע.

איינע פון די פיינסטע פּאָעמען פון דער רעוואָלוציאָנס־סע־ריע איז די עלטסטע, וואָס איז געשריבען צום אנדענקען פון א קליינע גרופּע אומשולדיגע יונגע מיידלאך, וועלכע זיינען הינגע־ריכטעט געוואָרען אונטער דער „הערשאַפט פון טעראָר", נאָך א לאַנגען זיצען אין געפענגניס און אָהן א משפט, אויף דעם פאַלשען, לעכערליכען חשד, אַז זיי האָבען אַיסגעדריקט פרייד, ווען די פריי־סען זיינען אריין אין שטאָדט („די יונג־פרויען פון ווערדון"). הוגאָ מאָלט דעם טריבונאַל פון קאָנווענט שוואַרצער ווי ער איז געווען, צושרייבענדיג דעם עפענטליכען אָנקלעגער פוקיע־טינוויל אומריינע כוונות און אריינלעגענדיג איהם אין מויל אַן אומפאַרשעמטען אָנ־באָט צו זיינע קרבנות. אבער אויך אָהן דער צוגעטראַכטער מעשה איז דער אורטייל איבער אָט די מיידלאַך אַזוי שענדליך, זייער שיקזאַל אַזוי טראַגיש און זייער האַלטונג אַזוי שעהן און ווירדיג, אַז

זיי פאַרדינען אַ פּאַטעטישען מאָנומענט, נאָך אַ בעסערען, ווי הוגאָ האָט זיי געשטעלט*).

דעם פּאָעט'ס פּאַטאָס איז פאַלשטענדיג אין פּלאַץ אין אַזאַ אויסנאַהמס-פאַל, וואו די רעוואָלוציע ווייזט זיך פאַר אונז אַזוי שוואַרץ־אומגערעכט אַנטקעגנען יוגענד און אומשולד, אבער זיין פּאַטאָס ווערט איבעלדיג־פאַלש, ווען ער נעהמט זיך ראָמאַנטיזירען. דער טאָן, אין וועלכען ער שרייבט וועגען מאָנאַרכיע און ריהמט דאָס קעניגטום, איז פּשוט אומערטרעגליך. אין דער אָדע אויף לואי דעם 18טען רופט גאָט צו די שרפים און איבער־מלאכים און נביאים זיי זאָלען בויגען זייערע קעפּ פאַר דעם ניי־געבאָרענעם יורש פון טראָן: „בוקט זיך, דאָס איז דער קעניג". און דאָס איז ניט גענוג, רופט גאָט אַליין איהם ניט ביים נאָמען, נאָר ביים טיטעל: „אָה, קעניג!" און דערמאָנט איהם, אַז גאָט'ס איינגע־נער זוהן איז געוועזען ווי ער, אַ קעניג אין אַ דאָרנ־קרוין. אין דער אָדע צו דער טויפונג פון גראַף שאַמבאָר, דעם יורש, איז די שפּראַך נאָך שטאַרקער: „גאָט האָט אונז געשיקט איינעם פון זיינע מלאכים, ווי ער האָט אונז געשיקט זיין זוהן פּאַרצייטען". ער דערמאָנט אונז, אַז דאָס וואַסער פון טייך ירדן (געבראַכט קיין פּאַריז פון שאַ־טאָבריאַן), מיט וועלכען דאָס קינד איז געטויפט געוואָרען, איז דאָסזעלביגע, מיט וועלכען יעזוס האָט זיך געטויפט. עס איז דער רצון פון גאָט, דערצעהלט ער אונז, „אַז די באַרוהיגטע וועלט זאָל שוין נאָכ'ן וואַסער, מיט וועלכען ער איז געטויפט געוואָרען, דער־קענען דעם דערלייזער". אין דער „זעהונג" ווערט דער 18טער יאָהרהונדערט אויפגעפאָדערט צו דין וחשבון פאַר גאָט און ווערט אָנגעקלאָגט אין דעם, אַז „אין זיין איבערמוט, אין זיין ווי־סענס־שטאָלץ, האָט ער זיך אויסגעלאַכט איבער די עיקרים פון אמונה, וואָס זיינען די יסודות געזעץ און מאָראַל". און ווען דער

---

*) ווער עס אינטערעסירט זיך מיט די ווירקליכע פאַקטען, וועט גע־פינען די געשיכטע דערצעהלט לויט אָריגינעלע היסטאָרישע דאָקומענטען אין קאַווילי־פלערי'ס „פּאָליטישע פּאָרטרעטען", 1851, זייטען 377 און ווייטער.

יאהרהונדערט דריקט אויס אַ ציטעריגע האָפנונג, אז די צוקונפט וועט ווארפען א גינסטיגערען ליכט אויף זיינע מעשים, קריגט ער זיין גרויזאמען פסק: דער „שולדיגער יאָהרהונדערט" ווערט גע־שטירצט אין תהום; און פאלענדיג הערט ער נאָך דעם אומ־רחמנות'דיגען קול פון שופט.

דער שטאנדפונקט, פון וועלכען נאפאלעאן ווערט באטראכט (נאפאָלעאָן ווערט אלע מאָל גערופען פארעכטליך: באָנאפארטע) איז דערזעלביגער שטאנדפונקט, פון וועלכען די רעוואָלוציע ווערט פארדאמט; ער איז אן אוזורפאטאָר, א ברוטאלער סאלדאט, דער מערדער פון הערצאָג פון ענגיען; און ווידער און ווידער לאָזט ער אונז הערען, אז די ליליע — די עמבלעם פון די בורבאָנען — איז בעסער פון לאָרבער. און אלס פריינד פון הערצאָג און אלס פארשטעהער פון די געפאלענע קעניגע ווערט אונטער דעם נאָמען קאָלאָנעל ג. א. גוסטאוואן באזונגען גוסטאוו־אדאָלף דער 4טער, וועלכער האָט אפגעריכט גלות אין פראנקרייך אונטער לואי דעם 18טען (בוך 3, אָדע 5). און דער אופן, ווי די פערזאן און דאס לעבען פון גוסטאוו'ן ווערען פארגעשטעלט, זאָגט עדות אויף הוגאָ'ס מורא'דיגע אומוויסענהייט וועגען אויסלאנד. דעם קעניג'ס גאנץ לעבען איז א מוסטער לעבען; זיין גרויסער פארשטאנד איז א טעמפעל, פון וועלכען גאָט לאָזט הערען זיין קול; ער דיקטירט די געשיכטע פון דער צוקונפט; ער איז דער יורש פון די פאר־צייטיגע זעהער; און זעהענדיג ווי די מאָנארכען בויגען זייערע נאקענס אונטער נאפאָלעאָנ'ס יאָך, ווארפט ער אוים עקעל פריי־וויליג פון זיך די קרוין אראָפ, און דערמיט ווערט זיין קאָפּ דער־הויבען איבער אלע קעניגליכע קעפּ אויף דער ערד. קען מען זיך פאָרשטעלען א ווילדערען אומזין? דער אויסגעלאסענער, משוגענער גוסטאוו א מוסטער קעניג! די בורבאָנען, נאטירליך, ווערען גע־לויבט און געריהמט ביז'ן הימעל. אלע געשעהענישען פון זייער פאמיליען־לעבען, געבורט, טויפע, טויט, באשטייגונג פון טראָן, קרוינונג — ווערען באהאנדעלט ווי געשעהענישען פון וועלט־ באַ־דייטונג. אין דער אָדע אויף דער מלחמה מיט שפאניען — א ני־דערטרעכטיגע מלחמה, וואס פראנקרייך, אונטער שאטאָבריאנ'ס איינפלוס, האָט געפיהרט מיט שפאניען אין די אינטערעסען פון

דער אייראָפּעאישער רעאַקציע, ווערט די קעניגליכע מאַכט דער־קלערט פאַר אַ וואונדער פון הימעל; דער קעניג ווערט אויסדריק־ליך באַשריבען אַלס האַר פון מלחמה, וואָס שטיצט זיך אויף דער מאַכט פון שווערט; מלחמה, ווערט אונז געזאָגט, איז די באַגלייטערין פון קעניגטום:

„דער פירסט מוז ווי אַ סאָלדאַט תמיד טראָגען דעם זעבעל: ווי נאָר עס צינדט זיך אָן דער אומריינער שטערן פון די מורדים, דאַרף טאָג און נאַכט, צושטערענדיג זייערע שפּיצלאַך, וואַכען איבער זיי דער שווערט; אַדער דער קעניג זאָל פון זיין אַרמיי אַ סוויטע זיך מאַכען, זיין שטאָלצען פּאַלאַץ זאָל אַ בלישצענדער לאַגער פאַרטיידיגען, ווייל די חבר'טע פון קעניג'ס מאַכט איז מלחמה; מען קען דיך ניט ברעכען, אָה, סצעפּטער פון גרויסען קאַרל, ניט ברעכענדיג פריהער ראָלאַנד'ס אייזערנעם שווערט".

עס איז קיין חידוש ניט, וואָס די אַלע פּאָעמען האָבען געהאַט פאַר איבערשריפטען פּסוקים פון דער ביבעל אָדער פון אַנדערע רע־ליגיעזע ספרים, באַזונדערס פון שאַטאָבריאַנ'ס „די מאַרטירער" — אַ ראָמאַן, וואָס האָט אַזוי מעכטיג געווירקט אויף די מוחות פון די אינגערע פּאָעטען, אַז זיי האָבען עס געהאַלטען פאַר אַ כבוד איבער־צושרייבען גאַנצע זייטען פון איהם אין פערזען. (צום ביישפּיעל, עמיל דעשאַמפּ, „פּאָעזיען", אויסגאַבע פון 1841, ז. 621 „אַ זייטעל פון מאַרטירער"). און פּונקט ווי לאַמאַרטין האָט געווידמעט זיין אָדע דער „זשעני" באָנאַלד'ען, ווידמעט הוגאָ אַן אָדע מיט דעמ־זעלבען נאָמען שאַטאָבריאַנען, פון וועלכען ער שרייבט, אַז „ער האָט געליטען טאָפּעלטע מאַרטירערשאַפט — מאַרטירערשאַפט פון זשע־ניע און פון טוגענד".

אַ רייהע ליעדער זיינען געווידמעט לאַמאַרטינ'ען: זיין וואונש איז, שרייבט ער, צו געהן אין שלאַכט אין איין רייטוואַגען מיט זיין פריינד; ער וועט טרייבען די פערד, בעת לאַמאַרטין וועט פאָ־כען מיט'ן שווערט. און די ליעדער זיינען די סימפּאַטישסטע פון אַלע, טיילווייז צוליעב זייער מערקווירדיגער שענקייט און ווייל זיי זאָגען אויך עדות, מיט וויפיעל דרך ארץ און ברודער־געפיהל דער אינגערער פּאָעט האָט זיך פאַרהאַלטען צום עלטערן, און טייל־ווייז אויך, ווייל דאָ, צווישען הוגאָ'ס רעליגיעזע און סאָציאַלע אַנ־

שויאונגען, וואַרפֿען זיך אויך דורך זיינע אַנשויאונגען אויף קונסט. די אַלע ליעדער ווייזען, ווי ערנסט און צוגלייך אויך מיט וויפיעל איבערטריבענעם שטאָלץ — אַ שטאָלץ וואָס גרענעצט זיך כמעט מיט חוצפה — דער יונגער פּאָעט האָט געקוקט אויף זיין באַרוף. אַלע מאָל הייסט עס ביי איהם זיין נביא׳ישער באַרוף; דער פּאָעט איז דער זעהער, דער פּאַסטוך פון פאָלק; וועגען לאַמאַרטינגען שעמט זיך ניט הוגאָ צו זאָגען, אַז ער פיהלט, אַז גאָט האָט זיך אַנט־פּלעקט צו איהם פנים אל פנים.

פון די אָדען צו לאַמאַרטינגען שטעלט זיך צום קלאָרסטען ארויס, ווי הוגאָ האָט פאַרשטאַנען די פּאָזיציע און שייכות פון דער נייער ליטעראַטור צו דער ליטעראַטור פון 18טען יאָהרהונדערט. עס איז מערקווירדיג עהנליך צו אַ פאַרוואַנדטער ליטעראַרישער ער־שיינונג אין דענעמאַרק: אַזוי האָבען אויך עלענשלעגער און זיינע פריינד פאַרשטאַנען זייער שייכות צו באַקעזען. לייענט, צום ביישפּיעל, די אָדע „די לירע און די האַרף״ (בוך 4, אָדע 2): די לירע שטעלט פאַר די לייכטזיניגע, הפקר׳דיגע פּאָעזיע פון פאָריגען יאָהרהונדערט, וואָס זינגט אַ לויב צו יופּיטער׳ן, מאַרס, אַפּאָלאָ און עראָס און פאַרפּ־הרט צו גייסטיגען עפּיקורעאיזם, בעת אין די טענער פון דער האַרף הערען מיר אַ רוף צו דערוועקען זיך און צו בעטען, צו דערמאָנען זיך אָן דעם ערנסט פון לעבען, צו געדענקען דעם טויט, צו שטיצען און צו העלפען די געשטרויכעלטע ברידער. די אָדע איז געווידמעט צו „אַלפ. דע־ל.״ דאָס וואָרט אַלפ. דיי־טעט שוין אויף לאַמאַרטינ׳ס ערשטען נאָמען.

חוצפה אַנטקעגען דער פאַרגאַנגענהייט — דאָס איז דער ערשטער סמן פון ברוך מיט דעם גאַנצען אידעען־סיסטעם פון דער פאַרגאַנגענהייט — דער ברוך, פון וועלכען הוגאָ ציהט זיין באַ־דייטונג אַלס פּאָעט און הויפּט פון אַ ליטעראַרישער באַוועגונג.*)

---

*) לאַמאַרטין — „מעמואַרען״; „רייזע איבער׳ן אָריענט״; „פּאָ־עטישע מחשבות״; „נייע פּאָעטישע מחשבות״; „פּאָעטישע און רעלי־גיעזע האַרמאָניען״, 1, 2.

וויקטאָר הוגאָ — „אָדען און באַלאַדען״.

עדמאָנד בירע — „וויקטאָר הוגאָ פאַר 1830״.

10.

ליעבע אין דער ליטעראַטור פון רעאַקציע.

ווי ליבע ווערט פארשטאַנען און געשילדערט אין דער רעאַקציע־פּעריאָדע. — דאָס יאָגען זיך נאָך איבערנאַטירליכקייט. — די הייליג־זינדיגע ליבע פון יעוודאָר און וועלעדא אין שאַטאָבריאַן'ס „מאַר־טירער". — די עהנליכקייט פונ'ם העלד צום מחבר. — וועלעדא די שטאַרקסטע פרויען־פיגור אין דער דאַמאָלסדיגער ליטעראַטור. — „די הימלישע פּאָעמע" פון אַלפרעד דע־וויני. — די פּלאַטאָנישע ליבע פון גוסטאַוו אין מאַדאַם קרידענער'ס „וואַלעריע". — לאַ־מאַרטין'ס פּאָעמע „צו עלוויריע". — די רעליגיעזע פּניות און כונות פון זיין ראָמאַן „ראַפאַעל". — די נאַטור ווערט איגנאָרירט; פּשוט'ע ליבע ווערט געמאָלען מיט די שווארצסטע פארבען.

כדי ריכטיג צו פארשטעהן דעם כאראקטען פון יענער עפּאָכע, איז אומבאדינגט נויטיג צו ענטפערען אויף דער פראגע: פון וואָס פאר א כאראקטער איז די ליעבע, וואָס ווערט געשילדערט אין דער דאמאָלסדיגער ליטעראַטור?

פון אלע געפיהלען, וואָס ווערן באהאנדעלט אין דער ליטע־ראטור, פארנעהמט דער ליעבעס געפיהל דעם גרעסטען פּלאץ, און אלס כלל שענקט איהם אויך דער לעזער דעם גרעסטען אינטערעס. דערפאר איז פון אזא וויכטיגקייט פאר דער פארשטענדנים פון א געוויסער עפּאָכע דאָס וויסען, ווי ליעבע ווערט פארשטאנען און געשילדערט אין דער דאָזיגער עפּאָכע. אין איהר ליעבעס־באגריף האָבען מיר א מאָס צו מעסטען מיט גענויער פּינטליכקייט די קראפט, נאטור און טעמפעראטור פון איהר גאנצען געפיהלס לעבען. מיר זעהען, אז ביי רוסאָ איז דער עלעגאנטער ליעבעס־שפּיעל פארוואנדעלט געווארען אין ליעבעס־ליידענשאפט. אין די ווערק פון דייטשלאנד'ס גרויסע פּאָעטען ווערט די ליידענשאפט פאראיידעלט און הומאניזירט. ביי די דייטשע ראָמאנטיקער ווערט ליעבע א סאָרט סענטימענטאלע לבנה־ביינקשאפט. אין

רעוואָלוציאָנערע צייטען ווערט זי פארגעשטעלט, ווי זי פיהרט מלחמה מיט די טראַדיציאָנעלע געזעלשאַפטליכע מנהגים. אין די ווערק פון אַזעלכע סקעפּטישע אווטאָרען פון 19טען יאָהרהונדערט, ווי היינע, ווערט זי אונטערגעגראָבען מיט צווייפעל אין איהר עקזיסטענץ *).

די פעריאָדע, וואָס מיר באטראכטען איצט, א פעריאָדע, וואָס לייקענט דעם חומר, קלאַמערט זיך אָן אויטאָריטעט און שטעלט אָרדנונג העכער פון אלץ, האָט געמוזט אויך אויף דער ליעבע אָפּדרוקען איהר באַזונדערען שטעמפּעל. און ווען מיר ווארפען א בליק אויף די באַקאַנטעסטע באשרייבונגען פון ליעבע, וואָס יענע פעריאָדע האָט אונז איבערגעלאָזען, קריגען מיר א גע־וויסען באגריף וועגען איהרע הויפּט טיפּען — איהרע מענליכע און ווייבליכע כאראקטערען.

דאָס ערשטע פּאָרל, וואָס ווארפט זיך אונז אין די אויגען, זיינען יעוודאר און וועלעדא פון „די מארטירער".

דער העלד פון „די מארטירער" איז פאר אונז באזונדערס אינטערעסאנט דערמיט, וואָס שאטאָבריאן האָט איהם צוגעגע־בען פיעלע שטריכען פון זיין אייגענער פערזענליכקייט. אזוי גרויס איז זייער עהנליכקייט, אז שאטאָבריאן און יעוודאָר הויבען אָן זייערע לעבענס־באשרייבונגען כמעט מיט דיזעלביגע ווערטער און געדאנקען. יעוודאָר זאָגט: „געבאָרען צופוסענס פון בארג טאיגעט, איז דער ערשטער קלאנג, וואָס האָט דערגרייכט מיין אויער, געווען דער טרויעריגער מורמעל פון ים. ביי וויפיעל ברע־גען זייט דעמאָלט האָב איך צוגעזעהן דיזעלביגע כוואליעס זיך ברעכענדיג, ווי איך זעה זיי איצט! ווער וואָלט עס מיר געקענט מיט א פּאָר יאָהר צוריק פאראויסזאָגען, אז די זעלביגע כוואליעס, וואָס איך האָב דעמאָלט זיי געזעהן וואשענדיג דעם קלאָרען זאמד פון מעסעניא, וועל איך שפּעטער זיי הערען זיפצענדיג אין די ים־בוזעמלאך פון איטאַליען, ביי די באטאווישע, בריטישע און גאלישע ברעגען!"

---

*) „דאָך ווען דו שפּריכסט: איך ליעבע דיך, זא מוז איך וויינען ביטערליך."

און שאַטאָבריאַן אין זיין „רייזע איבער איטאַליען" שרייבט:

„געבאָרען אויף די פעלזיגע ברעגען פון ברעטאַן, און דער ערשטער קלאַנג וואָס האָט דערגרייכט מיין אויער, ווען איך בין געקומען אויף דער וועלט געווען, דאָס ברומען פון ים; און ביי וויפיעל ברעגען זייט דעמאָלט האָב איך געזעהן דיזעלביגע כוואַליעס זיך ברעכענדיג, ווי איך זעה זיי איצט! ווער וואָלט עס מיר געקענט מיט א פּאָר יאָהר צוריק פאָראויסזאָגען, אז איך וועל ביי די קברים פון סציפּיאָן און ווירגיל הערען דאָס זיפצען פון די כוואַליעס, וואָס האָבען זיך געקייקעלט צו מיינע פיס ביי די ברעגען פון ניי-ענגלאַנד און מערילענד?... א. אז. וו."

ביידע העלדען, אלזאָ, זיינען מענשען פיעל-געררייזטע און פיעל-געפּרובטע, פון דעם טיף פון אָדיסעאוס און ענעאוס. ביידע זיינען איבערראשט פון די פיעלע מאָדנע פּאַסירונגען פון זייער אייגענעם לעבען און ביידע באוואונדערען זיך אליין, וואָס זיי זיינען אויסגעהיט געוואָרען פון אזוי פיעל געפאהרען דורך א העברער מאכט. אָבער, נאָך אינטערעסאַנטער איז א צווייטער בשותפות'דיגער זייערער: יעוודאָר, ווי שאַטאָבריאַן, איז דער העלד, וואָס העלפט ברייגגען דעם טריאומף פון קריסטענטום אויף דער ערד. שאַטאָבריאַן טוט אונטער דער הערשאַפט פון נאַפּאָלאָנ'ען, וואָס יעוודאָר האָט געטאָן אונטער דער הערשאַפט פון גאַלעריוס. און עס איז ניט שאַטאָבריאַנ'ס שולד, וואָס איהם איז ניט באַשערט געווען צו ווערען א מאַרטירער; דער געדאַנק פון מאַרטירער־שאַפט באַשעפטיגט איהם פון זיין יוגענד אויף; ער האָט ניט איינמאָל געזאָגט צו זיינע פריינד, אז ער וואָלט זיך ניט געשראָקען אָפּצוגעבען זיין לעבען, ווען עס וואָלט נויטיג געווען. די העלדען-געשטאַלט, וואָס שוועבט פאר זיינע אויגען, אלס אידעאַל, איז ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי דער קרבן, וואָס איז מכפּר אויף דער גאָטלאָזיגקייט און אפּיקורסות פון זיין צייט און שטילט איין גאָט'ס צאָרן מיט זיין לעבען און ליידען. אין דער ערשטער אויפלאַגע פון „די מאַרטירער" ווערט יעוודאָר דירעקט אנגערופען א קלענערער קריסטוס. שרייבענדיג וועגען איהם, באַנוצט זיך דער אויטאָר מיט דעם אויסדרוק, אז דער

אַלמעכטיגער האָט פאַרלאַנגט אַ „גאַנצע האָסטיע״ *). אין די שפּע־טערע אויפלאַגען איז דער אויסדרוק אויסגעלאָזען, צוליעב טעאָ־לאָגישע טעמים. אָבער אין אַן אַנדער פּלאַץ, איז דיזעלביגע אידעע, צוליעב אַ פאַרזעהן, געבליבען, און עס מאַכט כמעט אַ קאָמישען איינדרוק. אין דער באַשרייבונג פון יעוודאַר׳ס מאַר־טירערשאַפט לייענען מיר:

„דער פייער־שטול איז פאַרטיג געווען. זיצענדיג צווישען די ברענענדע לייסטען האָט דער קריסטליכער לעהרער געפּרעדיגט דאָס עוואַנגעליום נאָך מיט מעהר בארעדטזאַמקייט, ווי פריהער. די שרפים האָבען מיט הימעל׳ס טוי באַגאָסען יעוודאַרען, און זיין שויץ־ענגעל האָט אויסגעשפּרייט איבער איהם זיינע פליגלען. און אין די פלאַמען האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ געשמאַק ברויט, צוגעגרייט פאַר דער הימעלשער סעודה״.

דאָ האָבען מיר די גרונד־שטריכען פון דעם טיפּ. דער ער־שטער דערלייזער, דער ערשטער קרבן, די ערשטע „האָסטיע״ איז ניט געגנוג. הגם אַ קריסט, גלויבט ניט שאַטאָבריאַן אַז דער אָפּפער־טויט פון קריסטוס איז אַ פולע כפּרה, האָט געטאָן אַלץ וואָס מען האָט באַדאַרפט. פאַר דעם פולען טריאומף פון דער רעליגיע זיינען נאָך נויטיג קלענערע דערלייזער, ווי שאַטאָבריאַן אליין און זיין העלד יעוודאַר. פאַר די דייטשע ראָמאַנטיקער האָט אפילו אַזאַ קלעגליך באַשעפעניש ווי גאָלאָ פון טיקס „זשענאָ־וועוואַ״ געהאַט אַן עהנליכקייט מיט קריסטוס; דאָס זעלביגע איז מיט יעוודאַר׳ן **). הגם ער בלאָנזשעט אין דער יוגענד און פאַר אַ שטיקעל צייט געהט ער מיט דעם פאַרדאָרבענעם וועג צום גיהנום אין דער שעהנער שטאָדט נעאַפּאָל (שאַטאָבריאַן האָט גע־וואוסט פון אייגענער ערפאַהרונג, אַז די בעסטע כונות און פעסט־סטע באַשלוסען פאַרזיכערען ניט געגען שטרויכלונגען), ווערט ער

---

*) „האָסטיע״ — דאָס הייליגע ברויט, וואָס דער קאַטאָליק נעהמט פון גלח׳ס האַנד און פאַרזוכט איז דעם גלויבען, אַז ער עסט קריסטוס׳עס לייב. אַ „גאַנצע האָסטיע״ — קריסטוס׳עס קרבן — זיין מאַרטירער־שאַפט. — (איבערזעצער).

**) פּ. ל. ליעבענבערג — „בייטראַג צו עלענשלעגער׳ס ליטעראַטור־געשיכטע״, 1, 183. זשענאָוועוואַ ״זעהט קריסטוס אין איהם״.

דאָך באַקעהרט, בלייבט פעסט אין יעדען נסיון אין שמאַרבט, געבענדיג מיט זיין טויט אַ שיינענדען ביישפּיעל.

זיין ל עבע צו וועלעדאַ איז אַזאַ נסיון.

וועלעדאַ איז אָהן ספק די מערקווירדיגסטע און שטאַרקסטע פרויען־פיגור, וואָס די פראַנצויזישע ליטעראַטור פון יענער פעריאָדע האָט באַשאַפען. זי איז אַ גאַלישע יונג־פרוי פון דריטען יאָהרהונדערט, און שאַטאָבריאַן האָט אין איהר געמאָלען דעם פראַנצויזישען נאַציאָנאַלען טיפּ.

„דאָס איז ניט געווען קיין געוועהנליכע פרוי, זי האָט געהאַט יענע רייצענדע קאַפּריזנעקייט, וואָס צייכענט אויס די גאַלישע פרויען. איהר בליק איז געווען שאַרף און שנעל, אין אויסדרוק פון לייכטער איראָניע ארום מויל, איהר שמייכעל מאָדנע מילד און באַרעדעוודיג. פון איהר גאַנצען וועזען האָט געוועהט דאָ מיט שטאָלצער קעלט, דאָ מיט הייסער געלוסטיגקייט. איידעל־קייט מיר ווירדע, אומגעקינצעלטקייט מיט קונסט אין אַן איינענ־אַרטיגען געמיש.”

אָבער וועלעדאַ איז ניט בלויז פראַנצויזיש; זי טראָגט דייט־ליכע סמנים פון דעם צייטאַלטער, אין וועלכען זי איז באַשאַפען; זי איז דער אידעאַל פון 1808. זי איז אַ פּריסטערין און באַלאַנגט צו דער פאַמיליע פון די אויבער־דרואידען. אין ערשטען יאָהר־צעהנדליג פון 19טען יאָהרהונדערט איז קיין פרויען־כאַראַקטער ניט געווען פּערפעקט, ווען ניט געטובל'ט אין רעליגיעזען ענטוזיאַזם. און וועלעדאַ האָט ניט געטאָרט זיין פראָסט־פּשוט אַ נאַטור־קינד. זי איז נאָר אויך אַזויפיעל נאַטור־קינד, וויפיעל די דאַמען פון 1808 האָבען עס געקענט זיין. עס ווערט אונז בפירוש אנגעוויזען, כמעט פעדאַנטיש אָנגעטייטעלט — מיט אַ שול־לערער־מינע — אַז וועלעדאַ האָט אין דער פאַמיליע פון אויבער־דרואידען — „גרינדליך שטודירט די גריכישע ליטעראַטור און די געשיכטע פון איהר אייגען לאַנד”. וועלעדאַ איז די לעצטע פּריסטערין פון די דרואידען, ווי צימאָדאָצעע איז די לעצטע פּריסטערין ביי האָמער'ן. ווי קאָרינאַ איז מיט אַ קורצער צייט פריהער געווען דער מוסטער פון די אמביציעזע יונגע פראַנצויזקעס, איז עס איצט געוואָרען וועלעדאַ. און אַזוי ווי ליטעראַטור איז ניט נאָר אַן אויסדרוקס־

מיטעל פון דער געזעלשאפט, נאָר זי העלפט אויך אין א גאנץ הויכען גראד שאפען און איבערשאפען די געזעלשאפט, זעהען מיר באלד, אז דער טיף ווערט פון דער פאנטאזיע אריבערגע־פלאנצט אין דער ווירקליכקייט. וואס איז מאדאם קרידענער, בעת זי שטעהט אין פראָנט פון דער רוסישער ארמעע, ווען ניט א קריסטליכע וועלעדא?

ווען מיר באקענען זיך מיט דער יונגער פריסטערין, זיצט זי אין א שיפעל, וואס ווארפט זיך אויף די כוואליעס פון שטורמדיגען ים, און פרובט באשווערען דעם שטורם מיט כישוף־געזאנג, ווייל זי, ווי פוקע׳ס אונדינע, באזיצט דעם כוח, ריכטיגער, זי גלויבט, אז זי באזיצט דעם כוח צו האמעווען דעם ים. שפעטער הערען מיר זי האלטען א פייערדיגע רעדע צו איהרע לאנדסלייט; זי רופט זיי צו די וואפען, זיי זאלען זיך שטעלען קעגען די רוימער און צוריק ערוואַבערען זייער פרייהייט. מיר זעהען זי אלס פריס־טערין פון טעוטאט, ווי זי שארפט איהר זעבעל, גרייטענדיג זיך מקריב זיין א מענשליכען קרבן. ווי שעהן זי איז אין דער באשריי־בונג פון שאטאבריאנ׳ען — הויך און שלאנק, קוים צוגעדעקט מיט א שווארצען, קורצען, ארבעל־לאזען קיטעל, דער גאלדענער זעבעל הענגט איהר פון שטאלענעם גארטעל אראפ! איהרע אויגען בלוי, איהרע ליפען ראָז־רויט; איהרע בלאָנדע כוואלענדיגע האָר ארומגעבאפט מיט א צארטען אייכען־צווייגעל אָדער מיט א ווערבענא־קראנץ.

קוים דערזעהט זי יעוודאָרען, ווי זי ליעבט איהם שוין. אָבער אזא איינפאכע און נאטירליכע ליידענשאפט איז ניט גענוג פאר דעם צייטאלטער; דער צייטאלטער פאָדערט, אז וועלעדא זאָל זיך הייליגען צו ווערטא דורך א נדר פון אייביגער יונגפרוישאפט. „איך בין א יונגפרוי, די יונגפרוי פון סענא־אינזעל. צי האלט איך דעם נדר, צי איך ברעך איהם, פון דעם נדר וועל איך שטאר־בען — שטארבען צוליעב דיר". יעוודאָר באוואונדערט זי, אָבער ליעבען ליעבט ער זי ניט. ער שטעהט פאר איהר, פונקט ווי דער פרומער ענעאוס פאר דידאנא, און דער פּאָעט הייסט איהם דער־מאָנען אונז וועגען דעם. די אומגליקליכע ווערעדא פרובט אויף איהם אויס איהר גאנצע צויבער־קונסט. דאָ וויל זי זיך אריינ־

גנבֿנ'ען צו איהם מיט די לבנה־שטראהלען; דאָ וויל זי ארײנפלי־
הען צו איהם און טורם אריין און געווינען זיין ליעבע אין דער
געשטאַלט פון אן אנדער פרוי. אָבער דער געדאנק אליין מאכט
זי אייפערזיכטיג, און זי זאָגט זיך דערפון אפּ. און יעוודאָר, הגם
ער ענטפערט ניט אפּ איהר ליידענשאפט, פיהלט זיך דאָך ווי אנ־
געשטעקט פון דער אטמאָספערע פון ליידענשאפט, ווען ער קומט
צו נאָהענט צו איהר: אלס קריסט, טרייסעלט ער זיך אָפּ מיט
גרויל פון דעם פארפיהרערישען געדאנק:

„ווען וועלעדא האָט גערעדט צו מיר וועגען איהרע צארטע און
אומעטיגע געפיהלען, בין איך אמאָל צוואנציג גרייט געווען צו וואר־
פען זיך צו איהרע פיס און צו פּראקלאמירען איהר נצחון און צוגעבען
מיין מפּלה און זי באַגליקען דערמיט. און אין דער רגע, ווען איך
האָב שוין געהאַלטען ביים פאַלען, פלעגט דער מיטלייד, וואָס די
אומגליקליכע האָט געוועקט אין מיר, מיך ראטעווען. אָבער דער
מיטלייד גופא, וואָס האָט צוערשט מיך געראטעוועט, האָט צולעצט
מיך געבראכט צו דעם, ווייל דער מיטלייד האָט אוועקגערויבט מיין
לעצט ביסעל כוחות."

פון א ריין־קינסטלערישען שטאנדפונקט, באליידיגט עס אונזער
געשמאק צו הערען א מאַן אזוי זיך פארשפּרייטען וועגען דער שווע־
רער מלחמה, וואָס ער האָט געפיהרט אײנצוהיטען זיין צניעות. די
אויסברוכען פון בושה און חרטה קליידען איהם גאָר ניט. „אַ,
קיריל!" — זאָגט ער — „ווי קען איך אָנגעהן ווייטער מיט אזא
געשיכטע! עס פלאַמט מיר דאָס פּנים פאַר שאנד און פארלעגענ־
הייט!" און ווען צולעצט וועלעדא מאכט א פארזוך צו נעהמען זיך
דאָס לעבען און אונזער מרה־שחורה'דיגער ריטער האַלט ניט אויס
און גיט זיך אונטער און ליגט צו איהרע פיס, מוז ער ברייננגען אין
באוועגונג אלע כוחות פון גיהנום — אנדערש פּאַסט איהם ניט!
„איך בין געפאַלען צו וועלעדא'ס פיס... דער גיהנום האָט געגעבען
דעם סיגנאַל צו דער גרויליגער חופה; די גייסטער פון פינסטערניש
האָבען גענומען ברילען פון זייערע תהום'ען, די צניעה'דיגע ווייבער
פון אונזערע אבות האָבען אפגעקערט זייערע פּנים'ער, מיין שוץ־
ענגעל האָט זיך פארשטעלט מיט זיינע פליגלען און איז אוועקגע־
פלויגען צום הימעל". אפילו אין דעם מאָמענט פון העכסטען גליק קען

אונזער שלימזלדיגער העלד זיך ניט נאָכגעבען; ער שעמט זיך; ער איז געגליכען צו אַ אינגעל, וואָס פרעסט אַ גע׳גנב׳עט עפּעל מיט אַ געמישטען געפיהל פון זשעדנעקייט און מורא פאַר שמיץ. „מיין פרייד איז עהנליך געווען צו פאַרצווייפלונג, און ווער עס וואָלט אונזביידען דערזעהן אין מיטען פון אונזער באַרוישונג מיט גליק, וואָלט ניט אַנדערש געגלויבט, אַז מיר זיינען צוויי פאַרברעכער, וואָס האָבען נאָר־וואָס אויסגעהערט זייער טויט־אורטייל. פון דער רגע אָן האָב איך געפיהלט, אַז איך בין געשטעמפּעלט מיט דעם זיגעל פון גאָט׳ס צאָרן. אַ דיקער חושך האָט איינגעוויקעלט ווי וואָלקען־רויך מיין נשמה; איך האָב געפיהלט, ווי אַ מחנה צעבונטעוועטע גייסטער האָבען פאַרכאַפּט מיין געמיט; משונה׳דיגע ווילד־פרעמדע געדאַנ־קען האָבען מיך באַהערשט; גיהנום־שפּראַך האָט זיך געריסען פון מיינע ליפּען; איך האָב גערעדט אַזעלכע לעסטערונגען, וואָס מען קען נאָר הערען אין די ערטער פון אייביגען געוויין און צייהן־קריצעניש.״

אַלזאָ, אויף אַ הינטערגרונד פון גיהנום־פייער מאָלט פאַר אונז שאַטאָבריאַן די ליעבע פון אַ קריסטליכען קדוש מיט אַ נביא׳טע פון די געצענדינער. אַן עטוואָס עהנליכע קאָמבינאַציע פון תענוג און וועהטאָג איז אויך געשילדערט אין „אַטאַלאַ״, אָבער דאָרט האָט די קללה — אַ פאַלשע, ניט־געמיינטע, ניט־אויפריכטיגע קללה — נאָך ניט גערוהט אויף ערדישער ליעבע.

מיר שטויסען זיך אָן אויף דעמזעלביגען געדאַנק אין איינעם פון אַלפרעד דע־וויני׳ס יוגענדליכע ווערק, אין דער פּרעכטיגער מייסטערהאַפטער פּאָעמאַ „עלאָאַ״. דאָרט ווערט באַשריבען ווי דער פירסט פון פינסטערניש פאַרפיהרט אַ יונגען רייצענדען מלאך פון ווייבליכען געשלעכט. דער שטן אין „די מאַרטירער״ איז אַ רעוואָלוציאָנער, אָבער דע־וויני׳ס שטן אונטערשיידט זיך קוים פון דעם עראָס פון די פאַרצייטיגע גריכען. ניט אויסזאָגענדיג ווער ער איז, פאַנגט ער דעם יונגען מלאך מיט זיין שעהנקייט, מיט זיין באַרעדזאַמקייט, און ציהט איהם אין אָפּגרונד אריין. ער אַליין באַשרייבט זיין מאַכט אין אַזעלכע ווערטער:

„איך בין דער פיעל־געליעבטער, וואָס קיינער האָט נאָך זיין וועזען ניט דערקענט. מיין פלאַמענדע הערשאַפט איבער׳ן מענ־

שען שפּייזט זיך מיט זיינע האַרץ־באַגעהרען, לעבצונג פון נשמה און שמאַכטונג פון גוף, מיט דער רעגונג פון זיין בלוט און געלוס־טונג פון זיין אויג, מיט נאָגענדע סודות און רייצענדע בליקען. דאָס בין איך, וואָס מאַכט דאָס ווייב אַרויסריידען פון שלאָף איהרע באַהאַלטענע געדאַנקען. און דאָס יונג מיידעל אַרומנעהמען איהרע גליקליכע אילוזיעס; איך שענק זיי נעכט, כדי צו טרויס־טען זיי פאַר די טעג. איך בין דער געהיימער קעניג פון געהיימער ליעבע."

מיר ווערען ניט ווילענדיג דערמאָנט אָן דעם כאָר־געזאַנג צו עראָס'ען אין סאָפאָקל'ס „אַנטיגאָנע":

„אָ, עראָס! דו זיעגער אין קאַמף! דו וואַרפסט זיך אויף דיין ציטערדיגען רויב, דו באַהאַלסט זיך, פאַרשטעלט פון די זיך רויטלענדע באַקען אין די חן־גריבעלאַך פון יונגע מיידלאַך. דו איילסט איבער'ן ים, און קומסט נאָהענט צו צום פאַסטוכ'ס שטי־בעל, דיך קען ניט אויסמיידען קיינער פון די אייביג אומשטערב־ליכע געטער, און אויך קיינער פון די ערדישע זיהן פון טאָג. דער, וועמען דו כאַפּסט, ווערט אויסער זיך פאַר ווילדקייט."

אַזוי ווי די עפּאָכע ווייזט אַרויס אַן אַלץ שטאַרקערע נייגונג צו זעהן אין דעם ליעבעס־גאָט — עראָס'ן — ניט קיין אַנדערען, ווי דעם טייוועל אַליין, איז דאָך מעהר ניט ווי נאַטירליך, אַז די ליעבע, די „אמת'ע" ליעבע, די ליעבע, מיט וועלכער מען שפּיגעלט זיך, זאָל אין דער עפּאָכע פאַרגעשטעלט ווערן אַזוי קאַלט, אַזוי פאַרפראָרען, אַזוי מלאכים'דיג, הימליש, פּלאַטאָניש און אַזוי מאַכטלאָז, ווי נאָך קיינמאָל ניט אין דער געשיכטע. לאָמיר זעהן, ווי וועלעדאַ פון יענער צייט, מאַדאַם קרידענער אַליין, באַשרייבט די ליעבע אין „וואַלעריע".

הגם „וואַלעריע" איז אַ נאָכאַהמונג נאָך „ווערטהער'ן", אונ־טערשיידט זי זיך אָבער אין פיעלע פּרטים זעהר שטאַרק פון יענעם העלד. דאָס איז אַ געשיכטע מיט אַ יונגען שווייד, מיט'ן נאָמען גוסטאַוו לינאַר, וועלכער איז אַלס קינד געלערענט געוואָרען פון זיין מוטער „ליעב צו האָבען טוגענד" און ער האָט זי ליעב ביז אין טויט אַריין. צוזאַמען מיט טוגענד האָט ער אויך ליעב וואַלעריע, אָבער וואַלעריע איז דאָס ווייב פון אַ גראַף, זיין שעף

און אידעאַל, און זי אַליין איז די קווינט־עסענץ פון אַלע טוגענדען, אַזוי אַז ער קען אויף איהר די אויגען ניט אויפהויבען אָהן עהר־פורכט, און דאָס מאַכט יעדען פאַרלאַנג נאָך איהר אוממעגליך. אַלעקסאַנדער סטאַכעיעוו, וואָס פאַרטרויט זיינע געפיהלען צו באַראָן קרידענער, אָבער גוסטאוו זאָגט קיין וואָרט ניט דעם גראף, און גיט אויך קיין אָנצוהערעניש ניט וועגען זיינע ליידען צו דער פרוי, וואָס ער ליעבט*). פאַרצעהרט פון ניט דערקענטער און ניט אפּגעענטפּערטער ליעבע און צו פיין דערצווינגען צו דערשיסען זיך אַליין, שטאַרבט ער פון שווינדזוכט.

דאָ איז זיין סטיל: „אָ, פריינד מיינער, ווי פאַרברעכעריש עס איז פון מיין זייט אונטערצוגעבען זיך צו אַ ליידענשאַפט, וואָס איך וויים פאָראויס, אַז זי וועט מיך אומברייינגען! אָבער לאָמיך וועניגסטענס שטאַרבען אין ליעבע צו טוגענד און הייליגען אמת; איך וועל ניט באַשולדיגען דעם הימעל אין מיינע אומ־גליקען, ווי פיעלע אין מיין לאַגע טוען עס (אַזאַ וואוילער בחור!) איך וועל אָהן טענות אריבערטראָגען די יסורים, וואָס איך האָב נעבראַכט אויף זיך און וואָס איך האָב זיי ליעב, אפילו ווען זיי טויטען מיך. איך וועל געהן, ווען דער אַלמעכטיגער וועט מיך רופען, באַלאַדען מיט אַ סך עבירות, אָבער ניט מיט דער עבירה פון זעבסטמאָרד.“ (2, 63).

גוסטאוו איז ניט קיין מאַן. עס ווערט בכלל אָנגענומען, אַז פרויען־שרייבערינס זיינען ניט קיין גרויסע בריות אויף צו מאָלען פאָרטרעטען פון מענער. די מענער קומען כמעט כסדר ביי זיי ארויס, ווי אין גאַנצען פאַרטאָן אין זייערע באַציהונגען מיט פרויען. גוסטאוו, ווי אויבען באַמערקט, איז אַ סקאַנדינאַוו, אָבער די סקאַנדינאַווער האָבען גאָר קיין גרונד ניט איבערצונעהמען זיך מיט זייער לאַנדסמאַן; וועניגער פון אַלץ באַזיצט ער די האַרטע קראַפט פון צפון־מענשען. וואָס שייך נאַציאָנאַלען קאָליר, שווידישעס,

*) אין איין אויפלאַגע נאָך דער אַנדערער פון זיין „פראַנצויזישער ליטעראַטור־געשיכטע“, מאַכט יוליאַן שמידט דעמזעלביגען טעות: אוי־בערגעבענדיג דעם אינהאַלט פון „וואַלעריע“, פאַרזיכערט ער, אַז גוסטאוו האָט זיך מודה געוועזן פאַר'ן מאַן.

איז אין בוך זעהר ווייניג פאראן פון דעם מין. ארום און ארום — די צעגאַסענע אל־גערמאנישע סענטימענטאליטעט, מיט וואָס אלע באשרייבונגען זיינען אָנגעטרונקען, און די אריינגעוואָרפענע שוויי־דישע נעמען, וואָס מען דאַרף דעם לעזער ניט דערצעהלען, זיינען אלס כלל אויסגעלעגט שרעקליך. אין ווענדיג, צום ביישפיעל, אראנזשירט גוסטאוו א פעסט לכבוד וואלעריע; די דעקאָראציעס דאַרפען איהר דערמאָנען דאָס הויז, וואו זי האָט פארבראכט איהר יוגענד — דאָס הויז צווישען בירקען און פיכטען. דערזע־הענדיג זיי, שרייט זי אויס: „אָה, דאָס איז דאָך דראָנינגאָר!" (אָנשטאָט „דראָטטנינג גארד").

טיפּיש־שוויידישעס איז אין גוסטאוו׳ן ניטאָ. דער געלונ־גענסטער שטריך אין זיין פּאָרטרעט, דאָס אמת־שעהנע אין דער באשרייבונג פון זיין כאראקטער איז דער יוגענדליך־פּארטרוימ־טער ענטוזיאַם פאר׳ן מענשען, וואָס בא׳חנ׳ט אלע זיינע ווידוי׳ם. עס קומט איהם פאָר, אז אין לעבען פון די מעהרסטע מענשען געהט די ליעבע שפּעטער איבער אין אמביציע. א ליעבע אויפ־ריכטיגקייט הערט זיך אין דער שפּראַך, מיט וועלכער ער דער־צעהלט, אז דער רוהם, וואָס אנדערע ווינשען, איז ניט דער רוהם, וואָס ציהט איהם צו זיך:

„דער רוהם, פון וועלכען איך האָב געטרוימט, ווערט גע־וואונען דורך גליק פאר אלעמען, פּונקט ווי ליעבע זוכט דאָס גליק פון איין איינציג באשעפעניש. עס איז פריהער א טוגענד אין דעם מענשען, וואָס באזיצט עס, איידער זיינע מיט־מענשען גיבען עס א נאָמען רוהם". און ער גיט צו: „וואָס פאר א שייכות איז צווישען אמת׳ען רוהם און דער קליינליכער אייטעלקייט, דער נישטיגער זיכערקייט פון די פּיעלע, אז איינער איז עפּעס, ווייל ער יאָגט זיך נאָך דעם?"

ווי מאָדנע עס קלינגען אזעלכע רייד אין א בוך, וואָס האָט זיין רוהם צו פארדאנקען צו אזעלכע קונצען, ווי מאדאם קרידענער האָט אָנגעווענדט, כדי אויפצובלאָזען דעם ערפאָלג פון „וואלעריע".

אנטקעגען גוסטאוו׳ן שטעהט די העלדין, אויסגעשטאטעט מיט אזויפיעל חנ׳ען, וויפיעל א דאמע, וואָס איז אזוי ליידענשאפטליך פארליעבט געווען אין זיך ווי מאדאם קרידענער, האָט נאָר געקענט

אריינגעבען אין איהר אייגענעם פּאָרטרעט. זי איז א פּרוי דורך און דורך, דער מוסטער פון איהר מין, און דער שלימזל גוסטאוו אי ער ווייס, ווי אומזיניג, ווי האָפנונגסלאָז זיין ליידענשאפט איז, אי ער איז אבסאָלוט מאכטלאָז צו ברעכען זיינע קייטען, אפּצורייסען זיך פון איהר און צו נעהמען זיך דאָס לעבען, ווי אַ מאַן. און ער מוז זיך באַנוגענען מיט אַזעלכע נעבאכדיגע אויסדרוקען פון זיין פארגע־טערונג, ווי קושען דאָס קינד, וואָס זיין הארינטע האָט געקושט, און אויפ'ן זעלבען אָרט, וואו איהרע ליפּען האָבען זיך געהאט צוגעריהרט. אָדער, ווען ער איז צוזאמען מיט איהר אויף א באל, ארויסלויפען דרויסען און קושען די שויב, וואו זי האָט פון אינ־וועניג געלאָזט רוהען איהרע נאקעטע ארמס בעת א פּויזע צווישען צוויי טענץ. אָדער צו דריקען איהר האנד, כדי צו פיהלען דעם רינג, וואָס איהר מאַן האָט איהר געגעבען. אדער צו חלש'ען אין איהר אָנוועזענהייט, כדי זי זאָל דארפען איהם באשפּריצען מיט אָ־דע־קאָלאָן דעם שטערן.

און די גאנצע געשיכטע איז ווי פארפומירט מיט אָ־דע־קאָלאָן. א לייכטער אראָמאט שפּירט זיך פון יעדען בלעטעל. עס איז כאראקטעריסטיש, אז באלד ווי זיי באפריינדען זיך, איז די ערשטע געפעליגקייט, וואָס וואלעריע בעט פון גוסטאוו'ען — ער זאָל איהר שאפען בסוד אביסעל שמינקע, וואָס דער מאַן האָט עס איהר פארבאָטען. צו דעם ריח פון אָ־דע־קאָלאָן איז צוגעמישט אזא שטארקער ריח פון שטאט און צערעמאָניאליטעט, אז עס איבעלט ממש, און אַן איבערגעשפּיצטע „פיינפיהליגקייט", וואָס דערגעהט ביז צו לעכערליכקייט. עס איז אזוי שעהן, אז עס ווערט מיאוס. צום ביישפּיעל, וואלעריא איז ש ו ו א נ ג ע ר, ווען גוסטאוו ווערט געוואָהר, אז ער איז פארליעבט אין איהר, אָבער דאָס מאכט אויף איהם קיין היילענדע ווירקונג ניט, הגם ער לעבט מיט איהר אונטער איין דאך, אין איהר אוממיטעלבארער נאָ־הענטקייט, ביז זי לעגט זיך אין קינפּעט אויף א זוהן. זיי שמעל־צען זיך ביידע אין התפּעלות איבער אָסיאַן און קלאריסא הארלאָו. גוסטאוו פיהלט ניט די מינדסטע אייפערזוכט צום גראף, און דער גראף אויך ניט צו איהם, ער שטארבט, האלטענדיג דעם גראפ'ס האנד אין זיינער. מיט איין וואָרט, די ליעבע איז דאָ

אַזוי געלייטערט, אַזוי איבערנאַטירליך, הימליש, אַז צוזאַמען מיט דער ליידענשאַפט ווערט זי אַן אויך איהר פּאָעזיע. און דאָס ווערט טאָפּעלט אינטערעסאַנט, ווען מיר דערמאָנען זיך ווי ווייניג הימליש איז דאָס לעבען געווען, פון וואַנען די פּאָעטעסע פון ליעבע האָט געשעפּט איהר מאַטעריאַל פאַר׳ן ראָמאַן. נישקשה, זי האָט גאַנץ גוט געקענט פאַראייניגען די הייליגע זייט פון דער ליעבע מיט דער גשמיות׳דיגער. אַ מאָדים געווען אויף דעם.

לאַמאַרטין און זיין עלווירא איז דאָס לעצטע פּאָרל, מיט וועלכען מיר וועלען זיך פאַרנעהמען.

לאַמאַרטינ׳ס יוגענדליכע פּאָעמען דערצעהלען וועגען אַ ליעבע, וואָס איז אַזוי ריין, אַז זי איז אָנגערופען געוואָרען „אַ תפלה זאַלבעצווייט". די ליעבע איז געשילדערט אין יענעם פאַרוואַנד־לענדען שיין, וואָס דער טויט וואַרפט אויף דער געליעבטער. דאָס איז אידעאַליזירטע, דורכגעלייטערטע ליעבע. דער פּאָעט דריקט צו זיינע ליפען דעם צלם, וואָס זי האָט געקושט פאַר׳ן טויט, און דאָס ליעד „דער צלם" איז דורכגעדרונגען מיט אַזאַ האַרציגען געפיהל, אַז מיר גלויבען לאַמאַרטינ׳ען, ווען ער זאָגט אונז אין אַ באַמער־קונג צום ליעד: „די פּערזען לייען איך קיינמאָל ניט איבער". אין זיין ראָמאַן „ראַפּאַעל", אַ סך אַ שפּעטערן ווערק, גיט ער די אמת׳ע פאַקטען פון דערזעלביגער ליעבעס געשיכטע, און דאָס באַריהמטע ליעד ווייזט זיך פאַר אונז אין אַ ניי ליכט.

יוליע, — אָנצורופען די דאַמע, וואָס איז באַקאַנט אַלס עלווירע מיט איהר אמת׳ען נאָמען — איז אַ קרעאָלין, 28 יאָהר אַלט. זי איז אַ יתומה און האָט חתונה געהאַט מיט אַ זקן פון 70, אַ ווי־סענשאַפטס־מאַן מיט אַ גרויסען נאָמען, כדי צו האָבען אַ באַשי־צער, אָבער איהרע אמת׳ע באַציהונגען צו איהם זיינען קיינמאָל ניט געווען אַנדערש, ווי פון אַ טאָכטער צו אַ פאָטער. זי האָט אַ האַרץ־פעהלער, וואָס קען צו יעדער רגע איבעררייסען איהר לעבען. זי פאַרברייננגט צוליעב געזונד אַ הערבסט אין סאַוואָיע, ביי דער אָזערע בורזשע (וואָס לאַמאַרטין האָט אַזוי שעהן באַזונגען) און זי באַגעגענט ראַפּאַעל׳ען, דעם יונגען העלד פון בוך, וואָס אונ־טערשיידט זיך מיט קיין זאַך ניט, אויסער׳ן נאָמען, פון פאַרפאַ־סער, וועלכער גיט אין בוך ניט נור די ווירקליכע פאַקטען, נור

רופט אייך אָן זיינע פריינד און באקאנטע ביי זייערע אמת'ע נע־מען. ער באשרייבט זיך, ווי ער איז יעמאָלט געווען — 24 יאָהר אַלט, יונג און אָרים, איינזאם און ציטעריג, איידעל און ענטוזי־אסטיש, שוין א האָרעלע אָפּגעלעבט פון צופיעל צעלאָזענקייט, מיעד פון די אַלע וואָכעדיגע הפקר־ליעבעס, אין וועלכע ער פלעגט זיך אָפּט ארייַנלאָזען.

מען קען אָבער ניט זאָגען, אז לאמארטין ווארפט א צו אומ־גינסטיג ליכט אויף זיין פּערזאָן. ראפאעל'ס געפיהלען זיינען אזוי דעליקאט און פיין, אז זיינע חברים לאכען פון איהם; „ער מוז אודאי בענקען אהיים — אין הימעל אריין". לאמארטין פּרובט אונז געבען א באגריף וועגען דער צארטקייט פון זיין נשמה, און ער טוט עס אביסעל אומגעלומפּערט: „וואָלט ער באהערשט דעם פּענזעל, וואָלט ער געמאָלען פאליני'ס מאדאָנא; וואָלט ער געווען א סקולפּטאָר, וואָלט ער אויסגעפאָרמט קאנאָווא'ס „פּסיכעע"; וואָלט ער געווען א פּאָעט, וואָלט ער אָנגעשריבען איוב'ס קלאָגען, טאסאָ'ס טאנצען צו הערמיניא, שעקספּיר'ס לבנה־סצענע אין „ראָ־מעאָ און דזשוליעטא" און לאָרד בייראָנ'ס פּאָרטרעט פון „האאידע". צום גליק האָט ער די אַלע זאכען ניט באדאַרפט טאָן, ווייל אנדערע האָבען עס שוין געטאָן פאר איהם. מיר ווייסען, אז שפּעטער, ווען ער האָט געפּרובט זיינע כחות אין איינער פון די ריכטונגען, נעמליך, אַלס פּאָעט, האָט ער צו יענע מוסטערן ניט דערגרייכט.

אין „ראפאעל" האָבען מיר א מייסטערהאפטע באשרייבונג פון א יונגענמאנ'ס הויכער ליעבע — א ליעבע, וואָס האָט איהם אפילו פארכאפּט לייב און זעעל, אָבער איז כמעט אין גאנצען אויסגעטאָן פון אירדישקייט — טיילוויז דערפאר, ווייל די גע־ליעבטע וועקט אין איהם אזוא עהרפורכט און מיטלייד, אז די פּשוט'ע ליעבעס געפיהלען האָבען קיין געלעגענהייט ניט אריינ־נעצוויגען צו ווערן אין שפּיעל, און טיילוויז דערפאר, ווייל דעם יונגען מאן נאָך זיינע לייכטזיניגע פאַרהעלטניסען מיט פרויען, פאר וועלכע ער האָט קיין רעספּעקט ניט געהאט, שווינדערט פון דעם גע־דאנק גופא, אז זיין פארהעלטנים צו דער פרוי, וואָס ער פאר־געטערט, קען מיט עפּעס עהנליך זיין צו זיינע אמאָליגע אמורען.

ער האָט געהאט ליעבעס־אפּערען, אָבער ער האָט קיינמאָל

באמת ניט געליעבט. עס דוכט זיך איהם, אז ווען זי קוקט אויף איהם, איז אזא מין דערווייטערטקייט אין איהר בליק — ווי זי וואלט געקוקט פון א ריעזיגען מהלך — וואס ער האט קיינמאל ניט געמערקט אין א מענשליכען אויג. עס דערמאנט איהם דעם שימער פון די שטערן, וואס וואנדערט מיליאנען מייל דורכ'ן רוים. ער דערנעהענטערט זיך צו איהר מיט מורא — און דאס מאכט איהם פיהלען, ווי דער תהום צווישען זיי איז ניט אריבערצושפרייזען. ווען עס געלינגט איהם צולעצט זיך צו באקענען מיט איהר, גיט זי איהם אין איהר הארצען דעם ארט פון א ברודער און רופט איהם מיט'ן נאמען „ברודער", און ער איז דערמיט צופריעדען און איבערגליקליך. און אזוי גיך ווי זיי געפינען איינער דעם אנ־דערען, פיהלט ער, ווי עס וואלט איהם אראפגעפאלען א משא פון הארצען — דאס הארץ גופא איז איהם אראפגעפאלען. און שענקט ער איהר דאס הארץ אוועק, דערשפירט ער ערשט וואס לעבען איז אין זיין פולער טיעפקייט. ער פיהלט, ווי ער וואלט געשוואומען אין ריינסטען עטהער. זיין פרייד איז אומענדליך און ליכטיג, — דורכזיכטיג ווי די לופט אין הימעל. דורך די ערשטע שעה'ן, וואס ער פארברייגנט מיט איהר, פארלירט ער יעדען באגריף פון צייט; ער איז זיכער, ווען ער וואלט טויזענד יאהר פארבראכט מיט איהר, וואלטען די יאהרען איהם פארגעקומען ווי סעקונדען. ער פיהלט זיך ניט ווי א מענשליך באשעפעניש, נור ווי א לעבע־דיגער לויב־געזאנג.

און דער עקסטאז האלט אן אזוי לאנג ווי ער איז צוזאמען מיט איהר און אטעמט איין לופט מיט איהר. זיי זיינען גליקליך דורך די שעהנע זומער־טעג, און זיי פארלענגערען דעם זומער אין הערבסט, ווארים: „אונזער זומער איז אין אונז אליין".

די באשרייבונג פון אט דער גליקליכער יונגער ליעבע מאכט דעם זיכערען איינדרוק פון א ווירקליך איבערלעבטען געפיהל. די יונגע לייט האבען געלעבט ניט ווייט פון דעם פלאץ, וואו רוסא, אין זיין יוגענד, האט געליבט מאדאם ווארען. ראפאעל איז עטוואס אינגער פון יוליע — ער איז 24, זי 28; דאס גיט צו זייער פארהעלטנים א געוויסע עהנליכקייט צו דער פארהעלטנים צווישען רוסא און זיין פראטעקטארשע; אבער די געפיהלען פון

ראַפאַעל און יוליע זיינען פּונקט אַזוי ניט־דאָ־איג־ראַמאַנטיש, ווי די געפיהלען פון יענער פּאָר זיינען געוועזן גרונד־מענשליך.

און ניט נור דאָס גליק פון צוזאַמענזיין, נור אויך דער וועה־טאָג פון געזעגענונג, די פּיין פון צעשיידונג, דאָס בייגקעניש נאָך בריעף, דער פיבער פון דערוואַרטונג, ווען דער מאָמענט פון ווי־דערזעהן קומט אָן — דאָס אַלץ איז באַשריבען מיט אַזוי פיעל וואונדערליך רעאַליסטישע דעטאַלען, מיט אַזוי פיעל טרעפענדע און פּרעכטיגע שטריכען, אַז די פעדער פון גאָר אַ גרויסען שריפטשטע־לער וואָלט זיך ניט נעדאַרפט שעהמען דערמיט.

ראַפאַעל לעבט אויפ׳ן לאַנד, יוליע אין פּאַריז. ווען ער נעהמט אַ שפּאַציער, ווענדט ער זיינע טריט ניט ווילענדיג צו צפון, כדי צו פאַרקלענערען דעם מהלך, וואָס טיילט איהם אָפּ פון איהר. זיין טאָג האָט נאָר איין גליקליכע שעה, די שעה ווען דער פּאָסטאַליאָן ברייננט איהם אַ בריעף פון איהר. ווי נור ער דערהערט דעם בריף־טרעגער׳ס טריט, איז ער שוין ביים פענסטער; ער באַגעגענט איהם ביי דער גאַסען־טירעל, באַהאַלט דעם בריעף אין קעשענע און איילט מיט ציטערענדע קניה צו זיך אין צימער, וואו ער פאַרשליסט זיך, כדי צו לייענען דעם בריעף אין באַהעלטעניש. שפּעטער אין ראָ־מאַן, ווען ראַפאַעל קומט קיין פּאַריז, האָבען מיר אויסגעצייכענטע באַשרייבונגען פון זיינע וואַנדערונגען אין די ווינטער־אָבענדען הין און צוריק איבער איינעם פון די סענאַ־בריקען; ער נעהמט די אויגען ניט אַראָפּ פון איהר פענסטער, וואו עס דאַרף זיך באַ־ווייזען אַ לאָמפּ, אַלס צייכען, אַז אַלע געסט האָבען זי שוין פאַר־לאָזען, און ער ווועט זי זיכער טרעפען אַליין. און דער בלינדער בעטלער אויפ׳ן בריק, אין וועמעס קריגעל ער פאַרגעסט קיינמאָל ניט אַריינצוואַרפען אַ מטבע! דאָס שלאָגען פון די טורעם־זייגערס אַלע שעה און האַלבע שעה! און נאָך אַ דעליקאַטער שטריך — ראַפאַעל׳ס געהער פאַרשאַרפט זיך ביסלעכווייז אַזוי, אַז ער דערקענט יעדען זייגער, לויט זיין באַזונדערן קלונג, אין דעם גרויסען זייגער־כאָר.

דאָס איז אַלץ זעהר פיין. צום אומגליק, איז דער ראָמאַן אַלס גאַנצער ניט אויסגעהאַלטען. די גאַנצקייט פון דעם איינ־

דרוק איז געשטערט פון די רעליגיעזע פניות און כוונות, וואָס דער פּראָפעסער האָט אין דעם ראָמאַן אַריינגעגעבן.

די פּראָפעסער פון יענער עפּאָכע האָבן ניט געקענט שריי־בען וועגן ליעבע פּראָסט און פּשוט, ניט צומישענדיק צו איהר קיין טעאָלאָגיע. לאַמאַרטין לאָזט זיינע ליעבהאָבער דורכגעהן אַ גאַנצען פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישען קורס אין זייערע געשפּרעכען. זיי האַלטען זיך ביי פאַרשיעדענע מיינונגען: זי איז אינטע־לעקטועל העכער פון איהם. ער קלאַמערט זיך נאָך אָן דעם גלויי־בען פון זיין קינדהייט. אין הויז פון איהר באַריהמטען מאַן פאַר־קעהרט זי מיט פאָרטגעשריטענע, פּרייגעזאָגענע וויסענשאַפטס־לייט, וועמעס אידעען, וואָס זיינען געשטעמפּעלט מיט דעם גייסט פון 18טען יאָהרהונדערט, זי זויגט אַריין אין זיך. ער און זי באַלאַנ־גען אייגענטליך צו צוויי פאַרשיעדענע דורות — זי צו דעם דור פון דער אימפּעריע, ער צו דעם דור פון דער מאָנאַרכיע. פּויסט, ווען גרעטכען זוכט איהם צו באַקעהרען, שטעלט אָפּ איהרע פאַר־זוכען און פּרובט פאַרענטפערן זיין אומגלויבען מיט פאַרשיעדענע תירוצים. דער פאַל איז דער היפוך פון יענעם. ראַפאַעל מאַכט לאַנגע, אומזיסטע פאַרזוכען צו באַקערען יוליע צום גלויבען אין גאָט און קריסטענטום. צום ערשטען מאָל, ווען דער אומשולדיי־גער בחור רעקאָמענדירט איהר צו זוכען הילף ביי גאָט, ווערט ער איבערראַשט, ווען ער מערקט, אַז זי קוקט אומעטיג און צעשטרייט און קערט אָפּ דעם קאָפּ. ער פרעגט זי פאַרזיכטיג, וואָרום טוט זי אַזוי. ענטפערט זי: „דאָס וואָרט מאַכט מיך פיהלען שלעכט".
— „וואָס, דאָס וואָרט, וואָס באַצייכענט לעבען, ליעבע, אַלץ וואָס איז גוט — ווי קען אַזא וואָרט מאַכען פיהלען שלעכט דאָס פּאָל־קאָמסטע פון גאָט'ס באַשעפענישען?" א. ז. וו. זי איז געצוואונ־גען צו דערקלערען איהם, אַז דאָס וואָס ער רופט גאָט, רופט זי נ ע ז ע ץ — אַן אומענדליכע גרויס, אַן אַבסאָלוטע, אומפאַרמייד־ליכע נויטווענדיגקייט, וואָס מען קען זי ניט ריהרען מיט תפילות.
פון דער איבערצייגונג אַרויס קומט יוליע צו ניט אַזא שטרענ־גער, אָבער דאָך ווירדיגער מאָראַל. זי זאָגט: „דערצויגען פון אַ פילאָזאָף, לעבענדיג אין דער געזעלשאַפט פון פריי־דענקער, וועל־כע האָבען זיך אין גאַנצען אָוועקגעריסען פון די קירכען־דאָגמען

און קירכען צערעמאָניעס, וואָס זיי מיט זייער פאַרשענדען גייסט האָבען אַליין געהאָלפען אונטערגראָבען, בין איך פריי פון איינ־ריידענישען און פאַראורטיילען, פון אַלע יענע שרעקען פון שוואַכ־זין, וואָס צווינגען די מעהרסטע פרויען צו בויגען זייערע קעפּ אונטער אַ פאַלשע יאָך, אַ חוץ דעם נאַטירליכען יאָך, וואָס אונזער געוויסען טוט אויף אונז אָן".

און ראַפאַעל שפּיעלט דאָ די מיידעלשע ראָלע, ווען ער הערט ניט אויף אריינצו'טענה'ן אין דער פרוי מיט'ן מענערשען גייסט, זי זאָל תשובה טאָן און צוטוליען זיך צו דעם מוטערליכען בוזים פון דער רוימיש־קאַטוילישער קירך. „איך האָב מיך געבעטען ביי איהר, זי זאָל זוכען אין אונזער רעליגיע פון זאַנפטער ליעבע, אין דער הייליגער טונקעלהייט פון אונזערע קירכען, אין דעם מיסטע־ריעזען גלויבען אין קריסטוס, דעם גאָט פון טרערען — אין תפלה און כורעים פאַלען — יענע דערלייכטערונג און טרייסט, וואָס איך האָב געפונען אין זיי אין מיין קינדהייט".

דער באַקערונגס־פּאַרזוך איז ראַפאַעלע'ן ניט אין גאַנצען גע־לונגען. ער אַליין איז אפילו צופריעדען געוועזען מיט'ן רעזולטאַט, אָבער אַ שטרענגגערער קריסט, אַן אָרטאָדאָקס, וואָלט קוים צופ־ריעדען געוועזען.

ער ניט אונז צו פאַרשטעהן, אַז דאָס האָט די ליעבע אויס־געלערנט יוליע צו גלויבען אין גאָט. „גאָט עקזיסטירט" — האָט זי אויסגעשריען — „עס עקזיסטירט אומענדליכע ליעבע, פון וועל־כער אונזערע איז בלויז אַ טראָפּען — אַ טראָפּען, וואָס פאַלט צו־ריק אין דעם געטליכען אָקעאַן, פון וואַנען מיר האָבען איהם גע־נומען. און דער אָקעאַן איז גאָט. אָט אין דער רגע האָב איך איהם דערפיהלט, דערזעהן, פאַרשטאַנען דורך מיין גליק... יאָ", — האָט זי ווייטער גערעדט, מיט נאָך מעהר ליידענשאַפט אין איהר טאָן און בליק — „לאָמיר פאַרגעסען די פאַרגענגליכע נעמען, מיט וועלכע מיר פּלעגען באַצייכנען די סימפּאַטיע, וואָס ציהט איינס צום אַנדערן, עס איז פאַראַן נור איין נאָמען, וואָס דריקט עס אויס — און דער נאָמען איז גאָט. ער האָט זיך אַנטפּלעקט צו מיר אין דיינע אויגען. גאָט, גאָט, גאָט!" — האָט זי אויסגערופען,

ווי זי וואָלט זיך געלערנט אַ נייע שפּראַך — „גאָט ביזטו; גאָט איז וואָס איך בין צו דיר. גאָט — דאָס זיינען מיר".

דאָס אַלץ קלינגט אונז מעהר טענדענציעז, ווי נאַטירליך. צום גליק, אמת'ע ליעבע איז ניט אַזוי אָראַטאָריש.

ווען יוליע'ס מאַן, דער אַלטער פילאָזאָף, וואָלט צופעליג אונ־טערגעהערט דעם אויסגוס פון זייערע הערצער, וואָלט ער זיי גע־קענט דערקלערען, אַז אַזעלכע געדאַנקען און געפיהלען זיינען זעהר ווייט פון קריסטענטום, זיי זיינען ריינער פּאַנטעאיזם. און מיר צווייפלען ניט, אַז ער וואָלט די דערקלערונג געגעבען אין דעם גע־לאַסענסטען טאָן, אָהן דער מינדסטער אויפרעגונג. וואָרים ווי ער ווערט פאַרגעשטעלט פיהלט ער קיין האָר אייפערזוכט ניט. ער ווייס, אַז זיי שרייבען זיך דורך יעדען טאָג, און ער ווייס אויך, אַז זייער ליעבע איז הימלישקייט. ווען ראַפאַעל קומט קיין פּאַריז, איז אַלץ וואָס ער זאָגט צו איהם: „געדענקט, אַז איהר האָט אין דעם הויז ניט איין פריינד, נאָר צוויי. יוליע האָט גאָר קיין בע־יסערען ברודער זיך ניט געקאָנט אויסקלייבען, און איך ניט קיין בעסערען זוהן". קאָמיש איז, וואָס ראַפאַעל, פון זיין זייט, איז אויך גאַנץ רוהיג ווענגען אַלטען, ווען מיר זאָלען ניט רעכענען זיין פאַרדרוס, וואָס דער אַלטער, שטעהענדיג מיט איין פוס אין קבר, וויל ניט גלויבען אין אומשטערבליכקייט. און עס איז כאַראַקטע־ריסטיש פאַר יענער פעריאָדע, וואָס דער אַלטער דינער פון דער וויסענשאַפט ווערט סוף כל סוף דאָך באַקערט צום קאַטויליציזם.

אין אַ געוויסען זין האָט דער אַלטער קיין שום גרונד ניט פאַר אייפערזוכט. לאַמארטין האָט זעהר נאַאיוו אריינגעפיהרט אין זיין ראָמאַן אַ שטיק ווירקליכקייט, וואָס דערקלערט אפילו זעהר פיעל זאַכען, אָבער גלייכצייטיג שוואַכט עס אָפּ דעם געהויבענעם מוסר־השכל, צו וועלכען לאַמארטין האָט געציעלט. יוליע'ס ענט־פער אויף ראַפאַעל'ס ערשטער ליעבעס־ערקלערונג באַשטימט איינמאָל פאַר אַלעמאָל דעם כאַראַקטער פון זייערע געגענזייטיגע באַציהונגען. זי זאָגט: „איך גלויב נור אין דעם זיכטבאַרען גאָט, וואָס זיין געשטאַלט איז איינגעקריצט אין דער נאַטור, זיינע געזעצען אין אונזערע אינסטינקטען און זיין מאָראַל אין אונזער פאַרנונפט. פאַרנונפט, געפיהל און געוויסען זיינען די איינציגע

אנטפלעקונגען, וואָס איך אנערקען. און קיינער פון די דריי וועגווייזער פון מיין לעבען פארוועהרט מיר צו געהערן אייך. מיין גאנצע נשמה איז גרייט אויסצושטרעקען זיך צו אייערע פיס, ווען דאָס זאָל אייך שאַפען גליק. אָבער זיינען מיר דען ניט זיכערער אין דער גייסטיגקייט און אייביגקייט פון אונזער ליעבע, ווען זי בלייבט אויף דער הויך פון ריינעם געדאַנק, אין די ספערען וואו פאַרגענגליכקייט און טויט האָבען קיין צוטריט ניט, איידער ווען זי ווערט פאַרברענט און פאַרשוועכט דורך אַראָפזינקען צו די נידעריגע ספערען פון גענוס?"

אַלזאָ, די ליעבע, וואָס פאַרשאַפט גענוס, דאָס איז די ליעבע, וואָס יוליע זינגט אַ שבח צו איהר, קענטיג, אַריבערכאַפענדיג די מאָס פון איהר אייגענער באַגייסטערונג. נו, איז אפילו ריכטיג, אז ליבע קען אָנהאַלטען אויך דאַמאָלט, ווען צוליב אומשטענדען איז דער וועג צו פולער באפרידיגונג איהר פאַרשפּאַרט, אָבער פונקט אזוי ריכטיג איז, אַז אנטזאַגונג צוליעב אנטזאַגונג, צוליעב גייסטיגקייט, איז דערווידער צו דער נאַטור. ווען דענעמארק האָט דורכגעמאכט אַ רעליגיעזע רעאַקציע, האָט איינגעמאַן, אין זיינע יוגענדליכע ווערק, אויך געפּרעדיגט אַזאַ אנטזאַגונג. עס בלייבט אָבער נאָך אַ פראַגע, צי איז עס ווירקליך יוליע אזוי פאַרליעבט אין דער טעאָריע, אָדער די טעאָריע שטאַמט גאָר פון לאַמאַרטינ'ען אליין, וועלכער האָט געכאַפּט פון איהר התפעלות, ניט פראַקטיצירענדיג זי — און די פראַגע מוז בלייבען אומפאַרענטפערט.

אין זיינע עראינערונגען וועגען זיינע ליעבעס־אפערען, געפעלט עס לאַמארטינ'ען צו שילדערען זיך אליין אלס א מענשען, וואָס איז פריי פון יעדען ליידענשאַפטליכען באַגעהר. און מיר וויסען זיי אַלע, זיינע ליעבעס־אפערען; וואָרים דער מאַן, וועלכער לויט זיינע ווערטער האָט אַזאַ פולע קאָנטראָל געהאַט איבער זיינע ליידענשאַפטען, האָט גאָר קיין קאָנטראָל ניט געהאַט איבער זיין פען. מיר ווייסען (פון זיינע „סודות"), אַז ביי זיינע באַגעגענישען מיט דער שעהנער זעכצעהניעהריגער לוסי אין די פראָסטיגע ווינטער־נעכט, פלעגט ער בלייבען אזוי קאַלט, ווי די ווינטער־נאַכט. מיר געדענקען דעם זאַץ אין „גראַציעלאַ": „מיר זיינען געשלאָפען צוויי טריט איינס פון אנדערען; מיין קאַלטע גלייכגילטיגקייט האָט

מיך באַשיצט״. אַלזאָ, עס לאָזט זיך באַצווייפלען, צי די טעאָריע פון אַנטזאַגען איז ווירקליך געקומען פון יוליע׳ס מויל. אָבער עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די ווייטערע ווערטער, וואָס ווערן איהר צוגעשריבען, זיינען עכט: זיי געהערען טאַקע איהר. שטאַרק רויט ווערענדיג, האָט זי צוגעגעבען, אַז די אַנטזאַגונג, וואָס זי פאָדערט, איז אַ שטרענגער געבאָט פאַר זיי ביידען — צוליעב איהר געזונד; ניט זי זאָגט עס, נאָר איהר דאָקטאָר האָט עס איהר געזאָגט; זי וועט אַרויס פון זיינע אָרמס אַ שאָטען, אַ בר־מנין. „איך וועל האָבען אויפגעאָפּפערט ניט נאָר מיין ווערדע, נאָר אויך מיין לעבען״.

עס איז אוממעגליך צו לייקענען, אַז עס הערשט אַ געוואַלדיגער ווידערשפּרוך צווישען דער לעצטער אויסערונג איהרער און דער פאָריגער, און אַז אָט די העכסט פראַקטישע דערקלערונג נעהמט אַוועק אַ היבש ביסעל גייסטיגקייט פון זייער גייסטיגער פריינד־שאַפט. מיר זיינען ווי אַראָפּגעפאַלען פון זיבעטען הימעל און פיהלען האַרטע ערד אונטער אונזערע פיס.

דערנאָך קומען סצענען, וואָס דערמאָנען עהנליכע סצענען אין „וואַלעריע״ — זעלבסטמאָרד פּלענער, וואָס ווערן קיינמאָל ניט אויסגעפיהרט; נעכט, פאַרבראַכט אין זאַנפטע געשפּרעכען, מיט אַ דיקער דעמבאָווער טיר פאַר אַ מחיצה, צווישען די געליעבטע; דאָס פאַר׳שכור׳ן זיך ביז חלשות מיט דעם זיסען ווייַן פון סענ־טימענטאַליטעט. דאָס איז אַ ליעבע, וואָס דריקט זיך אויס אין שמאַכטענדע בליקען, אין לעכצעניש, וואָס דערגעהט ביז צו משוגעת, אין זיפצען, וואָס זיינען כמעט קרעכצען, אין לאַנגע פויזען און אוממענדליכע האַרץ־אויסגוסען — אָבער קיינמאָל ניט אין אַ לאַסקע אָדער אַן אומאַרמונג. אומאַנגענעהם, כמעט פּיינ־ליך, אין יעדען פאַל אומנאַטירליך, איז אין דער דאָזיגער ליעבעס־געשיכטע אויך די צודרינגליכקייט, מיט וועלכער מען דערמאָנט אונז כסדר, אַז די ליעבהאָבער האַלטען זייער נדר, אַז זייער ליעבע בלייבט פּלאַטאָניש. ביי איין געלעגענהייט, ווען זיי בלייבען גאָר אַליין, און זיי זיינען אין אמת׳ער סכנה, טרעפט ווער עס קומט אין דעם קריטישען מאָמענט? ניט קיין אַנדערער, ווי דער הויך־געשעצטער, אַלטיטשקער, מאָפּיע באַנאַלד, מיט וועמעס טעאָריען מיר זיינען שוין באַקאַנט. ער קומט צו גאַסט צו יוליע, פּונקט אין

צייט, 12 אזייגער ביינאכט, און ווערט אויף אזא אופן אויסגעהיט פון צער צו זעהן זיינע תּלמידים עובר זיין אויף זיינע געבאָטען. אפילו אין זיין ראָמאַן לאָזט לאַמארטין די געלעגענהייט ניט דורך צו מעלדען אונז, אז ער איז ניט מסכּים מיט באַנאַלד'ען, גאָר באַזונדערס אין פּרט פון טעאָקראַטישער רעגיערונג. עס איז געוואָרען א מאָדע ניט איינצושטימען מיט באָנאַלד'ען. שאַטאָבריאַן אליין באמערקט אין זיינע עראינערונגען (4—23): „מאָסיע באָנאַלד איז געווען א קלוגער מאַן. זיין שאַרפזין האָט מען על פּי טעות אָנגענומען פאַר געניאַליטעט".

ווען נאָר יוליע באַדויערט ראַפאַעל'ן, ענטפערט ער איהר מיט א שטראָם פרומע רייד, אין וועלכע ער פארגלייכט זיך און זי מיט אבעליאַרען און עלאָאיזע: „האָב איך דען דיר אמאָל געגעבען צו פיהלען, אז איך וויל עפּעס אנדערש, ווי טיילען דיינע ליידען מיט דיר? מאַכען דען די ליידען אונז ניט פאַר פרייוויליגע און ריינע קרבּנות? איז דאָס ניט אַן אייביג־ברענענדער ליעבס־אָפּפער, וואָס די אויגען פון די מלאכים האָבען עס אפשר ניט געזעהן זייט די טעג פון עלאָאיזע?"

איצט, פאַרטיג ווערענדיג מיט דעם שטודיום פון „ראַפאַעל'ן", ווען מיר זאָלען נאָך אמאָל נעהמען איבערלייענען לאַמארטינ'ס געזאַנגען צו עלווירא, באַקומען מיר א נייעם שליסעל צו דעם סוד פון זייער פּאָעטישער ליעבע, צו איהר געהויבענעם כאַראַקטער, צו איהר אומבאַשטימטקייט און אומווירקליכקייט. דאָס איז א ליעבע וואָס, געצוואונגען דורך נויט אָפּצוזאָגען זיך פון קערפּערליכע פאַרגעניגענס, מאַכט זיך א מינע, אז דאָס קערפּערליכע עקזיסטירט ניט פאַר איהר. מען מוז אָבער אונטערשיידען צווישען די שפּעטערדיגע פּאָעמען און א יניגע פּאָעמען, וואָס זיינען געשריבען א סך פריהער און אין גאָר אַן אנדער טאָן, — א טאָן, וואָס דערמאָנט גיכער דעם גייסט פון 18טען יאָהרהונדערט. פאַר ביישפּיעלען קענען דינען די פּאָעמען „צו עלווירא" (אונטער עלווירא איז דאָ אין דע־ ווירקליכקייט געמיינט גראַציעלא) און „סאַפאַ".

מיר האָבען געבראַכט גענוג ביישפּיעלען: לאָמיר איצט זעהן, צו וואָס פאַר א שלום זיי פיהרען אונז. מיר האָבען גענומען אַן איינפאַך געפיהל, אָבער אזא געפיהל, וואָס יעדע ליטעראַרישע שולע

זוכט צו שילדערן און צו פארטייטשען, און יעדע פון זיי שילדערט און פארטייטשט עס אויף איהר אייגענעם שטייגער, און מיר האבען עקזאמינירט א צאהל פארשיידענע ביישפיעלען פון דעם אופן, ווי דער דאזיגער געפיהל ווערט פארשטאנען און פארטייטשט פון דער ליטעראַרישער שולע, וואס מיר שטודירען דא. און מיר האבען געפונען, אז פונקט ווי אין אלע אנדערע געביטען פון דער לי־טעראטור, וואס מיר האבען פריהער באהאנדעלט, ווערט אויך דא, אויפ'ן געביט פון ליעבע, די נאטור איגנארירט, אדער באהאלטען, אדער געמאלען אין די שווארצעסטע פארבען, פארגעשטעלט אלס עפעס, מיט וואס מען דארף זיך שעהמען. שאטאבריאן און מא־דאם קרידענער זוכען בכיון אוים אזעלכע פאלען, וואו די ליעבע איז זינדיג און פארברעכעריש, און זיי באשרייבען, ווי די כוחות פון גיהנום ברילען מיט טריאומף, ווען דער העלד ווערט געשטרוי־כעלט, אדער ווי די שרים און מלאכים יובעלירען, ווען די שאנד־טאט ווערט ניט באגאנגען. דעמזעלביגען אנשטעל האבען מיר אויך ביי אלפרעד דע־ווייני:

„פייערינגע כרובים, איינגעוויקעלטע אין זעקס פליגלען, צארטע שרפים, די טרייע היטער פון ליעבע, טראגען פון טוגענד, פירסטען, מאכטען, שררות, וועכטער, אין שיינענדע בלישצענדע בגדים, פרומע טרוימען, ליוב-געזאנגען, הייליגע און לייטערע, מחנות אויבער־מלאכים, גרויסע מלאכים און ריינע מלאכים, א. ז. וו.“

ער לאזט דעם שטן רעדען ווי עראס'ען, דאס הייסט, עראס'ען, דעם גאט פון ליעבע, ווי דעם שטן. לאמארטין אין זיינע ליעדער זעצט די ליעבע אויף א הימלישען טראן ארויף, מאכט יי מלאכים'־דיג, באפרייט פון יעדען סימן פון ליידענשאפט — אבער אין „ראפאעל“ באשרייבט ער זי, ווי זי איז געווען אין דער ווירקליכ־קייט, הימליש קעגען זייער אייגענעם ווילען — וואס דאס נאך זיין מיינונג פארגרעסערט נאך דעם פארדיענסט פון די ליעבהאבער; זייער ליעבע ווערט דורך דעם א בראנד־אפפער פאר די מלאכים, מיט אזא ריח ניחות, וואס זייערע נאז-לעכער האבען ניט געשמעקט זייט די טעג פון ארימען אבעליאר.

און אונטער דעם אלעמען פליסט אן אונטערשטראם פון צביעות. יעוודאר, וועלכער וויל אונז מאכען גלויבען, אז ער קאן

זיך גאָר ניט טרייסטען איבער וועלעדאַ'ס ליידענשאַפט, איז אין נעהיים זיך מחיה, וואָס זי האָט זיך איבערגעשניטען איהר וויסען האַלז פון זיינעט־וועגען. ער באַוויינט זיין פאַלען אין אַזעלכע אויס־דרוקען, וואָס מאַכען אונז פּיהלען, אַז ער וואָלט גערן געפאַלען נאָך אַמאָל. די פאַרפאַסערין פון „וואַלעריע" פּויקט אויס אויפ'ן מארק־פּלאַץ די מאָראַלישע ריינקייט פון איהר העלדין און דרש'ענט וועגען צניעות און אַנטזאַגונג אין אַלע ציימונגען, בעת זי אַליין פּאַסט אַם ווייניגסטען צו זיין אַ לעהרערין פון מאָראַל. לאַמאַרטין, אַלס ראָמאַניסט, גיט גאָר אַן אַנדער דערקלערונג צו זיינע באַציהונגען מיט עלווירא — אַ דערקלערונג, וואָס איז ווייט, ווי דער הימעל פון דער ערד, פון דעם איינדרוק, וואָס דאָס פּובליקום האָט געמוזט אַרויסטראָגען פון די עטהער־דופטיגע עקסטאַזען פון זיינע „מחשבות", און ער ענדיגט דערמיט, וואָס ער הרג'עט אַוועק די ווירקליכע שעהנקייט פון זיין סטיל מיט צוגאָסענער, ווייגענדיגער סענטימענטאַליטעט.

אין דער שילדערונג פון ליעבע, ווי אומעטום, האָבען זיי זיך נעיאָגט נאָך איבערנאַטירליכען; אויסגעפיהרט האָבען זיי נור, וואָס זיי האָבען די נאַטור אָדער פאַרגוואַלדיגט, אָדער היפּאָקרי־טיש פאַרלייקענט *).

---

*) לאַמאַרטין — „גראַציעלא"; „ראַפאַעל"; „סודות"; „מע־מוּארען". מאַדאַם קרידענער — „וואַלעריע". שאַטאָבריאַן — „די מאַר־טירער", 9, 10.

11.

די ירידה פון טעאָרעטישער אויטאָריטעט.

די ליטעראַרישע פ אָ ר מ ע ווערט פון דער רעוואָלוציע ניט אָנגעריהרט.— אויפ׳ן געביט פון ליטעראַטור זיינען פראַנצויזען קנאַפּע רעוואָלוציאָנערען. — די רעוואָלוציע, אַ קלאַסישע פראַנצויזישע טראַגעדיע. — „פּאָעטען דאַרפען פיהרען דאָס פאָלק צ ו ר י ק״. — אַ קאָלעקציע פון אָפּגעקליבענע ווערטער פאַר פּאָעזיע. — אויפפיהרונג פון „אָטעלאָ״ אין פראַנצויזיש רופט ארויס אַ מהומה. — זיינען פאַראַן כללים און געזעצען פאַר פּאָעזיע און שפּראַך? — רעליגיעזע און ליטעראַרישע טראַדיציעס קענען ניט לעבען בשלום.

ניט געקוקט דאַרויף, וואָס סיי אין דער פּאָעזיע פון לאַמאַרטין און סיי אין דער פּראָזא פון שאַטאָבריאַן ווערט דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט פּראָקלאַמירט מיט אַזאַ פייערליכער זיכערקייט, וואָס דערלאָזט קיין שום ספק ניט, פיהלט זיך דאָך ביי זיי אַלע אַ באַהאַלטענע אָדער אויפשפּראָצענדע געגנערשאַפט צו דעם דאָזיגען פּרינציפּ אין דער ליטעראַטור, אויף וויפיעל ער פאַרלאַנגט אומבאַדינגטע עהרפורכט פאַר דעם עבר, פאַר די אַמאָליגע שרייבער און פאַר די אַמאָליגע פאָרמען.

עס איז שוין באַמערקט געוואָרען, אַז די גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציע אין פראַנקרייך האָט ניט אָנגעריהרט די ליטעראַרישע פ אָ ר מ ע. צוליעב דער ליטעראַרישער פאָרמע איז ניט נויטיג געווען צוריקאויפצושטעלען די אויטאָריטעט, ווייל פאַר איהר איז זי קיינמאָל ניט געשטירצט געוואָרען. אויף קיין אַנדער געביט זיינען די פראַנצויזען ניט אַזוי ווייניג רעוואָלוציאָנער, ווי אויפ׳ן געביט פון ליטעראַטור. די אַקאַדעמיע איז די איינציגע אינסטיטוציע אין פראַנקרייך, וואָס האַלט זיך פעסט זייט די טעג פון רישעליע; היינט צו טאָג האָט זי דעמזעלביגען נאָמען, דיזעלביגע ציעלען

און אפילו דיזעלביגע צאָהל מיטגליעדער. אין דער ליטעראטור איז דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט באַקאַנט געוועזן אונטער דעם נאָמען קלאַסישער גייסט, און דער דאָזיגער גייסט איז ניט נור אָפּגעשוואַכט געוואָרען דורך דער רעוואָלוציע, נאָר פארקעהרט, נאָך מעהר פארשטאַרקט געוואָרען. די רעוואָלוציע גופא איז געווען א קלאַסישע פראַנצויזישע טראַגעדיע. ווי אַלע פראַנצויזישע טראַגעדיעס פארקליידט זי איהרע העלדען אין גריכישע און רוימישע בגדים. אין זייער סטיל און שפּראַך אימיטירען זיי די רעפּובליקאַנער פון פארצייטיגען רוים, און עס איז כאַראַקטעריסטיש, אז די זשיראָנדיסטען — די קולטורעלסטע און ליטעראַריש־געבילדעסטע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי — האָבען איבערגענומען דעם פארצייטיגען „דו" און די פארצייטיגע באַצייכנונג „בירגער". די יאַקאָבינער, ווידער, שטאַמען דירעקט פון קאָרנעל'ס העלדען — דיזעלביגע אָנגעצויגענקייט אין זייער אָראַטאָרישער קונסט, דערזעלביגער פּייערליכער, קורץ־געפּאַסטער סטיל, מיט דערזעלביגער התלהבות. ווי קראָמוועל'ס סאָלדאַטען פּלעגען זיך פאָרשטעלען פאר פארצייטיגע אידען, אָננעהמענדיג זייערע נעמען און זינגענדיג זייערע פּסאַלמען, אזוי האָבען אויך די פראַנצויזען פון דער רעוואָלוציע זיך פארשטעלט פאר פארצייטיגע רוימער; און ווען דאַוויד, דער יאַקאָבינער און אינטימער פריינד פון ראָבעספּיער'ען, האָט פארלאָזען זיין זיץ אין דער געזעצגעבענדער פארזאַמלונג, כדי צו מאָלען זיינע האָראַציעס און ברוטוסען, וואָס זיינען שפּעטער, אין 1791, אויסגעשטעלט געוואָרען, האָט ער איינפאַך גענומען זיך פאר מאָדעלען זיינע חברים און באַקאַנטע; דער מאַלער האָט קיין טריט ניט געדאַרפט מאַכען הינטער די גרענעצען פון זיין אייגענער פּעריאָדע.

פּינקט ווי די פראַנצויזישע טראַגעדיע, ווען זי איז געבאָרען געוואָרען, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט צו בויען אויף די יסודות פון דער פראַנצויזישער געשיכטע, האָט זיך אָפּגעקערט פון דער פראַנצויזישער טראַדיציע און האָט פארלעגט איהרע סצענעס אין דעם ווייטען רוים, אין דעם טונקעלען עבר — אזוי האָט אויך איצט די רעוואָלוציע, זיך ניט רעכנענדיג מיט דער געשיכטע, זיך ניט רעכנענדיג מיט פראַנקרייך פון איהר אייגענעם טאָג, גענומען זיך פאר

מוסטערן די רעפובליקאנער פון דעם ווייטען אומהיסטאָריש פאַר־
שטאַנענעם פאַרצייטען, און די מוסטורען האָט זי געגוי נאָכגעקאָ־
פירט. די מאָדערנע גראַקכען און האראציעס האָבען נאָכגעקאָפירט די
אַלטע. דער סטיל פון מאַדאַם ראָלאַנ'ס בריעף צו ביוזאָ, ווי עס איז
אָפּט באַמערקט געוואָרען, צייכענט זיך אויס מיט אַלט־רוימישער
געהויבענקייט. די דאַמען פון דער דירעקטאָריע האָבען גענומען
קארנעליא און נאָך אָפּטער אַספּאַזיע פאַר זייערע מוסטערן אפילו
אין קליידונג. אין דער שפראַך פון מאַנכע נאַפּאָלעאָנ'ס ערשטע
בריף צו זשאָזעפינע שפירט זיך דער איינפלוס פון לאטיינישע
מוסטערן ; און אפילו ווען ער נויטיגט זיך מעהר ניט אין מוסטערן,
איז זיין סטיל נאָך אַלץ אַזוי קלאַסיש, ווי זיין פראָפיל. זיין לי־
טעראַרישער געשמאַק איז אויך קלאַסיש ; זיין אָפּשיי פאַר „די
כללים" און זיין באַוואונדערונג פאַר קאָרנעלל'ען זיינען באַקאַנט.
און כל זמן ער איז הערשער פון פראַנקרייך, קענען זיך ניט שיי־
דען מיט קלאַסישקייט אפילו אַזעלכע שרייבער ווי רענואר, וועל־
כער פרובט שפּיעלען אין אַ סאָרט אָפּאָזיציע. אַ פאַרגלייך צווי־
שען ווערנער'ס „זיהן פון טהאָל" און רענואַר'ס „די טעמפּעל-רי־
טער" וועט וויזען, ווי פאַרשיעדען דיזעלבינע טעמא איז באַהאַנ־
דעלט געוואָרען פון די צוויי. דער דייטשער פּאָעט איז פונקט אַזוי
מיסטעריעז און אומפאַרשטענדליך, ווילד און פאַנטאַסטיש, ווי דער
פראַנצויזישער איז ציערליך־מאַנירליך, רעגולירט און גזועץ־געָ־
האָרכזאַם, מיט זיינע אומפאַרמיידליכע אַלעקסאַנדרינישע פערזען,
מיט זיין קעניג און קעניגין, מיט זיינע פינף אקטען און דריי איינ־
הייטען. רענואַר'ס שטיק איז אַ מין פראָצעס צווישען קירך און
שטאַאַט. דער קעניג קלאָגט אָן לויט אַלע כללים, די טעמפּעל־
ריטער פאַרטיידיגען זיך לויט אַלע כללים און ווערן פאַרברענט
לויט אַלע כללים. שטאַטיג, לייטיש, אויסגעהיט און אָפּגעהיט,
וואָרים מען ווייזט אַזוי ווענינ ווי מעגליך פון דעם פאַרברעכען
גופא און פון די סצענען אוממיטעלבאַר פאַר דעם פאַרברעכען. מיר
הערען נור פון דעם אין אַ לאַנגען מאָנאָלאָג, מיט וועלכען נאָך
יעוריפּיד פלעגט שליסען זיינע טראַגעדיעס. און דער מעטר איז
נאָך אַלץ דער מעטר, וואָס בואַלאָ, דער פּאָטער פון אַל־דאָס־בייז,
האָט פאָרגעשריבען. דער פערז, צעטיילט אויף צוויי העלפטען

מיט דער צעזורא, פאַרענדיגט זיך אין איין שורה, און די שורות זיינען גלייך איינע צו דער אַנדערער, ווי צוויי זייטען פון איין קלינג. קיין הארמאָניע און קיין לעבען, קיין ריטם און קיין גראַם, וואָרים larmes — armes; epoux — coups; souffrir — mourir קענען קוים אָנגערופען ווערן גראַמען. די שורות זיינען עהנליך צו די מאָלוסקען — די חיה'לאַך אָהן רוקענביינען: צעשניידט זיי אויף העלפט און זיי זיינען פונקט אַזוי לעבעדיג, אָדער ריכ-טיגער, פונקט אַזוי ניט לעבעדיג. זיי האָבען גאָרנישט פאַרלאָרען.

מיט אָט דער שקלאַפישער טרייהייט צום קלאַסישען גייסט דערקלערט זיך, וואָס אייניגע פון די פראָמינענטע פראַנצאָזיקער פון דער פעריאָדע זיינען געוואַלדיג עהנליך אין סטיל צו זייערע פאַרהאַסטע געגנער, די פילאָזאָפען פון 18טען יאָהרהונדערט. דעם בולט'סטען ביישפּיעל האָבען מיר אין דע־מעסטר. זיין אומפּעהיגקייט צו באַגרייפען געשיכטע, זיין שוואַכער קריטישער חוש, זיין פאַרגלי-ווערטע, פלאַכע רעליגיעזיטעט, זיין נייגונג צו טרוקענער סכעמאַ־טישקייט, צו געשפּיצטען פּלפּול, וואָס פאַרפיהרען איהם צו האַר-טע, שטייפע, ניט בויגיגע שלוסען — דאָס אַלץ צוזאַמען איז אָהן ספק א ירושה פון 18טען יאָהרהונדערט. דאָס אַלץ איז דער שטיי־גער פון יענעם יאָהרהונדערט. און אויך באָנאַלד'ס קאַלטער, אַר־גומענטירענדער סטיל, זיין מאַניע צו צופיהרען אַלץ צו פאָר־מולעס, זיין זיכערקייט, אַז ער באַגרינדעט זיין פּאָזיציע מיט מאַ־טעמאַטישער פּינקטליכקייט — די גאַנצע מאַנערע זיינע ווייזט, אַז ער איז אויך א קינד פון דעם יאָהרהונדערט, וואָס האָט אַרויס־געבראַכט קאָנדיליאַק'ען, אַז זיינע ווערק זיינען א פּראָדוקט פון דעמזעלביגען גייסט, וואָס ער באַקעמפט. די איינציגע נפקא מינה איז, וואָס קאָנדיליאַק איז פונקט אַזוי קלאָר אויסגעהאַלטען, ווי באָנאַלד צעוואָרפען און ווידערשפּרעכיג.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך סיי פון דער קלאַסישער פּראָ־זע און סיי פון דער קלאַסישער פּאָעזיע, איז זייער שכל'דיגקייט. דער שכל איז דער האַר, וואָס באַהערשט זיי. און אַנטקעגען אָט דעם האַר מאַכט די ליטעראַטור איהר ערשטע מרידה — אין מאַדאַם דע־סטאַל'ס שטימונגספולען סטיל און שאַטאָבריאַנ'ס קאָלירדייכער פּראָזע. שטימונג און קאָליר — דאָס זיינען די צוויי גרויסע פאַר־

שיקטע, וואָס קעהרען זיך איצט אום נאָך אַ לאַנגען גלות. און דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, אַז ניט אַזוי זיין טאַלאַנט, ווי זיין קונסט-טעאָריע מאַכט שאַטאָבריאַנ׳ען פאַר אַ מורד געגען דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט אין ליטעראַטור, קעגען דעמזועלביגען פּרינציפּ, וואָס זיין מליץ יושר צו זיין דורך ליטעראַטור איז זיין כונה געווען. ווארים די קלאַסישע פּאָעזיע האָט פון אָנהויב אָן געזוכט איהרע טעמען און איהר באַגייסטערונג אין דעם היידנישען פאַרצייטען און דער היידנישער מיטהאָלאָגיע, און שאַטאָבריאַן האָט דאָס איצט גערופען צו זיינע קאָלעגען־פּאָעטען, זיי זאָלען ווענדען זייער בליק און דעם בליק פון זייערע לעזער צו אַ פּאָעזיע, וואָס איז פּונקט דער היפוך דערפון — צו דער פּאָעזיע פון קריסטענטום. מיט אַנדערע ווערטער, שאַטאָבריאַן האָט אַטאַקירט די ליטעראַרישע טראַדיציע שטיצענדיג זיך אויף דער קריסטליכער טראַדיציע. ער איז גלייכצייטיג אַ פאָרלויפער פון דער נייער צייט לויט זיינע אַרטיסטישע פּרינציפּען און אַ פאַרעלטערטער קאָנסערוואַטאָר לויט זיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע פּרינציפּען: ער איז צוויי־פּנימ׳דיג; ער גיט פּאָעטישען אויסדרוק צו מאָדערנע שטימונגען, טראָגענדיג אַ שטייפע מאַסקע פון עהרפורכט פאַר אַלע אָפיציעלע אויטאָריטעטען פון דער פאַרגאַנגענהייט. גאָר באַזונדערס אין זיין סטיל איז ער אַ ראָמאַנטיקער נאָך פאַר דעם ראָמאַנטיזם. און דערפאַר, ווען לאַמאַרטין צוערשט און דערנאָך הוגאָ פאָלגען זיין ביישפּיעל, פאַרלאָזען די מיטהאָלאָגיע און זוכען טעמען אין דער קריסטליכער לעגענדען־וועלט, זיינען זייערע צייט־גענאָסען פאַר אַ צייט אין אַ גרויסער פאַרלעגענהייט — זאָלען זיי עס אָננעהמען פאַר קאָנסערוואַטיזם אָדער רעוואָלוציאָנעריזם אָט די פאַרזוכען צו באַהויפּטען די הייליגקייט פון דער רעליגיע מיט נייע מיטלען. אָבער דער קערן פון מרידה קעגען דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, וואָס איז פאַרשטעקט געווען אין דעם נייעם ליטעראַרישען שטאַנדפּונקט, האָט גראַדענוויז אַזוי ברייט זיך צעוואַקסען, אַז די נייע שולע האָט באַקומען גאָר אַ ניי פּנים.

עס איז אינטערעסאַנט נאָכצופאָלגען די שטופען פון דער

דאָזיגער אנטוויקלונג לויט וויקטאָר הוגאָ'ס פאַרשיידענע פאָר־רעדעס צו זיינע „אָדען". אין דער ערשטער פאָררעדע (פון יאָהר 1822), וואָס באַשטעהט בלויז פון א פּאָר שורות, פארזיכערט דער יונגער פּאָעט, אז דאָס קריטעריום פון אמת'ער פּאָעזיע זיינע לאָ־יאַליטעט און קריסטליכע אמונה. דער 19טער יאָהרהונדערט, דער־קלערט ער, האָט דער ערשטער פּראָקלאַמירט דעם אמת, אז פּאָעזיע ה ע נ ג ט אָ פּ נ י ט פ ו ן ד י פ אָ ר מ ע ן, א י ן ו ו ע ל כ ע ד י א י ד ע ע ן ז י י נ ע ן פ א ר ק ל י י ד ט, נ ו ר פ ו ן ד י א י ד ע ע ן ג ו פ א. אין זיין פאָררעדע צו דער צווייטער אויפלאַגע (פארעפענטליכט אין זעלביגען יאָהר), אנטוויקעלט ער וויטער דעם געדאנק און באַמערקט, אז דעם פּאָעט'ס אויפגאַבע איצט איז צו פארבייטען די אויסגעוועפּטע, פאַלשע קאָלירען פון דער היידנישער מיטהאָלאָגיע מיט די נייע אמת'ע קאָלירען, וואָס באַלאַנגען צום קריסטליכען באגריף וועגען דעם אורשפּרונג פון דער וועלט. דער עיקר איז, אז די אָדע זאָל איצט נעהמען רעדען מיט א שטרענגער, טרייסטענדער, פרומער שפּראַך, אין וועלכער די אַלטע געזעלשאַפט, וואָס האָט אקאָרשט פארלאָזען מיט ציטעריגע טריט „די שיכור'ע סעודה פון אטעאיזם און אנארכיע", נויטיגט זיך אזוי שטאַרק.

זיין ערנסטער וואונש איז, אז די לעזער זאָלען ניט מיינען, אז ער איז אזוי איינגעבילדעט, אז „ער וויל איינברעכען א נייעם וועג אָדער שאַפען א נייע ליטעראַרישע פאָרמע". אין דער פאָר־רעדע פון 1824 ווידערהאָלט ער דיזעלבע פארזיכערונגען אין נאָך שאַרפערע ווערטער. אָבער מען פיהלט, אז דער יונגער פּאָעט שטעהט פּנים אל פּנים מיט א קריטיק, וואָס קוקט איהם נאָך מיט חשד; אז דער נאָמען „ראָמאַנטיקער" מיט וועלכען מען באצייכענט איינעם, וואָס איז עובר אויף די געזעצען פון קלאַסישער קונסט, לאָזט זיך זעהר לייכט אָנווענדען אויף איהם, און ער פלייסט זיך צו באווייזען, אז ער איז א רעכטגלויביגער ארטאָדאָקס אין לי־טעראַטור. וואָס מען דאַרף, זאָגט ער, איז ניט נייאיגקייטען, נאָר אמת. און דאָס באדערפניש צו באפרידיגען איז זיין כונה. דער געשמאַק — „וואָס דאָס איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי א ו י ט א ָ ר י ט ע ט אין ליטעראַטור" — זאָגט איהם אונטער,

אז די ווערק, וואס זיינען עכט און אמת'דיג לויט זייער אינהאלט, דארפען אויך זיין עכט און אמת'דיג לויט זייער פארמע. דערפון זיין פאדערונג פון „לאקאלער פארב" — א פאדערונג, וואס די קלא־סישע אויטארען זיינען קוים נאכגעקומען. אבער עס איז במילא פארשטענדליך, אז די כללים פון שפראך, וואס זיינען פארגעשרי־בען פון בואלא, דארפען ר ע ל י ג י ע ז אפגעהיט ווערן. וועגען איהם שרייבט הוגא: „בואלא טיילט מיט ראסינ'ען דעם ריעזיגען פארדיענסט, וואס זיי האבען צוגעגעבען דער פראנצויזישער שפראך איהר פעסטגעשטעלטע פארמע; דאס אליין איז א גענוגענדער באַ־וויז, אז ער איז אויך געווען א ש א פ ע נ ד ע ר ז ש ע נ י". בואלא א שאפענדער זשעני! מיט וויפיעל שפאט און געלעכטער וויקטאר הוגא וואלט אויפגענומען אזא באהויפטונג מיט א פאר יאהר שפעטער!

וועגען דעם פאעט שרייבט הוגא, אז ער דארף פאראויסגעהן דעם אוואנגארד פון פאלק, ווי א פייערזייל, אז ער דארף דאס פאלק פיהרען צ ו ר י ק צו די גרויסע פרינציפען פון א ר ד־נ ו נ ג, מאראל און עהרע. דער חסרון פון דער ליטעראטור אין לואי „דעם גרויסענס" יאהרהונדערט איז אין דעם, וואס די דאמאלדיגע פאעטען האבען גערופען צו די געטער פון געצענ־טום, אנשטאט צום גאט פון קריסטענטום. ווען זיי וואלטען אין דעם פרט אנדערש געהאנדעלט, באמערקט הוגא נאאיוו, וואלט די „סאפיסטישע שרייבער" פון 18טען יאהרהונדערט ניט אזוי לייכט אנגעקומען זייער טריאומף. נעבאך, וואס וואלט געווען דער שיק־זאל פון דער „פילאזאפיע", ווען פאר גאט וואלט זיך איינגעשטעלט דער „זשעני", ניט נאר די טוגענד אליין!

ער פראטעסטירט העפטיג געגען צונאמען: „ראמאנטיקער". ער פארזיכערט, אז „ער האט ניט דעם מינדסטען באגריף וואס עס ווערט געמיינט מיט קלאסישער און ראמאנטישער ליטעראטור". ער וויל זיך ניט לאזען באאיינפלוסען פון דעם גאנצען אומזין, וואס איז דעמאלט געשריבען געווארען וועגען דעם ענין, און דער־קלערענדיג, אז די אונטערשיידונג איז אהן שום מיין און אינהאלט, זאגט ער ארויס דערביי גאנץ פארניפטיגע געדאנקען:

„עס איז אן אנערקענטער פאקט, אז יעדע ליטעראטור טראגט

דעם שטעמפעל, אמאָל אַ שטאַרקערן, אמאָל אַ שוואַכערן, פון דעם קלימאַט, פון די מנהגים און דער געשיכטע פון פאָלק, וועמעס אויס־דרוק זי איז. דוד המלך, האָמער, ווירגיל, טאַסאָ, מילטאָן און קארנעל, וואָס יעדער פון זיי רעפּרעזענטירט אַ ליטעראַטור און אַ נאַציאָן, האָבען גאָרנישט געמיינשאַפטליכעס, אויסער זשעני". עס איז אוממעגליך דארום זיי איינצוטיילען אין קלאַסישע און ראָמאַנטישע פּאָעטען. ער לייקענט די באַהויפּטונג, אַז די לי־טעראַרישע אויפלעבונג (מיינענדיג, משמעות, שאַטאָבריאַנ׳ס לי־טעראַרישען אויפטו), איז אַ רעזולטאַט פון דער פּאָליטישער רע־וואָלוציע. „די היינטיגע ליטעראַטור קען ביז אַ געוויסען גראַד זיין דער רעזולטאַט פון דער רעוואָלוציע, אָבער דאָס מיינט בשום אופן ניט, אַז זי איז איהר אויסדרוק. די געזעלשאַפט פון דער רעוואָלוציע האָט געהאַט איהר ליטעראַטור, אַ מ י א ו ס׳ע און אַ נ אַ ר י ש ע ו ו י ז י א ל י י ן. יענע געזעלשאַפט און יענע ליטעראַטור זיינען טויט און זיי וועלען שוין קיינמאָל קיין תחית המתים ניט אויפשטעהן. אָרדנונג ווערט אויפגעשטעלט אין אַלע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, זי ווערט אויך אויפגע־שטעלט אין דער ליטעראַטור. פּונקט ווי די רעוואָלוציע איז ארויס־געוואַקסען פון ליטעראַטור, אזוי איז אויך די היינטיגע ליטע־ראַטור ד י פ אָ ר ל ו י פ ע ר י ן, דער פּאָראויסלויפענדער אויסדרוק פון דער פרומער און ל אָ י אַ ל ע ר ג ע ז ע ל ש אַ פ ט, וואָס וואַקסט מיט אַבסאָלוטער געוויסהייט ארויס פון יענע חורבות".

דאָ האָט הוגאָ געמאַכט אַ טעות; די ליטעראַטור, פון וועל־כער ער רעדט, איז שוין געווען דער געניויער אויסדרוק פון דעם גייסטיגען צושטאַנד פון איהר אייגענער צייט, און די רעפאָרם־פּאַרזוכען, וואָס האָבען געוועקט אזוי פיעל אומרוהע, זיינען אין דער ווירקליכקייט געווען די אָנזאָגער און פּאָרלויפער פון אַ קו־מענדער ליטעראַרישער רעוואָלוציע — ווייל זיי האָבען צעשטערט דעם גלויבען אין אויטאָריטעט, אַלס אויטאָריטעט — אין דעם פּאַל דעם גלויבען אין בואַלאָ. ווארים פון דער רגע, וואָס מען האָט אנטדעקט, אַז אויף דער זון זיינען דאָ פלעקען, איז שוין אוממעגליך געווען אָפּצושטעלען זיך און באַגרענעצען די ספקות מיט די פּאָר פּונקטען, אויף וועלכע מען האָט פון אָנבאַנג אזוי

באשיידען און אזוי פארזיכטיג אנגעוויזען. ליטעראַרישע טראַדיציע איז געווען א פרינציפּ, און א פרינציפּ מוז מען אָדער פאַרווארפען אָדער אָננעהמען.

לייענענדיג הוגאָ'ס פאַרלעצטע פאָררעדע צו די „אָדען" (1826), פיהלען מיר, אז זיינע געדאַנקען, וואָס דרעהען זיך נאָך אַלץ ארום אָ ר ד נ ו נ ג, די באליעבטע אידעע פון יענער צייט, וועלען אָט-אָט זיך אָפּרייסען פון די ליטעראַרישע ברעגען און זיך אוועקטראָגען אין אָפענעם ים. ער האָט אַנטדעקט, אז אָרדנונג איז נאָר עפּעס אַנדערש פון רעגעלמעסיגקייט, וואָס ווערט דערגרייכט דורך דיסציפּלין און צוואַנג. באַנוצענדיג זיך מיט א פאַרגלייך, וואָס דאַרף נאַטירליך איינפאַלען א יונגען מאַן, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין דער נאָכבארשאַפט פון ווערסייל און האָט געשלונגען אין זיין קינדהייט שאטאָבריאַנ'ס באשרייבונגען פון דער רייכער לאַנדשאַפט פון צפון-אַמעריקא, שטעלט ער אַנטקעגען דער ארומגעשאָרענער, ארומגעפּוצטער סימעטרישקייט פון ווערסיילער פּאַרק די וועלדער פון דער נייער וועלט, און ער שרייט אויס: „מיר ווילען ניט פרעגען, וואו איז גלאַנץ און וואו איז שעהנקייט, נאָר איינפאַך: וואו איז אָ ר ד נ ו נ ג און וואו איז א ו מ אָ ר ד נ ו נ ג?" ער פאַרשטעהט איצט, אז רעגעלמעסיגקייט באַציהט זיך בלויז אויף דער אויסערליכער פאָרמע פון די זאַכען, בעת אָרדנונג ריהרט אָן זייער סאַמע תוך, און איז א רעזולטאַט פון א האַרמאָנישער אַראַנזשירונג פון זייערע אינערליכע עלעמענטען. „א שרייבער איז ניט קלאַסיש — זאָגט ער — ווייל ער געהט נאָך ש ק ל א פ י ש די שפּורען, וואָס אַנדערע האָבען איבערגעלאָזען אויפ'ן וועג".

מיר האָבען אַלזאָ נאָכגעפאָלגט הוגאָ טריט ביי טריט מיט דעם שטעג, וואָס האָט איהם סוף כל סוף געבראַכט צו א ברוך מיט'ן פּרינציפּ פון אויטאָריטעט אין ליטעראַטור. עס איז קיין יאָהר ניט אַוועק, ווי ער וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם יאָך, נעהמט איבער די פיהרערשאַפט איבער דער ראָמאַנטישער שולע אין פראַנקרייך און פּראָקלאַמירט אין איהר ערשטען מאַניפעסט, אין דער פאָררעדע צו „קראָמוועל" (אָקטאָבער, 1827), אז עס איז דאָ אָן אָפּגעלעבטער רעזשים אין דער ליטעראַטור, פּונקט ווי אין דער פּאָ־

ליטיק, און אַז דער רעזשים דריקט, ווי אַ קאַשמאַר, אויף דער ברוסט פון יונגען דור: „די שלעפּע פון 18טען יאָהרהונדערט שטרעקט זיך נאָך ביז אונז, אָבער מיר, יונגע לייט, וואָס האָבען געזעהן נאַפּאָלעאָנ'ען, דארפען עס האַלטען פאר אן אומ'כבוד נאָכ־צוטראָגען אַ שלעפּע!" מערקען מיר דאָ, ווי אין פּולען ווידער־שפּרוך מיט דעם גייסט פון רעסטאַווראַציע, ברענגט ער נאַפּאָלעאָנען אַלס ביישפּיעל פון אַ באַפרייער. און ווייטער שרייבט ער וועגען „דער געשמינקטער, געפּודערטער און באַמאָלטער פּאָעזיע, וועגען דער ליטעראַטור מיט פּרענזולאָך און פּעלבעלאָך". ער צילעוועט זיין ערשטען קלאַפּ אין בואַלאָ.

ווי ניי, אין פאָרמע און אינהאַלט, לאַמארטין קומט ניט פאָר, באַהאַלט ער דאָך פּיעלע פון די קלאַסישע באַפּוצונגען. ער האָט ניט ליעב די „לירע", און טראָצדעם באַנוצט ער זיך אָפט מיט דעם סימבאָל אין זיין פּאָעזיע, און ער קלייבט גיכער אויס אַבסטראַקטע אידעען, איידער קאָנקרעטע זאַכען פאַר זיינע טעמען.

וויקטאָר הוגאָ איז דערווייל נאָך כמעט פּונקט אַזוי פאָר־זיכטיג. „אָנגענומען, אַז עס איז ניצליך און אַמאָל אויך נויטיג — שרייבט ער — אָפּצופרישען איינינע אָפּגעניצטע אויסדרוקען, צו באַנייען איינינע אָפּגעטראָגענע פראַזען און אפשר אויך צו פאַר־שעהנערן אונזער פערז דורך אַ קלינגענדיגען מעטר און אַ ריינערן גראַם, קען אָבער ניט גענוג אָפט דערמאָנט ווערן, אַז ביי דעם מוזען זיך אָפּשטעלען אַלע אויסבעסערונגס־פּאַרזוכען. יעדע ניי־איינפיהרונג, וואָס שטימט ניט מיט דעם נאַטירליכען אקצענט פון אונזער מוטער־שפּראַך און מיט איהר איינגעבאָרענעם גייסט, מוז באַטראַכט ווערן אַלס אַן אַטאַקע אויף די גרונד־געזעצען פון גע־שמאַק".

ער האַלט נאָך ניט פאַר דערלויבט צו בייטען דעם ריטם אין אַ ליעד, אָדער צו בייטען דעם פּלאַץ פון דער צעזורע, אָדער איבּ־בערצוטראָגען אַ פראַזע פון איין שורה אין דער אַנדערער (אַלע אַזעלכע ענדערונגען, וואָס שפּעטער וועט ער פאַרטיידיגען). אין זיינע „אָדען" האַלט ער זיך נאָך ביים אַלטען פּאָעטישען עטיקעט. ער נעברויכט ניט, צום ביישפּיעל, דאָס וואָרט ק אָ נ ו ו ע נ ט, נור ס ע נ אַ ט; ער זאָגט אויך ניט איינפאַך ש אַ ל, נור

דאָס גע װ ו ע ב, אָדער אוצר פון קאַשמיר, א. ז. װ. ער מאַכט נור אַ פּאָר ציטערדיגע פאַרזוכען צו ענדערן דעם מעטר, כדי אַ האַרעלע צו פאַרגרינגערן דעם אָדען־סטיל, װאָס על פּי טראַדיציע דאַרף ער זיין שטייף, שװער און אָנגעצויגען. אָבער אין גיכען װעט ער װערן אַ דרייסטער רעפאָרמער.

דער פּאָעטישער עטיקעט איז באַשטאַנען אַט אין װאָס: עס האָט עקזיסטירט אַ קליינע קאָלעקציע פון פיינע, איידעלע אויסדרו־קען, פון אָפּגעקליבענע װערטער — די אויסדערװעהלטע, אַזוי צו זאָגען, די מיוחסים פון דער שפּראַך, — און זיי אַליין האָבען געהאַט דעם צוטריט אין דער פּאָעזיע. די פּאָעטען פלעגען ניט זאָגען זעבעל, נור שװערט; פלעגען ניט זאָגען סאָלדאַט, נור קריגער, און זיי האָבען קיינמאָל ניט דערמאָנט אַזעלכע זאַכען, װי ביקס און מעסער. פּונקט װי די דענישע פּאָעזיע האָט פאַר אַ לאַנגע צייט נור געקענט ראָזען, ליליען, פיילכען, לאַנדישען און העכסטענס נאָך אַ טוצענד פאַרטרעטער פון דער גאַנצער בלומען־װעלט. דער פּועל יוצא דערפון איז געװען, אַז די צאָהל װערטער פאַר'ן פּאָע־טישען געברויך איז געװען ביז גאָר באַגרענעצט, און גראַמען־פאָרלאַך איז געװען ניט מעהר װי אַ צװיי־דריי הונדערט; דיזעלביגע אויס־דרוקען, װאָס האָבען כסדר זיך געמוזט װידערהאָלען, פלעגען אַרויס־רופען געננוי דיזעלביגע געדאַנקען און גענוי דיזעלביגע געפיהלען. די פּאָעטישע שעהן־רעדנעריי פון יענע טעג לאָזט זיך גאַנץ גוט צוגלייכען צו דער פּאַסטאָרישער שעהן־רעדנעריי, װאָל קלינגט נאָך היינט צו טאָג פון אַלע קירכען בימות פון דער װעלט. „ערהאַבען" איז געװען די באַצייכנונג פאַר דעם דאָזיגען סטיל אויף שטאָלצען, פאַר דעם דאָזיגען פּאַראַד פון אָנגעבלאָזענע װערטער, װאָס האָבען גערעדט װעגען זאַכען, װי װייט מעגליך אויסהיטענדיג זיך אָנצו־רופען די זאַכען ביי זייערע אמת'ע נעמען — און גערעדט אגב װע־גען אַזעלכע זאַכען, װאָס דערמאָנען אַזוי װעניג װי מעגליך דעם מענשען װעגען זיין ערדישער נאַטור, װעגען דער מאַטעריעלער זייט פון זיין עקזיסטענץ. איין רעזולטאַט דערפון איז געװען, אַז אָנצורופען אַ פּשוט'ע זאַך פּשוט, ניט פאַרשטעלטערהייד, אין אַ װערק, װאָס האָט פּרעטענדירט אויף הויכען סטיל, האָט געהייסען ריזיקירען צו זיין קאָמיש. װען לעבראַנ'ס „סוד" איז געשפּיעלט

געוואָרען, איז דאָס וואָרט „שאמבר" (קאַמער) אויפגענומען גע-
וואָרען פון פּובליקום מיט אַ מורמעל פון אומצופרידענהייט. דאָס
דערקלערט אייך, ווארום די פּראָבע אריינצופיהרען שעקספּיר'ען
אין פראנקרייך — די פּראָבע איז געמאכט געוואָרען גלייכצייטיג
מיט די ערשטע עקספּערימענטען אין ראָמאנטישען סטיל — האָט
ארויסגערופען ממש אַ מהומה. עס איז באקאנט, אַז ווען „אָטעלאָ"
איז צום ערשטען מאָל, אין דער איבערזעצונג פון אלפרעד דע־
וויני, אויפגעפיהרט געווארען אין „אָדעאָן" — דאָס הייסט, פאר אַ
פּובליקום פון סטודענטען, אַ פּובליקום, וואָס האָט אַם ווינציגסטען
אָפּשיי פאר שטאַט און עטיקעט — איז די פּיעסע אויסגעפייפט
געוואָרען, ווייל דאָרט באגעגענט זיך דאָס וואָרט „טאַשענטוך".

גראַף אלפרעד דע־וויני, געבאָרען אין יאָהר 1797, האָט באַ־
לאַנגט צו אַ פּאַריזער פאמיליע פון אַלטען יחוס און איז דערצויגען
געוואָרען צו ווערן אַ טרייער אונטערטאַן פון קעניגטום פון גאָט'ס
גנאדען. אָבער זייט 1814, ווען ער איז אריינגעטראָטען אלס לייי־
טענאַנט אין דער ארמעע פון לואי דעם 18טען, האָט ער גענומען
שנעל זיך אנטוויקלען אין איינער פון די סימפּאַטישסטע און
אומאָפּהענגיגסטע פּערזענליכקייטען פון זיין צייט. אין פּאַר־
שיעדענע צווייגען פון דער ליטעראַטור איז ער געווען דער יע-
ניגער, וועלכער האָט געמאכט דעם ערשטען שריט אין דער נייער
ריכטונג, און הוגאָ דער יעניגער, וועלכער האָט איהם נאָכגעפאָלגט.
פריהער פאר הוגאָ האָט ער אָנגעשריבען אַ היסטאָרישען ראָמאַן
אין גייסט פון וואלטער סקאָט (סענק־מארס, 1826), פריהער פאר
הוגאָ האָט ער געלאָזט אויפפיהרען אַ פּיעסע (די באריהמטע אי־
בערזעצונג פון „אָטעלאָ", אין 1829), וואָס איהר סטיל האָט אויפ־
גערודערט די ליטעראַרישע פראַנקרייך, און פריהער פאר הוגאָ האָט
ער אריינגעבראכט פריקייט און בויגינקייט אין פּאָעטישען פערז.
ער איז געווען דער קאָלומבוס פון דער נייער באוועגונג, און וויק־
טאָר הוגאָ דער אמעריגאָ וועספּוטשי, וואָס האָט דער נייער באווע־
גונג אַ נאָמען געגעבען.

עס דאַרף אונז ניט וואונדערן, אַז אין דער צייט, ווען אויטאָ־
ריטעט איז געריהמט און פּארטיידיגט געוואָרען פון אלע זייטען,
האָט הוגאָ אָנגעהויבען צופּאַסען זיך צו די עקזיסטירענדע ליטע־

ראַרישע כּללים. ניין, ער האָט טאַקי באמת געגלויבט, אַז די כּללים זיינען די ווירקליכע געזעצן פון פּאָעזיע און שפּראַך. מיט דער צייט אָבער האָט ער גענומען אָביסעל עקספּערימענטירען מיט זיי, אָביסעל זיי טרייסלען, אָביסעל אין זיי צווייפלען און אויסטייטשען זיי אויף זיין אייגענעם שטייגער, טוענדיג דאָס אַלץ מיט טיעף־סטען דרך ארץ, ביז עס איז געוואָרען איבער זיינע כּוחות זיי ווייטער אָפּצוהיטען און ער האָט די געזעצן געשטירצט. אין איינער פון זיינע פּאָעמען (באַטראַכטונגען", 1, 7), גיט ער אַ וויציגע באַשריי־בונג פון דער רעוואָלוציע, מיט וועלכער ער האָט געענדיגט:

„איך בין דער שרעקליכער, אומגעצאַמטער דעמאַגאָג, דער שטירצער פון אַלף־בית. לאָמיר אַ שמועס טאָן. זוען איך בין אַרויס פון גימנאַזיע, באַפרייט געוואָרען פון קאָמפּאָזיציעס, לאַ־טיינישע פערזען, אַ בלייכער, ערנסטער בחור'ל, וואָס וויל אַלץ פאַרשטעהן און וועגען אַלץ אַ מיינונג האָבען, האָב איך געוועגדט מיין בליק צו נאַטור און קונסט און איך האָב דערזעהן, אַז די שפּראַך פון אַדעל און די שפּראַך פון פאָלק זיינען ווי אַ בילד פון אַ קעניגרייך; פּאָעזיע איז די מאָנאַרכיע; איין וואָרט איז אַ הער־צאָג אָדער אַ פּער; דאָס אַנדערע אַ פּויער; די זילבען האָבען פּונקט אַזוי געקענט זיך אויסמישען, ווי פּאַריז און לאָנדאָן; אַזוי געהען פוס־געהער און רייטער איבער פּאָנט־נעוו, ניט אויסמישענדיג זיך; די שפּראַך האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם שטאַאַט ביז 1789; די ווערטער, הויך און נידריג־געבאָרענע, זיינען געווען צעטיילט אויף קאַסטען; איינע האָבען אָפּגעשטאַט וויזיטען ביי פּעדראַ, יאָקאָסטאַ און מעראָפּ, זיינען באַשיצט געווען פון געזעץ, זיינען אַרומגעפּאָהרען אין ווערסייל אין קעניגס־קאַרעטען; אַנ־דערע — אַ הויפען קבצנ'ישע הפקר־יונגען — האָבען געהאַט זייער וואוינאָרט אין דיאַלעקט; די דריטע האָבען געלעבט אויף קאַטאָר־גע, אין געביט פון זשאַרגאָן, זיך אָפּגעבענדיג מיט די געמיינסטע באַשעפטיגונגען; האָבען זיך אָנגעטאָן אין טראַנטעס, אָהן זאָקען און פּאַרוקען, און זיינען געווען ווי באַשאַפען פאַר פּראָזאַ און פאַרס... בי איך, דער מערדער, געקומען און איך האָב אויסגע־שריען: ווארום זאָלען איינע שטענדיג זיין אויבען־אָן און אַנ־דערע שטענדיג פון הינטען? און איך האָב געהייסען אַ רעוואָ־

לוציאַנערען ווינט בלאָזען אויף דער אַקאַדעמיע, דער אַלטער אור־אור־באָבעצע, וואָס וואַרעמט אונטער איהרע לייבלאַך פאַרצייטיגע טראָפּען, און איך האָב איהם געהייסען בלאָזען אויף די באַטאַליאָנען פון די שערענגעס אַלעקסאַנדריניִשע פערזען. איך האָב אָנגעטאָן א רויטע קעפּקע אויף'ן אַלטען ווערטער־בוך. ניטאָ מעהר קיין ווערטער־סענאַטאָרען! ניטאָ מעהר קיין ווערטער־פּלעבעען! איך האָב אויפגעהויבען א שטורם אין דער טיעפעניש פון טינטער, און צווישען די אַרויפגעשוואָומענע אויף דער אויבערפלאַך שאָטענס, האָב איך צו דער שוואַרצער מחנה ווערטער צוגעמישט א ווייסען געווימעל פון אידעען, און איך האָב געזאָגט: נידער מיט אַלע ווערטער, אויף וועלכע עס קען זיך ניט אַראָפּלאָזען אין איהר רייגעם פלוג אַן אידעע — אַן אידעע נאָך א פייכטע פון הימעל־בלוי! שווידערליכע ווערטער!"

אָבער הוגאָ, אַזוי לאַנג ער צווייפעלט נאָך, האָט נאָך די שטופּע ניט דערגרייכט. ער רופט נאָך זיין פּאָעזיע קאַוואַלערען־פּאָעזיע, און מיט דעם וואָרט, וואָס דערמאָנט די קעניגליכע רעסטאַווראַציע אין ענגלאַנד, שטעמפּעלט ער זיך אַלס פּאָעט פון דער קעניגליכער רעסטאַווראַציע אין פראַנקרייך. און דאָ שטויסט ער זיך אָן אויף א פעלז, וואָס לאָזט איהם ניט אַריבער: די רעליגיעזע און ליטעראַרישע טראַדיציעס ווילען ניט הויזען. דאָס פיהלט זיך באַזונדערס אין די באַלאַדען. הוגאָ רופט אָפּ די זכרונות פון מיטעלאַלטער און פעאָדאַליזם. וואָס קען זיין ראָיאַליסטישער? אָבער די קלאַסישע ליטעראַטור פון לואי דעם 14טענס עפּאָכע האָט פאַרוואָרפען דעם מיטעלאַלטער מיט זיינע זכרונות. אַלזאָ וואָס קען שוין זיין ווייניגער קלאַסיש? איינע פון די באַלאַדען (דער שבת-קאַראַהאָד) באַשרייבט דעם טאַנץ פון מכשפות, א צווייטע באַהאַנדעלט די סילפען און פעען; דער בונטער געמיש פון אַבערגלויבענס פון די אַלטע פאָלקס־לעגענדען בלישטשעט אויף — דער ראָמאַנטיזם איז נאָהענט. און אויך דער טאָן איז ווייט פון קלאַסיש; אין פראַנקרייך, ווי אין דייטשלאַנד און דענעמאַרק, פאַרבייט דעם סטיל פון דער פאָלקס־באַלאַדע דעם ווירדיגען ליטעראַרישען סטיל. נאָך מעהר: דאָ איז דאָ נאָך א נייער עלעמענט — פּאַטריאָטיזם („דער ריעז", „דער טורניר פון קעניג

זשאַן״) ; פון קלאַסישען פארצייטען ווענדט זיך די פּאָעזיע צו אַלט־פראַנקרייך. אויך אין דעם פּרט איז שאַטאָבריאַן געווען דער איניציאַטאָר ; זיין באַשרייבונג פון פארצייטינען גאַליען אין ,,די מאַרטירער״ איז געווען דער ערשטער שריט אין דער ריכטונג, און גלייך דער ערשטער פּאַרזוך האָט געבראַכט פרוכט ; ער האָט שטאַרק באַאיינפלוסט אַזאַ מאַן, ווי אויגוסטען טיערי, דעם קינפ־טיגען אויטאָר פון ,,צייטאַלטער פון מעראָווינגער״ (טיערי גיט דאָס אַליין צו). מיר קענען אַלזאָ מיט זיכערהייט זאָגען, אַז שאַטאָבריאַן האָט בכלל געגעבען דעם שטויס צו אַ מאַלערישערען, לעבעדיגערען היסטאָרישען סטיל. אפילו אָט דער פּאַטריאָ־טישער עלעמענט איז געווען ניי און פרעמד דער פראַנצוי־זישער פּאָעזיע, פאָלגליך איז דאָס אויך געווען אַ רעוואָלוציע נעגען דער טראַדיציע. און ווייטער : די אָפּפרישונג פון אַלטע פראַנצויזישע טעמען איז באַגלייט געווען מיט דער אָפּפרישונג פון אַלטען פראַנצויזישען פערזען־מאָס. אויך דאָ האָט שאַטאָ־בריאַן געוויזען דעם וועג מיט זיין רייצענדען ליעד פון עמיגראַנט, וואָס הויבט זיך אָן מיט די פּרעכטיגע שורות :

Combien j'ai douce souvenance
Du joli lieu de ma naissance!
Ma soeur, qu'ils etaient beaux, ces jours
De France!

(וויפיעל זיסע עראינערונג
ווענען לאַנד פון מיין געבורט !
שוועסטער מיין, ווי שעהן די טעג זיינען
אין פראַנקרייך !)

אַ ליעד, וואָס איז געזונגען געוואָרען אויפ'ן קליינעם פעלזען־אינ־זעל אין ים־בוזים פון סען־מאַלא, ווען מען האָט איהם געלעגט אין קבר אריין, וואָס ער אַליין האָט זיך אויסגעהאַקט אין שטיין. און די טענער פון די טעג פון ראָנסאַר און זיין פּלעיאַדע האָבען גלייכצייטיג אָפּגעקלונגען ביי אַלפרעד דע־וויני, די ברידער דע־שאַן, סענט־בעוו און הוגאָ.

אין מאי 1828 האָט אַלפרעד דע-וויני פארעפענטליכט פאָל־גענדע סטראָפען (אין „מאַדאַם דע־סוביז"):

"La voyez-vous croitre
La tour du vieux cloitre?
Et le ground mur noir
Du royal manoir?
Entrons dans le Louvre.
Vous tremblez, je croi,
Au son du beffroi?
La fenetre s'ouvre,
Saluez le roi.

(איהר זעהט ווי עס הויבט זיך
דער טורם פון אַלטען קלויסטער?
און די הויכע שווארצע מויער
פון קעניגליכען פּאַלאַץ?
קומען מיר אריין אין לואוור.
איהר ציטערט, דאַכט זיך,
ביים קלונג פון גלאָק?
א פענסטער עפענט זיך.
סאַלוטירט דעם קעניג!)

און אין יוני איז געקומען הוגאָ און האָט איהם איבערשטיגען מיט די וואונדערליכע פערזען פון „טורניר פון קעניג זשאַן":

Cette ville
Aux long cris,
Qui profile
Son front gris,
Des toits freles,
Cent tourelles,
Clochers greles,
C'est Paris!

(אט די שטאָדט
מיט'ן לאנגען געשריי,
וואָס הויבט
זיין גראָהען שטערן
פון לייכטע דעכער,
הונדערט טורמלאך,
שלאנקע קופלען —
דאָס איז פאריז!)

דער פערזוען־מאָס, די בילדליקייכט, די מעלאָדישקייט און די שארפקייט, וואָס צייכנען אויס אָט די פערזען, זיינען געווען עפּעס גאָר נייעס אין דער פראנצויזישער פּאָעזיע.

פון אָנפאנג האָט עס אויסגעזעהן, אז דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט האָט באַקומען א נייע און מעכטיגע שטיצע אין דער ליטעראַטור, ווען זי האָט ארייגגענומען אין זיך די קריסטליכע און מאָנארכיסטישע טראַדיציעס. די רעליגיעזע טראַדיציע האָט זיך צו־געטוליעט צו דער ליטעראַרישער און האָט זיך גענעהרט און גע־שטארקט פון איהר. אָבער באַלד האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז זיי קענען ניט לעבען בשלום, צווישען זיי איז א טיפער ווידערשפּרוך, וואָס אַלץ ווייטער האָט ער זיך אַלץ מעהר געגעבען צו פיהלען, ביז צולעצט דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט אין זיין ליטעראַרישער געשטאַלט איז ארויסגעזעצט געוואָרען און צוזעצט געוואָרען פון דעם נייעם גייסט. וועלכער האָט עס קענטיג געטאָן מיט דער אויפ־ריכטיגסטער כונה — צו פארזיכערען און צו באַפעסטיגען דעם פּראַקטישען, דאָס הייסט, דעם רעליגיעז־פּאָליטישען פּרינציפּ פון אויטאָריטעט.

אָבער באַלד וועלען מיר זעהן, אז דער פּראַקטישער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט האָט געהאַט דעמזעלביגען מזל, ווי דער טעאָ־רעטישער, ליטעראַרישער פּרינציפּ.*)

*) וויקטאָר הוגאָ — „אָדען און באַלאַדען"; „קראָמוועל". אַלפרעד דע־וויני — „געזאמעלטע ליעדער". עמיל דעשאַן — „ליעדער". אַנטאָני דעשאַן — „ליעדער". רענואר — „די טעמפּעל־ריכטער".

.12

די ירידה פון פראקטישער אויטאָריטעט.

לאַמענע'ס אונערליכער קאַמף ביז ער ווערט אַ גלח. — אַנערקענט ניט קיין שום אויטאָריטעט אין זיין אייגענעם לאַגער. — זיין ווערק „גלייכגילטיגקייט צו רעליגיע” רופט ארויס שטורמדיגע פּאָלעמיק. — לאַמענע'ס שכל'דיגע פּרינציפּען אין קאָנטראַסט צו שליוערמאַכער'ס געפיהלס־לעהרען. — זיין פּראָגראַם פון ריינער אויסערליכקייט. — ווי די שטיצער פון פּרינציפּ פון אויטאָריטעט פיהרען מלחמה געגען זייער אייגענעם פּרינציפּ. — לאַמענע'ס טראַגישע רייזע נאָך רוים. — ווערט באשולדיגט פונ'ם פּאַפּסט אַלס אַפּיקורס.— קומט צו דער אידעע פון פאַרהעלטניסמעסיגקייט. — זיין באקעהרונג צו דעמאָקראַטיע. — קיין צלם איז נאָך ביז היינט ניטאָ אויף זיין קבר.

אין אַ נעפּעלדיגען פינסטערען טאָג, אין פעברואַר 1854, האָט אַ קליינע גרופּע פריינד באַגלייט צו אַ פּאַריזער בית־עולם דאָס ערדישע פון איינעם פון די באַריהמטעסטע מענער פון פראַנקרייך. די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגען צווישען צוויי רייהען סאָלדאַטען, וואָס זיינען געשיקט געוואָרען ניט כדי אָפּצוגעבען דעם לעצטען כבוד דעם פאַרשטאָרבענעם, נאָר כדי אויפצוהאַלטען אָרדנונג. די לויה האָט זיך אָפּגעשטעלט אין „אַרימאַן'ס פעלד”. אַזוי איז געוועזען דעם פאַרשטאָרבענעמ'ס וואונש. ווען די ערד האָט פאַרדעקט דעם אָרון, האָט דער קברות־מאַן געפרעגט: „איז קיין צלם ניטאָ?” — „ניין” — איז דער ענטפער געוועזען.

קיין מאָנומענט ווייזט ניט אָן, וואו דער מת איז צו קבורה געבראַכט געוואָרען, הגם זיין נאָמען איז באַקאַנט געווען איבער גאַנץ אייראָפּאַ, און קיין צלם איז נאָך עד היום ניטאָ איבער'ן קבר, הגם ער איז געוועזען אַן אַבאַט און אַ גלח, און דערצו נאָך פאַר אַ לאַנגע צייט אַ באַוואוסטער קעמפער פאַר דער קירך. דאָס איז געוועזען לאַמענע, וואָס האָט אין זיין צוואה זיך געהייסען מאַכען אַזאַ לויה.

פעליסיטע דע-לאַ־מענע (ערשט אויף זיינע עלטערע יאָהרען האָט ער זיין נאָמען צוגעגעבען אַ דעמאָקראַטישערע פאָרמע) איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 1782 אין סען־מאַלאָ; ער איז אַלזאָ, ווי שאַטאָבריאַן, געווען אַ ברעט׳אָנער; און די עקשנות פון זיינע לאַנדסלייט איז געווען איינגעבאָרען אין זיין כאַראַקטער. די ברעטאַנער שרייבער בילדען אַזוי צו זאָגען די וואַנדעע פון דער ליטעראַטור; מיט דער פען פיהרען זיי ווייטער דעם קאַמף, וואָס זייערע פאָטערס האָבען געפאָכטען מיט וואַפען.

אַלס יונגערמאַן איז לאַמענע געווען איידעל און מאָגער און פון אַ פיבעריש־לעבעדיגען טעמפּעראַמענט. גאַנץ פריה האָט ער פארלאָרען זיין מוטער, און ער איז געוואָרען נאָך פאַרביסענער, איינגעשפּאַרטער, ווי געוועזן. ער האָט לאַנג זיך גע׳ישוב׳ט ביז ער האָט זיך אויסגעקליבען דעם באַרוף פון אַ גייסטליכען. אין זיין יוגענד האָט ער זיך פיעל אָפּגעגעבען מיט מוזיק און מאַטע־מאַטיק, האָט געשפּיעלט אויף דער פלייטע און זיך געלערענט פעכטען מיט פאַרשיידענע וואַפען. ער האָט געהאַט אַן ערנסטען דועל, וואָס דאָס האָט זיך ארויסגעשטעלט שפּעטער פאַר אַ שטער אין זיין קאַריערע, האָט געהאַט ליעבעס־אַפערען און געשריבען פּאָעזיע. פאַר אַ מוסטער וועלען מיר דאָ געבען דעם אינהאַלט פון זיינעם אַ יוגענדליכען ליעד:

„עס קומט אָפט אוים צו זעהן מענער, וואָס זיינען אייפער־זיכטיג אויף זייערע לייכטזיניגע פרויען; מען זעהט זיי אפילו אין פאַריז... אָבער דיין מאַן, טייערע, איז ניט אַזעלכער! מען זעהט אויך באַשיידענע פאַרליעבטע בחורים, וואָס בעטלען אַ שמייכעל, ווי אַ חסד פון הימעל... אָבער דיין געליעבטער, טייערע, איז נים אַזעלכער!...״

ער האָט אַזאַ קנאַפּען אינטערעס געהאַט פאַר די מצוות פון דער קאַטוילישער אמונה, אַז ער האָט זיין ערשטען סאַקראַמענט ניט גענומען ביז צו זיין 22טען יאָהר; ערשט דאַן האָבען זיך זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען געשטעלט... נאָכדעם אָבער נעמט ער שטודירען טעאָלאָגיע, און אין 1808, אין עלטער פון 26, לאָזט זיך אָפּגאָלען דעם קאָפּ, גרייטענדיג זיך צו פריסטערשאַפט. אָבער ווען דער מאָמענט פון דער איינווייהונג האָט זיך דערנעהנטערט,

האָט איהם אָנגעכאַפּט אַזאַ גרויל פֿאַר דעם נדר, וואָס ער וויל נעהמען אויף זיך, אַז ער האָט אַלץ אָפּגעלעגט און אָפּגעלעגט דעם לעצטען שריט, און ער איז קיין פֿולער גלח ניט געוואָרען ביז צו זיין 35טען יאָהר. זיינע בריף פֿאַר די אַלע יאָהרען דערצעהלען וועגען דעם איינערליכען קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין איהם; זיין שטאָלץ הארץ האָט געצאַפּעלט און געציטערט ביי דעם גע־דאַנק, אַז ער דאַרף איבערגעבען די דעה איבער זיך אין פֿרעמדע הענד. און עס איז ניט בעסער געוואָרען מיט איהם, ווען אַלץ איז געווען אריבער און דער ניט אָפּצורופּענדער נדר איז געגעבען גע־וואָרען. דער ערשטער בריף, וואָס ער שרייבט צו זיין ברודער נאָך דער געפֿירכטעטער סמיכה־צערעמאָניע, צו וועלכער ער האָט צו־געשטימט נאָך לאַנגע איינריידענישען, גיט אַ פֿינסטערע באַשריי־בונג פֿון זיין געמיטס־צושטאַנד:

„הגם זיי האָבען מיך פֿאַרפּליכטעט צו שווייגען, גלויב איך דאָך, אַז עס איז רעכט און דערלויבט, איך זאָל דיר איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אויסשרייבען, ווי עס האַלט מיט מיר אויף צו׳נ׳אמת׳ן. איך בין זעהר און זעהר אומגליקליך, און אַנדערש קען שוין מיט מיר ניט זיין. זיי מעגען טענה׳ן וואָס און וויפֿיעל זיי ווילען, פּשט׳לען אהין און פּשט׳לען אהער, און פּרואווען מיך איבעררעדען, אַז עס איז ניט אַזוי, אָבער עס איז די מינדעסטע וואהרשיינליכ־קייט ניטאָ זיי זאָל געלינגען מיך צו איבערצייגען, אַז דאָס וואָס איך ביהל, פֿיהל איך ניט. דער איינציגער טרייסט, וואָס איך קען אָננעהמען, איז די ביליגע עצה צו מאַכען פֿון אַ נויט אַ טוגענד... אַלץ, וואָס איך וויל איצט, איז פֿאַרגעסען, אין פֿולען זין פֿון וואָרט. הלואי טוט גאָט אַ נס און איך פֿאַרגעס מיך אַליין!״

מיט אַזעלכע וועהען איז דאָס געבאָרען געוואָרען לאַמענע׳ס גלויבען אין זיין רעליגיעזען באַרוף. ער האָט געמוזט בייקומען זיין פֿאַרצווייפֿלונג; ער, פֿאַר וועמען עס איז געווען אַ נויטווענ־דיגקייט, וואָס ער זאָל ניט זיין, צו זיין עס מיט דער גאַנצער נשמה — אפילו ווען דאָס זאָל זיין דער היפּוך פֿון דעם, וואָס ער איז פֿריהער געווען — איז געוואָרען מיט דער גאַנצער נשמה זיינער אַ פּריסטער. און אַזוי דורך און דורך פּריסטער האָט ער זיך געפֿיהלט, אַז זיין ערשטער בייזער אויסגעשריי, ווען רוים האָט

אין 1832 איהם איבערגעלאָזען מיט א נאָז, איז געווען: „איך וועל זיי ווייזען, וואָס הייסט זיך אָנהויבען מיט א פריסטער!" ער האָט געהאַט א שטאַרקען כאַראַקטער און א שמאָלען פאַרשטאַנד; ער איז געווען א געבאָרענער פאַרטיי־מאַן; עס איז געווען אין זיין טבע בלינד און האַרטנעקיג איינצושטעלען זיך פאַר איין צד, צו פאַרטיידיגען, וואָס ער האָט אין דעם מאָמענט געהאַלטען פאַר אַבסאָלוט רעכט, מיט ליידענשאַפטליכער ליעבע, מיט באַרעדעוודיגער שנאה. דערפאַר, ווי נאָר די הערשענדע אידעע פון זיין עפּאָכע האָט איהם באַוועלטיגט, ווערט ער איהר שטייפסטער פאָרקעמפער — דער הייסטער, קאָנזעקווענטסטער, אויפריכטיגסטער און אומדערשראָקענסטער מליץ יושר פאַר דעם טיראַנישען פרינציפּ פון אויטאָריטעט און פאַר אומבאַדינגטער נעהאָרכזאַמקייט, וואָס דער דאָזיגער פרינציפּ פאַרלאַנגט. דער מאַן, וועלכער אויסליפערענדיג זיין פאַרשטאַנד און ווילען צו דעם ווילען פון דער קירך האָט געליטען אַזעלכע נסיסה־יסורים, דער איינציג אמת'ער כהן פון דער נײַ־קאַטוילישער שולע, האָט ווי ניט פאַרגונען אַנדערע די פּריווילעגיעס, וואָס זיינען איהם ניט באַשערט געווען. ווען ער פּראָקלאַמירט, אין א שפּראַך פון איינגעהאַלטענעם שטורם, דאָס עוואַנגעליום פון אויטאָריטעט און אונטערוואַרפונג, פיהלען מיר ביי איהם, מעהר ווי ביי עמיצען אַנדערש, אז א פּערזענליכע עולה זוכט דאָ זיך נוקם צו זיין מיט א שאַרפער, שניידענדער פאָדערונג צו אַלעמען; פיהלען מיר, אז דער איך, וואָס איז געצוואונגען געווען איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך אונטערצוגעבען דער אויטאָריטעט, געפינט באַפרידיגונג אין בויגען און אונטערטעניג מאַכען די ווילענס און געדאַנקען פון אַנדערע צו דעם צוואַנג, מיט וועלכען ער האָט זיך איינגעלעבט.

איינגענזיניג, אומאָפּהענגיג ביז צו עקשנות, מיט א שאַרפער פּען און צונג, האָט לאַמענע אין גרונד גענומען ניט אַנערקענט קיין שום אויטאָריטעט אין זיין אייגענעם לאַגער. זיינע באַמערקונגען וועגען די אַנדערע פיהרער פון דער שולע גיבען אַן אינטערעסאַנטע קאָלעקציע פון שטעכווערטלאַך. וועגען באָנאַלדען, צום ביישפּיעל, שרייבט ער: „די אָרימע מענשהייט! מאָדנע, ווארום ביים וואָרט „מענשהייט" קומט מיר אויפ'ן געדאַנק מאָסיע דע־

באַנאַלד. עס איז אַ שפּרונג אַביסעל. מען זאָגט מיר, אַז דער אָרימער איז לעצטענס געוואָרען אַ פאַלשטענדיגער עובר בטל". וועגען שאַטאָבריאַנען: „דער קעניג און ער, ער און דער קעניג — דאָס איז די גאַנצע געשיכטע פון פראַנקרייך... קיינער קען זיך ניט פאָרשטעלען — און ער אודאי ניט — ווי אַזוי אייראָפּאַ וועט זיך באַגעהן אָהן זיינע טאַלאַנטען. ער פיהלט, אַז מיט אייראָפּאַ וועט זיין זעהר טרויעריג".

וועגען פרייסינו, וועלכער אלס פיהרער פון דער גאַליקאַנישער פּאַרטיי אין דער קירך איז געוועזען זיין געגנער, דריקט ער זיך אויס: „איהר רופט איהם דער מעכטיגער. וואָרום? ווייל איהר מערקט עפּעס קאַלטעס אין איהם, וואָס איהר נעהמט אָן פאַר מע־סינקייט. אָבער אין דער אמת'ען איז דאָס גאָר פאַרפראָרענע שנאה".

דאָס איז דער טאָן פון לאַמענע'ס בריף. דאָך, אין זיין האַס־טיגען, ווילד־אימפּעטיגען, אום ניט צו זאָגען, ווילדען כאַראַקטער, איז אויך געווען געווען נענוג האַרטער שטאָף צו מאַכען פון איהם אַן ערשט־קלאַסיגען קעמפּפער פאַר דער אַבסאָלוטער אויטאָריטעט פון דער קירך — און אַזאַ איינער איז ער אויך געווען, ביז דער קריזיס איז געקומען — אַ קעמפּפער, וועלכער האָט גיכער געקענט צווינגען אַנדערע צו דיסציפּלין ווי צווינגען זיך אליין צו האַנדלען געגען זיין עהרליכער איבערצייגונג.

אין 1808 האָט ער פאַרעפענטליכט זיינע „געדאַנקען וועגען דער לאַגע פון דער קירך אין פראַנקרייך", אַ ווערק, וואָס איז אונ־טערדריקט געוואָרען פון נאַפּאָלעאָנען. דעם אומקעהר פון די בור־באָנען האָט ער באַגריסט מיט ענטוזיאַזם. דאָך באַריהמט איז ער נאָך ניט געוואָרען. אָבער צווישען 1817 און 1823 האָט ער פאַר־עפענטליכט באַנד נאָך באַנד אַ ווערק, וואָס האָט געהאַלטען די מוחות אין שטענדיגער אויפרעגונג און האָט אַרויסגערופען אַ שטורמדיגע פּאָלעמיק; צווישען צווייטען און דריטען באַנד איז ער געצוואונגען געווען צו נעהמען זיך פאַר דער פען, כדי אָפּ־צואוועהרען פערזענליכע אַנגריפען. דאָס ווערק האָט געהייסען: „אַן אָפּהאַנדלונג וועגען גלייכגילטיגקייט אין ענינים פון רעליגיע". דאָ האָט די רעסטאַווראַציע צונויפגענומען אַלע איהרע כחות פאַר

דער לעצטער אנטשיידענער שלאכט. מיר געפינען דא די פיהרענדע פרינציפען פון דער עפאכע אויסגעדריקט מיט אזא ענדגילטיגקייט און אומדערשראקענקייט פאר די קאנזעקווענצען, וואס האט באשיינפערליך געוויזען, אז די איבערקעהרעניש קומט.

דאס בוך, מיט זיין טענדענץ און אפילו מיט זיין טיטעל, בעט זיך אויף א פארגלייך מיט דעם ווערק, וואס האט איינגעפיהרט די רעליגיעזע אויפלעבונג אין דייטשלאנד אין אנהויב פון 19טען יאהרהונדערט. מיר מיינען שלייערמאכער'ס באריהמטע „ריידעס איבער רעליגיע צו די געבילדעטע, וואס פאראכטען זי".ביידע ווערק ציעלען צו איין פונקט; זיי זוכען צו ווירקען געגען דער גלייכגילטיגקייט צו רעליגיע, געגען דער אפענער גרינגשעצונג פון רעליגיע, וואס האט געהערשט צווישען די געבילדעטע קלאסען. אזוי ווי דער גלויבען איז שוואך, מאכען ביידע א פארזוך צו באגרינדען רעליגיעזיטעט אויף נייע יסודות. אבער דער אונטערשייד אין דער נאציאנאליטעט פון די אויטארען לאזט זיך שטארק פיהלען אין דעם אופן, ווי יעדער פון זיי באהאנדעלט זיין פראבלעם.

דער געפיהלפולער הארציגער שלייערמאכער זעהט די איינציגע רעטונג פאר דער רעליגיע אין איהר פארפערזענליכונג: זי דארף באפרייט ווערען פון די אלע שאלעכצען, וואס זיינען אויף איהר אנגעוואקסען, און צוגעפיהרט ווערען צוריק צו איהר אינערליכסטען קערן, צו דעם ריין פערזענליכען ג ע פ י ה ל פון דעם יחיד. ער זוכט דורכצודרינגען צו דעם סאמע יסוד פון דער מענשליכער עקזיסטענץ, צו דער טיעפעניש, פון וועלכער עס קוועלען ארוים אי באוואוסטזיין אי האנדלונג, צו דעם מקור פון פערזענליכען לעבען. ער הייסט דעם לעזער זיך פרואווען פארשטעלען די אור-עמפינדונג פון דער נשמה, וואו „איך" און דער געגענשטאנד זיינען איינס, צונויפגעשמאלצען, און עס קען דארום קיין רייד ניט זיין וועגען עמפינדען דעם געגענשטאנד באזונדער און דעם „איך" באזונדער פון געגענשטאנד. און אט די אור-עמפינדונג שפירען מיר כסדר, און שפירען ניט, ווייל לעבען באשטעהט פון אט דער אייביג זיך אומקעהרענדיגער אור-עמפינדונג — פון איהרע אייביגע הפסקות און ווידער-ערשיינונגען. זי איז קוים

שפּירבאַר, פאַרשווינדענדיג, ווי דער ריח פון טוי־באַדעקטע בלו־מען און פרוכטען, צאַרט און לויטער, ווי דער קוש פון א יונג־פרוי, געבענשט און פרוכטבאַר ווי די אומאַרמונג פון א חתן; גיין, ניט ווי די אַלע זאַכען, נאָר זי איז די זאַכען, ווייל די אור־עמפּינדונג איז די הייראַט פון וועלט־אַל מיט דער פּערזאָניפיציר־טער פאַרנונפט; אין דער רגע פון דער אור־עמפּינדונג איז דער יחיד די נשמה פון דער וועלט, ער שפּירט דאָס אומענדליכע לעבען, ווי זיין אייגענס.

„דאָס — זאָגט שלייערמאַכער — איז דער שורש פון יעדער לעבעדיגער אור־קראַפט אין אייער לעבען, צו וועלכען געביטעט זי זאָל ניט באַלאַנגען, און פון דעם שורש וואַקסט אַרוים יעדער רע־ליגיעזער געפיהל". („רײדעס איבער רעליגיע", פינפטע אויפלאַגע, זייטען 50, 54, 56).

פון דעם שטאַנדפּונקט אַרוים האַלט שלייערמאַכער פאַר רע־ליגיעז יעדען געפיהל, אויף וויפיעל ער דריקט אויס די איינינקייט פון איך מיט'ן וועלט־אַל אין דעם אויבען־באַשריבענעם זין. „די געפיהלען און נאָר די געפיהלען טיילען פון זיך אַרוים די עלעמענ־טען פון דער רעליגיע". ער באַהויפּטעט, אַז עס איז קיין געפיהל ניטאָ, וואָס איז ניט רעליגיעז, סיידען דער געפיהל איז א פּראָ־דוקט פון א קרענקליכען, פאַרדאָרבענעם צושטאַנד. און ער גיט צו אין א באַמערקונג, אַז דאָס באַציהט זיך אויך אויף דעם געפיהל פון געשלעכטליכען און יעדען מאַטעריעלען גענוס, כל זמן ער איז ניט פאַרדאָרבען, ניט דערווידער דער נאַטור. ער מאַכט די רע־ליגיע פאַר דעם עצם פון יעדען אײדעלען, פון יעדען געזונטען געפיהל, זוכענדיג דערמיט זי אַרויסצוראַטעווען פון דעם ווידער־שפּרוך מיט דער וויסענשאַפט און קולטור.

ווי אַן אמת'ער דייטש, איז שלייערמאַכער פאַנטעאיסטיש: דער ברייטער לעבענס־שטראָם, וואָס פליסט דורך אַלע ברואים, איז דער הייליגער קוואַל פון פרומקייט און רעליגיע. ער וואָלט דאַרום ליבערשט אוועקגעמאַכט מיט אַלע פּאָזיטיווע רעליגיעזע סיסטעמען; אפילו דער גלויבען אין גאָט און אומשטערבליכקייט איז פאַר איהם ניט דער עיקר פון רעליגיע, און ער שרייט אויס מיט התפעלות: „לאָמיר אַראָפּנידערען אין דער שאָטען־וועלט און

עהרפורכטיג אָפּפערען אַ לאָק פאַר דער היילינער, פארשטויסענער נשמה פון ספּינאָזאַ. ער האָט דורכגעדרונגען דעם גרויסען וועלט-גייסט; דאָס אומענדליכע איז פאַר איהם געווען איינציג און אַלץ, דער וועלט-אַל זיין איינציגע און אייביגע ליעבע; מיט היילינער אומשולד און טיעפער עניוות האָט ער זיך אין איהם אָפּגעשפּיגעלט, און דער וועלט-אַל פון זיין זייט האָט אין איהם געפונען זיין שעהנסטע אָפּשפּיגלונג. ער איז פול געווען מיט רעליגיע און רוח הקודש״.

אפילו די אויפקלעהרונגס-עפּאָכע האָט ניט דערלאַנגט דער אַזוי גערופענער אָפענבאַרטער רעליגיע אַזאַ שווערען קלאַפּ, ווי שלייערמאַכער׳ס געפיהלס-לעהרע. שלייערמאַכער, ווי מיר זעהען, האָט אויפגעלעזט די רעליגיע אין געפיהל, און דערמיט האָט ער צושמעטערט די אויטאָריטעט, איבערענטפערענדיג זי אַ צוברעקעלטע צו דער און יענער מענשליכער נשמה, צו אַלע מענשליכע נשמות און זייער אומענדליכער פאַרשיידענאַרטיגקייט. אַלע כּללים, פאָרשריפטען, דאָגמען און פּרינציפּען פאַרשווינדען, ווען יעדער יחיד דאַרף אויף זיין אייגענעם שטייגער מאַכען אַלץ פאַר זיין אייגענס. ווייל שלייערמאַכער באַהויפּטעט, אַז „ווי פּערפעקט אַ מענש זאָל ניט פאַרשטעהן די פּרינציפּען, ווי פעסט ער זאָל ניט זיין איבערצייגט, אַז דאָס זיינען זיינע פּרינציפּען, אויב ער ווייס ניט און קען ניט באַווייזען אַז זיי זיינען געבאָרען געוואָרען אין איהם אַליין, אַלס אויסדרוקען פון זיין אייגענעם גייסטיגען לעבען, און זיינען דאַרום לכתחילה זיינע אייגענע, דאַרפען מיר בשום אופן זיך ניט לאָזען איינריידען, אַז אַזאַ מענש איז רעליגיעז. ער איז עס ניט; זיין נשמה האָט קיינמאָל ניט געטראָגען; זיינע רעליגיעזע אידעען זיינען בלויז אונטערגעוואָרפענע קינדער, די פרוכט פון פרעמדע נשמות, וואָס ער האָט אַדאָפּטירט בסוד פון זיין באַוואוסטזיין, אין דעם געפיהל פון זיין אייגענער אימפּאָטענץ״.

אַזוי טיעף פּראָטעסטאַנטיש (אין גוטען זין פון וואָרט, ניט אין קירכליכען) איז פון אָנהויב געווען די רעליגיעזע אויפלעבונג אין דייטשלאַנד. פ ע ר ז ע נ ל י כ ע אייגענאַרטיגקייט, דער אוממיטעלבאַרער געפיהל ווערט דערקלעהרט פאַר דעם גרונד-תנאי

פון רעליגיע, און אונטער רעליגיע ווערט ארונטערגענומען דער גאנצער ברייטער געביעט פון ווארם־אויפריכטיגען געפיהל. דער נאטירליכער, געזונטער געפיהל איז אלעמאל הייליג, קיינמאל ניט הייליג אין ספעציפיש קירכליכען זין.

אין א שארפען, כאראקטעריסטישען קאנטראסט צו דעם אלע־מען שטעהען די פרינציפען, וואס לאמענע האט ארויסגעבראכט אין זיין הויפט־ווערק. זיי זיינען דאס רומיש־קאטוילישע נעגענ־שטיק צו שלייערמאכער'ם לעקציעס. לאמענע'ס פרינציפען שטע־לען פאר מיט זיך א פראגראם פון ריינער אויסערליכקייט. דא זיינען זיי:

1. געפיהל אדער דירעקטע אנטפלעקונג איז ניט דער מיטעל, וואס דארף פארהעלפען דעם מענשען צו אמת'ער רעליגיע.

2. פארשונג אדער חקירה איז ניט דער מיטעל, וואס דארף פארהעלפען דעם מענשען צו אמת'ער רעליגיע.

3. אויטאריטעט איז יא דער מיטעל, וואס דארף פארהעלפען דעם מענשען צו אמת'ער רעליגיע; און פאלגליך די אמת'ע רעליגיע איז אהן ספק די יענינע, וואס שטיצט זיך אויף דער מעגליך שטארקסטער זיכטבארער (!) אויטאריטעט.

און כדי צו באווייזען אט די דריי מערקווירדיגע און משונה־דיגע באהויפטונגען האט דאס לאמענע געשריבען זיינע פיער דיקע בענד, וואס זייער מאגערע ארגומענטאציע ווערט דערטרונקען אין א ים פון פוסטע ווערטער. לאמיר זיך מיט איהר באקענען.

עס איז פון גרונד־וויכטיגקייט פאר אונז מענשען צו גע־פינען אן אומפעהלבארען קריטעריום פאר אמת און שקר. מיר זוכען געוויסהייט. אבער ווי געפינט מען זי?

מיר קענען זי ניט קריגען פון אונזערע חושים, ווייל די חושים נארען אונז, זאגט לאמענע. אז די חושים אלע צוזאמען פאר־ריכטען די פאלשע איינדרוקען, וואס יעדער פון זיי באזונדער באקומט — וועגען דעם מאכט ער זיך ניט וויסענדיג. אומזיכער־הייט וועגען דעם, צי עס איז פאראן א פעסטע שייכות צווישען די איינדרוקען פון אונזערע חושים און דער רעאליטעט פון די זאכען אויסער אונז, ווערט נאך גרעסער דורך דעם, מיינט ער, וואס מיר וויסען ניט אויף זיכער, צי מיר עקזיסטירען גאר. אבער אז מיר

זיינען ניט זיכער מיט אונזערע אייגענער עקזיסטענץ אפילו, ווי קענען מיר בכלל זיכער זיין מיט עפּעס? — די פראַגע לאָזט ער אומפאַרענטפערט.

די איבערצייגונג, דער אינערליכער געפיהל, אז א זאַך איז אזוי און ניט אנדערש, באהויפּטעט ער, איז פּונקט אזוי צווייפעלהאַפט, ווי די איינדרוקען פון אונזערע חושים. די אומווידערשטעהליכע קראַפט, מיט וועלכער א געוויסער פּרינציפּ דרענגט זיך ארויף אויף אונזער פאַרנונפט, איז פאַר לאַמענע קיין באווייז ניט, אז דער פּרינציפּ איז אמת. א טעות איז קיינמאָל ניט אויסגעשלאָסען. אז מען קען צוגעבען, אז טעות'ן בכלל זיינען מעגליך, און דאָך זיכער זיין מיט דעם אמת אין געוויסע באשטימטע פאַלען — דאָס נעהמט ער אויך ניט אין באטראַכט.

דערנאָך קומט די רייה פאַר דער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג, פאַר דער לאָגישער באווייז־פיהרונג. דאָס, פאַרזיכערט ער, פיהרט צום צווייפעל אין אלץ. וואָרים די העכסטע פּרינציפּען לאָזען זיך ניט באווייזען, און ווידער קענען מיר זיך ניט פאַרלאָזען אויף אונזער זכרון. עס איז אוממעגליך אָפּצושלאָגען לאַמענע'ס אטאַקע אויף דער וויסענשאַפטליכער מעטאָדע, ווייל עס איז נאַטירליך אוממעגליך צו באווייזען די צופאַרלעסיגקייט פון זכרון, ניט באנוצענדיג זיך ביי דעם באווייז מיט דער הילף פון זכרון, וואָס זיין צופאַרלעסיגקייט דאַרף ערשט באוויזען ווערען. דאָס מיינט, אז מיר דאַרפען אין פאָראויס אָננעהמען די זאַך, וואָס מיר ווילען באווייזען. א דירעקטער באווייז פאַר דעם זכרון דורך דעם עדות זאָגען פון זכרון גופא איז אוממעגליך. אָבער אז עס איז דאָ א ריעזיגער אינדירעקטער באווייז, אז דער גאַנצער סכום פון מענשליכער ערפאַהרונג זאָגט עדות פאַר דעם, אז אונזער זכרון איז קיין ליגנער ניט — וועגען דעם פאַרלירט לאַמענע קיין וואָרט ניט.

אויף אזא אופן דערנעהנט ער זיך צו דער פראַגע פון פאַלשטענדיגען צווייפעל. פאַרלויפיג באמערקט ער נאָר וועגען דעם, אז פאַלשטענדיגער צווייפעל וואָלט געפיהרט צו פאַלשטענדיגען משוגעת. דער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאַלטונג צווינגט אונז צו גלויבען און צו האַנדלען לויט אונזער גלויבען. און דאָס, וואָס

מיר קענען ניט צווייפלען; דאָס, וואָס מיר ווייסען, אז אויב מיר וועלען צווייפלען, וועלען אנדערע אונז באַטראַכטען פאַר אומ־ וויסענד אָדער משוגע — דאָס, לויט דעם אבבאָט'ס מיינונג, איז דער יסוד פון מענשליכער זיכערקייט. די מענשליכע איבעראיינ־ שטימונג — די אַלגעמיינע הסכמה — ווערט פאַר אונז דער סימן און זיגעל פון אמת; קיין אנדערע זיינען ניטאָ; אזוי גיך ווי די מיינונגען צוגעהען זיך, ווערען זיי גלייך אומזיכער. אַ פּרינציפּ אָדער אַ פאַקט איז אויף אזוי פיעל זיכערער, אויף וויפיעל מעהר צושטימונג אָדער גוטהייסונג דער פּרינציפּ אָדער דער פאַקט האָט; וועניגער צושטימונג און גוטהייסונג, וועניגער זיכער־ קייט. דערפון לאַמענע'ס דעפיניציע פון וויסענשאַפט: וויסענ־ שאַפט איז אַ זאַמלונג פון געדאַנקען אָדער פאַקטען, איבער וועלכע די מענשען זיינען מסכים. הגם ארויסגעהענדיג פון גאָר אַן אנדער שטאַנדפּונקט, געהט זיך לאַמענע צונויף מיט די ענגלישע פילאָ־ זאָפען-עמפּיריקער פון אַ שפּעטערער צייט אין דעם, וואָס אפילו פאַר אזאַ וויסענשאַפט, ווי געאָמעטריע, געפינט ער קיין אנדער פונדאַמענט ניט, ווי די אַלגעמיינע הסכמה. דער פאַקט, וואָס פיעלע וויסענשאַפטליכע טעות'ען זיינען אָנגענומען געוואָרען פאַר אמת, קומט, גלויבט ער, דערפון, וואָס די וויסענשאַפט איז נאָר צוגענגליך פאַר אַ קליינעם קרייז מענשען. וואָס, שרייט ער אויס, זיינען אַ פּאָר הונדערט געלעהרטע אין פאַרגלייך מיט דער גאַנ־ צער מענשהייט!

מאָדנע, ווי ער פאַרגעסט, אַז די מענשהייט האָט קיינמאָל ניט געגעבען איהר איינשטימיגע הסכמה אויף אַ וויסענשאַפט־ ליכען אמת, איידער די וויסענשאַפטסלייט האָבען איהם ענטדעקט. נאָך מעהר: פאַקטיש האָט די מענשהייט נאָך קיינמאָל ניט איינ- געשטימט וועגען אַ וואָסער עס איז אמת אָדער מיינונג.

לאַמענע פרעגט: ווען צוויי מענשען שטימען ניט איין, וואָס טוען זיי נאָכדעם, ווי זיי האָבען אומזיסט געפּרואווט איינער דעם אנדערען צו איבערצייגען? און ער ענטפערט: זיי אַפּעלירען צו אַ בוררים-געריכט. און וואָס איז אַ בוררים-געריכט? אויטאָ- ריטעט! און די אויטאָריטעט פּסק'ענט וועלכע פון די צוויי באַשטריטענע מיינונגען איז די זיכערערע, אָדער לכל הפּחות, די

וואהרשיינליכערע. דער פאקט, אז די ארגומענטען פון שכל, אלס אזעלכע, רופען נאָר ארויס צווייפעל, און דער פאקט, אז דער שטארקסטער באווייז געגען א וועלכער עס איז מיינונג איז אלעמאָל די טענה: „דו ביזט דער איינציגער, וואָס דענקט אזוי!" — די ביידע פאקטען ברענגען אונז ארויף אויף דעם פ ר י נ צ י פ פ ו ן א ו י ט אָ ר י ט ע ט, אלס דעם איינציג אמת'ען און ענדגילטיגען פרינציפ.

עס איז אויבען־אויף, אז לאמענע'ס טעאָריע פיהרט אונז לאָגיש צום שלוס, אז די ענטשיידונג פון דער מעהרהייט איז די מאָס פון אמת. אבער ווי מיר ווייסען, איז די לעצטע סטאנציע, וואוהין לאמענע קירעוועט, זיין טעאָריע, איז די קאטוילישע רעליגיע. איז אלזאָ אינטערעסאנט צו זעהן, מיט וועלכע שפרונגען און מאַנעווערעס דער פרינציפ פון אויטאָריטעט, ווי ער ווערט פארשטאַנען פון לאמענע — אלס די הסכמה פון דער מאיאָריטעט, ברייננט אונז אין די ארמס פון דער קירך.

לאמענע הויבט אָן דערמיט, וואָס ער דעפינירט וויסען, פארשטעהן און לערנען אלס געהאָרכזאמקייט צו אויטאָריטעט. דאס איז דאסזעלביגע, וואס באנאלד'ס טעאָריע וועגען דער שפראך, אז מיר נעהמען אָן די שפראך אין גלויבען, פארלאָזענדיג זיך אויף דער אויטאָריטעט פון די יעניגע, וואס לערנען אונז, און מיר נעהמען זי אָן צוזאמען מיט די אמת'ן, וואָס זיינען נויטיג פאר אונזער זעלבסט־דערהאלטונג, די אמת'ן, וואָס גאָט האָט אנפלעקט אין זיין אלמעכטיגען וואָרט (ד. ה. אין דער שפראך) צו יעדען פאלק אויף דער ערד. אונזער גייסטיג לעבען, ו ו אָ ס ז י י ן ג ע־ ז ע ץ א י ז ג ע ה אָ ר כ ז א מ ק י י ט, איז אויב אזוי ניט מעהר און ניט ווייניגער אונזער מיט־שותפות צו דער העכסטער פארנונפט, אונזער פולע צושטימונג צו דעם עדות זאָגען פון דעם אומעגליכען וועזען וועגען זיך אליין. די געטליכע פארנונפט, וואָס ווערט אונז מיטגעטיילט דורך דער שפראך, איז די ערשטע סבה פון אונזער עקזיסטענץ, אלס פארנונפטיגע וועזענס, און גלויבען איז דער נויטווענדיגער אופן פון אונזער עקזיסטענץ. דער פרינציפ פון אמת און דער פרינציפ פון לעבען זיינען איינס.

אזוי ווי די מענשהייט איז באשאפען פאר'ן אמת, קען די אר־

גיווערסאלע, אלמענשליכע פארנונפט קיין טעות ניט מאכען. אנ־דערש איז די פארנונפט פון יחיד, וואס קען באוועלטיגט ווערען פון צווייפעל. ווען זי טיילט זיך אָפּ פון דער געזעלשאפט, שטארבט זי. „וועה צו דעם איינזאמען!" (Vae Soli) — שרייט אוים לאמענע. דער שטאָלצער מענש בילדעט זיך איין, אז ווען מען פארלאנגט פון איהם, אז ער זאל זיך בויגען פאר דער אויטאָ־ריטעט, פארלאנגט מען פון איהם ער זאל זיך אפזאגען פון זיין פארנונפט. עס הויבט זיך ניט אָן! אויטאָריטעט איז א פשוט אוניווערסאלע פארנונפט; פארנופט, וואס אנטפלעקט זיך דורך עדות. „זי באלעבט און האלט אויף דעם וועלט־אל, וואָס זי האָט באשאפען . אהן איהר איז קיין עקזיסטענץ, קיין אמת, קיין ארד־נונג".

אויטאָריטעט אליין, אלזא, גיט אונז זיכערהייט און געוויס־הייט וועגען רעליגיע. „רעליגיע איז ניט נאר א לעהרע, ניט נאָר א סיסטעם פון וויסען — זי איז אויך און אין תוך גענומען געזעץ". אָבער עס קען קיין געזעץ ניט זיין אָהן אויטאָריטעט; דיביידע באגריפען זיינען ענג פארבונדען. רעליגיע מוז אויף אזא אופן אומבאדינגט זיך שטיצען אויף אויטאָריטעט — די אמת'ע רעלי־גיע — אויף דער העכסטער אויטאָריטעט". די העכסטע אויטאָרי־טעט ווערט דעפינירט אלס „די פארקערפערונג פון די געזעצען, וואָס פליסען ארוים פון דער נאַטור פון די פארנינפטיגע וועזענס"; און, פאלגליך, אום די געזעצען צו דערקענען, מוזען מיר אנקומען צו אויטאָריטעט.

לאָמיר נאָכפאלגען דעם פארבינדענדען פאדים פון דער דאָ־זיגער נעץ פון פארפלאָכטענע, פארפלאָנטערטע געדאנקען, אפשר וועט אונז געלינגען זיי אויסצופלאָנטערען און צעפלעכטען, און די נעץ פארנאנדערצוואוויקלען.

דער פאדים לויפט אזוי:

די פארנונפט קען זיך נאָר אנטוויקלען מיט דער הילף פון דער שפראך, וואָס איז איהר עדות און באשטעטיגונג. אָבער דעם עדות קען מען נאָר געפינען אין געזעלשאפט. פאלגליך, קען נאָר דער מענש לעבען אין געזעלשאפט. פאָלגליך, האָט געמוזט זיין געזעלשאפט, פארקער צווישען גאָט און ערשטען מענשען.

(מערקט דאָ די ניט דערוויזענע, גרונדלאָזע באַהויפּטונג, אַז אדם האָט עקזיסטירט, וואָס דאָס איז דאָסזעלבע, וואָס באַנאַלד'ס לעהרע, אַז גאָט האָט געגעבען אדם'ען די שפּראַך. אַנדערש גע־רעדט, די אויטאָריטעט פון דער אַזוי גערופענער אָפענבאַרטער רע־ליגיע ווערט גענומען פאַר אַ באַווייז, אַז די אַזוי גערופענע אָפענ-באַרע רעליגיע רוהט אויף אויטאָריטעט).

די נויטיגקייט פון עדות ברייננט מיט זיך די נויטיגקייט פון גלויבען, אָהן וואָס דער עדות האָט קיין ווערט ניט. פאָלגליך, ליגט גלויבען אין דער סאַמע נאַטור פון מענשען; גלויבען איז דער גרונד־תנאי פון לעבען.

די געוויסהייט פון גלויבען שטיצט זיך אויף דעם, וואָס דער גלויבען האַרמאָנירט מיט דער פאַרנונפט, ד. ה. דער גלויבען שטיצט זיך אויף דער קראַפט פון אויטאָריטעט, וואָס דינט אונז פאַר אַן עדות. פאָלגליך איז דאָס עדות זאָגען פון גאָט אומענד־ליך געוויס און זיכער, ווייל זיין עדות זאגען איז דאָך קיין אַנדער זאַך, ווי די אַנטפלעקונג פון אומענדליכער פאַרנונפט, אדער פון העכסטער אויטאָריטעט.

קיין עדות זאגען איז מעגליך אויסער אין געזעלשאַפט. פאָלג-ליך, איז קיין אויטאָריטעט אדער געזעלשאַפט מעגליך אָהן אַ גע־זעלשאַפט.

קיין מענשליכע געזעלשאַפט קען ניט עקזיסטירען אויסער דורך דער אורשפּרינגליכער געזעלשאַפט פון גאָט און מענש, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען דורך די אמת'ען אדער געזעצען, וואָס גאָט האָט אורשפּרינגליך אַנטפּלעקט דורך זיין וואָרט. פאָלגליך, קענען די אמת'ן ניט פאַרלאָרען געהן אין קיין געזעלשאַפט אָהן דעם, די געזעלשאַפט זאָל ניט חרוב ווערען דורך אָט דעם פאַרלוסט. פאָלגליך זיינען די דאָזיגע אמת'ן אדער געזעצען צו געפינען אין יעדער געזעלשאַפט.

די דאָזיגע גרונד־וויכטיגע אמת'ן קענען בלויז אויפגעהאַלטען ווערען מיט דער הילף פון עדות, וועלכער האָט קיין מאַכט ניט און קיין איינפלוס ניט אָהן אויטאָריטעט. פאָלגליך, אַזוי ווי עס קען קיין אויטאָריטעט ניט זיין אויסער אין געזעלשאַפט, קען אויך קיין

געזעלשאַפט ניט זיין אָהן אויטאָריטעט; וואו עס איז קיין אויטאָריטעט ניטאָ, איז אויך קיין געזעלשאַפט ניטאָ.

אבער עס מוז באמערקט ווערען, אז עס זיינען דא צווייערליי געזעלשאַפטען; ווארים דער מענש שטעהט, ערשטענס, אין צייטווייליגע באציהונגען צו זיינע מיטמענשען, און צווייטענס, אין אייביגע באציהונגען צו זיי און צו גאָט. די צוויי געזעלשאַפטען זיינען: די פּאָליטישע אדער צייווילע (צייטווייליגע) געזעלשאַפט און די גייסטיגע (אייביגע) געזעלשאַפט. פאָלגליך, זיינען דאָ צוויי אויטאָריטעטען, און דיביידע אויטאָריטעטען זיינען אומפעהלבאר, יעדע אין איהר געביט.

דאָס אַלץ איז נור לפנים לאָגיק; ווען „פאָלגליך" וואָלט געווען אַ געניגענדער באווייז, וואָלטען קיין באווייזען ניט געפעהלט. אָבער לאָמיר אָקאָרשט זיך צוקוקען צו איינעם אָדער צוויי פון די רינגעלאַך פון דער דאָזיגער לאַנגער קייט פון ארגומענטען.

דער איד, — זאגט לאַמענע, — קען ניט אליין, אין איינזאמקייט, אנטוויקלען זעלבסט־באוואוסטזיין. די הנחה איז ריכטיג, און פון איהר דרינגען מיר, וואס מען קען דרינגען, אז דער „איד" האָט פאָלגליך זיך אנטוויקעלט מיט דער הילף פון „דו". דאָס איז אַ געדאנק, וואס פייערבאך האָט שפּעטער איהם געשאָנקען אַ סך אויפמערקזאמקייט און איהם נאָכגעפאָלגט אין די פארשיידענסטע ריכטונגען. אבער לאַמענע נעהמט פאר זיין אויסגאנגספונקט די אלט־טעסטאַמענטליכע טראדיציע, אז פון אנפאנג, איידער עס איז געווען אַ מענשהייט, האָט עקזיסטירט אַן איינציגער מענש. אויף דעם פונדאמענט בויט ער זיין לעהרע וועגען דעם פארקער צווישען גאָט און מענשען מיט אַלץ וואס פאָלגט דערפון — אַ געביידע, וואס האַלט זיך און פאַלט איין צוזאַמען מיט איהר פונדאמענט.

לאַמענע דערקלערט ווייטער, אז דער אומפעהלבארער סימן פון אמת איז די אַלגעמיינע הסכמה. אבער אויף וואָס רוהט די אויטאָריטעט פון דער הסכמה? מיט וואָס איז די אַלגעמיינע הסכמה צווינגענד פאר דעם יחיד? איז עס על פּי סבה און ווירקונג, אָדער עס איז פּשוט אַ פאַקט? אויב על פּי סבה און ווירקונג, אויב די פארנונפט פון כלל איז

געזעץ פאר דער פארנונפט פון יחיד, דאן איז די פארנונפט פון יחיד, פאר וועלכער לאמענע האט אזא גרויסע פאראכטונג, נאך אלעמען דער העכסטער שופט איבער'ן אמת. ווארים, ערשטענס, שרייבט זי דאס צו אזא גרויסע וויכטיגקייט דער אלגעמיינער הסכמה, און צווייטענס, באשטימט זי אין יעדען באזונדערען פאל צי שיקט זיך דא צו זאגען אלגעמיינע הסכמה, צי ניט.

אויב, פארקעהרט, די אויטאריטעט פון דער הסכמה איז פשוט א פאקט, ד. ה. א זאך, וואס העננט אפ פון אונזער טבע, פון אונזער געוועהנהייט, דאן איז די געוויסהייט, וואס מיר שרייבען איהר צו, בשום אופן ניט פון א העכערען סארט, ווי יעדע אנדערע געוויסהייט. און וואס זאגט לאמענע וועגען דער געוועהנליכער געוויסהייט? ער אליין האט נאר וואס געלייקענט יענע געוויסהייט, וואס קומט פון אינערליכען געפיהל, פון איבערצייגונג; ער מאכט צו גארנישט אפילו יענע געוויסהייט, וואס מיר האבען וועגען אונזער אייגענער עקזיסטענץ, ער פאדערט פאר אונז אומפעהלבארע געוויסהייט. וואס אויף דער וועלט קען מאכען אונזער גלויבען און אויטאריטעט מעהר אומפעהלבאר, ווי יעדע אונזערע געוויסהייט אונזערע?

לאהמענ'ס ארגומענטאציע ברענגט אונז צולעצט צו צוויי אומפעהלבארע אויטאריטעטען. דאסווארט „אומפעהלבאר" גיט אונז צו פארשטעהן, אז די רוימיש־קאטוילישע קירך איז ניט ווייט. אומפעהלבארקייט פרעסט זיך אויף אונז ארויף אלס אומפארמייד־ליכער פועל יוצא פון אויטאריטעט.

עס איז דא א פונקט, וועגען וועלכען עס שטימען איין אלע שריפטשטעלער, וואס האבען געהאלפען ברענגען צו דער אויפלע־בונג פון דער קירך; א פונקט, וועגען וועלכען זשאזעף־דע־מעסטר, דער איניציאטאר פון דער באוועגונג, איז איינס מיט לאמענע, איהר לעצטען פראפאגאנדיסט, הגם די אנדערע פאראדאקסען פון זיין אינגערען תלמיד נעהמען ניט זעהר אוים ביי דע־מעסטר'ען (ווי עס איז צו זעהן פון זיינע בריעף). דער פונקט איז די אומ־פעהלבארקייט פון פאפסט. מען מוז געדענקען, אז אין 18טען יאהרהונדערט האט אויסגעזעהן, אז די פאפסטליכע מאכט איז שוין טויט. א פאפסט האט קארעספאנדירט מיט וואלטער'ן און

האָט זיך געלאָזט ווידמענען זיין „מחמד”. דער פּאַפּסט האָט אליין פּאַנאַנדערגעלאָזט זיינע טרייע יעניסאַרען — די יעזואיטען. די רעליגיעזע רעאַקציע הויבט זיך אָן מיט דער ווידער־באַהויפּטונג פון פּאַפּסט'ס מאַכט, און אָפּט מיט אַזאַ איבערטרייבונג פון זיין ראָלע אין קאַטוילּיציזם, וואָס איז געווען צופיעל אפילו פון רוימיש־קאַטוילישען שטאַנדפּונקט. דע־מעסטר זאָגט: „אָהן דעם פּאַפּסט איז קיין אויטאָריטעט; אָהן אויטאָריטעט, קיין גלויבען” — דאָס הייסט, אָהן דעם פּאַפּסט, קיין גלויבען. די אויבערמאַכט פון פּאַפּסט איז געוואָרען דער סאַמע קוואַל, דער סאַמע קערן פון קריסטענטום; אין אונזערע טעג (אין די שריפטען פון בישאָף סעיגיור) איז דער פּאַפּסט געוואָרען אַזש אַ סאַקראַמענט — „דאָס לעבעדיגע דאָ־זיין פון יעזוס אויף דער ערד”.

דע־מעסטר אַרגומענטירט אַזוי: „ניטאָ קיין רעליגיע אָהן אַ זיכטבאַרער קירך; און קיין קירך אָהן אַ רעגירונג, און קיין רעגירונג אָהן אויטאָריטעט, און קיין אויטאָריטעט אָהן אומפעהלבאַרקייט”. און ער נעהמט פאַר אַ ביישפּיעל די אומפאַראַנטוואָרטליכקייט פון קעניג, וואָס פאַר איהם איז דאָס אין תוך דאָסזעלבינע, וואָס די אומפעהלבאַרקייט פון פּאַפּסט. יעדע רעגירונג, באַהויפּטעט ער, איז אין עצם אַבסאָלוט און פאַרטראָגט זיך ניט מיט אומגעהאָרכזאַמקייט; פון דער רגע, וואו עס ווערט דערלויבט צו שטעלען זיך געגען איהר, אונטער דעם אויסרייד, אַז זי איז אומגערעכט אָדער אַז זי נעהמט אויף פאַלשע וועגען, קען זי מעהר זיך ניט רופען רעגירונג. און דע־מעסטר, ווי מיר האָבען געזעהן, פּרואווט באַווייזען, באַרופענדיג זיך אויף דער אייזערנער דיסציפּלין, וואָס הערשט אויפ'ן דעק פון אַ שיף, אָדער אויף דער ענדגילטיגקייט פון געריכטליכע ענטשיידונגען, אַז דער באַגריף פון אומפעהלבאַרקייט איז גאָר ניט פרעמד די מענשען, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען וועלטליכע ענינים, אָבער ווי נאָר מען קומט אַרויף אויפ'ן פּאַפּסט, האַלט מען עס פאַר אַ סימן פון גוטען טאָן אַרויסצוטרעטען געגען איהם.

אָט די געשיקטע פאַרטיידיגונג האָט אַלע מעלות, וואָס קען נאָר האָבען אַ פאַרטיידיגונג פון אַ גרינגדליך פאַרלאָרענער זאַך. דאָס, וואָס מיר זיינען געצוואונגען צו האַלטען פאַר אומפעהלבאַר

א וועלטליכען הערשער, הגם ער איז זעהר און זעהר פעהלבאר, באווייזט נאך ניט, אז דער פאפסט, אלס גייסטיגער הערשער, איז אויף צו אמת'ען אומפעהלבאר. און דער פאקט, וואס מוז אלע־מאל זיין אן אויבערמאכט, וואס מעג פארלאנגען פון אונז אויסער־ליכע אונטערוואַרפונג, באווייזט נאך ניט, אז די דאָזיגע מאכט האט אויך א רעכט צו פארלאנגען פון אונז גייסטיגע אונטערוואר־פונג. אָבער אפשר איז אויסערליכע אונטערוואַרפונג גענוג? זשאָ־זעף דע-מעסטער גיט עס אייגענטליך צו. ער שרייבט: „וואָס שייך די דאָגמא פון אומפעהלבארקייט פון פאפסט, האָבען מיר קיין אינטערעס ניט צו צווייפלען אין איהר. ווען עס מאכט זיך, אז א טעאָלאָגישע פראגע מוז איבערגעגעבען ווערען צו א העכערען געריכט, איז פון קיין שום וויכטיגקייט ניט פאר אונז, צי די פראגע וועט ענטשיידען ווערען אזוי צי אנדערש, אָבער עס איז יא פון גרויס וויכטיגקייט, אז די פראגע זאָל ענטשיידען ווערען גלייך און אָהן אפעלאַציאָנס־רעכט".

לאמענע, וועלכער צוזאמען מיט דע־מעסטער'ען קומט צום שלוס, אז עס זיינען דאָ צוויי אומפעהלבארע אויטאָריטעטען — די אויטאָריטעט פון שטאאט און די אויטאָריטעט פון קירך, — נעהמט א טריט ווייטער אין דער ריכטונג, וואָס איז אָנגעוויזען פון רבין, ווי עס פאסט פאר א תלמיד, וואס איז איינגער פון רבין מיט א גאנצען דור. ווען אין לעצטען סך הכל שטעלט זיך ארויס, אז עס איז אוממעגליך איינצוהאלטען יעדע פון די צוויי אויטאָ־ריטעטען אין איהר אייגענעם געביעט און זיי קומען אין א צוזא־מענשטויס, קלעהרט ער ניט פיעל, וועלכע פון די צוויי דארף אָפטרעטען דעם וועג. דער לעצטער שלוס, וואס ער ציהט, לויי־טעט אזוי:

„גייסטיגע אויטאָריטעט קען צונעפיהרט ווערען צום אומ־פארענדערליכען געזעץ פון יושר און אמת; וועלטליכע אויטאָ־ריטעט — צו דעם כח, וואס צווינגט די רעוואָלטירענדע ווילענס אונטערצוגעבען זיך דעם געזעץ. כח קען אנדערש ניט ווי זיין אונטערוואָרפען דעם געזעץ; דער שטאאט מוז אונטערוואָרפען זיין דער קירך. אניט וואָלטען מיר נעדארפט אנערקענען צוויי אומאָפהענ־

גיגע מאכטען—איין מאכט די אַפּהיטערין פון יושר און אמת, די צווייטע מאכט א בלינדע און במילא שוין א צושטערענדע פאר יושר און אמת. *)

דאָס איז א שטאָלצער און העכסט כאַראַקטעריסטישער שלום פאר דעם אָנהויב פון 19טען יאָהרהונדערט!

דאָס ווייזט, וואָס פאר א מאַכט לאַמענע האָט פאַרלאַנגט פאַר דער קאַטוילישער קירך. מיר דאַרפען נאָך זיך אָפּשטעלען אויף דעם לעצטען שפּרונג, וואָס ער מאכט, כדי צו באַווייזען, אז די קאַטוילישע קירך איז די אויטאָריטעט, פון וועלכער עס רעדט זיך דאָ. לאַמענע שרייבט: „אין דעם אויסוואהל פון א רעליגיע האַנדעלט זיך אַלזאָ אייגענטליך וועגען דעם: — איז ערגעץ וואו פאַראַן אַזאַ אויטאָריטעט, ווי מיר האָבען באַשריבען, אָדער מיט אַנדערע ווערטער, איז פאַראַן אַזאַ גייסטיגע און זיכטבאַרע געזעלשאַפט, וואָס פּראָקלאַמירט (!!), אז זי באַזיצט אַזאַ אויטאָריטעט? מיר זאָגען א זיכטבאַרע געזעלשאַפט, ווייל יעדער עדות איז אויסערליך (לאָמיר געדענקען, אז דאָס עדות זאָגען פון אינערליכען קול ווערט פאַרוואָרפען!) און מיר באַהויפּטען, אז אַזאַ עדות וואָלט געוועזען א געניגענדער און ענדגילטיגער באַוויז, אז די דאָזיגע געזעלשאַפט באַזיצט טאַקע די אויטאָריטעט, פון וועלכער מיר רעדען, ווייל דאָ וואָלט אויטאָריטעט געוועזען דער אויסדרוק פון דער אוניווערסאַלסטער פאַרנונפט.”

„אויב אַזאַ געזעלשאַפט עקזיסטירט ניט, וואָלט די איינציג אמת'ע רעליגיע געוועזען די טראַדיציאָנעלע רעליגיע פון דער מענשליכער ראַסע, ד. ה. די סומע פון די אַלע עיקרים און געבאָטען, וואָס זיינען געהייליגט פון די טראַדיציעס פון יעדען פאָלק און וואָס זיינען אורשפּרינגליך אַנטפּלעקט געוואָרען פון גאָט”.

„אויב אָבער עס איז יא דאָ אַזאַ געזעלשאַפט, דאַן זיינען איהרע עיקרים און געבאָטען די אמת'ע רעליגיע”. דאָס איז דער הויך-פּונקט פון זיין אַרגומענטאַציע, פון וועלכען די ווייטערע אַרגומענטען גליטשען זיך פון זיך אליין אַראָפּ: „זייט דעם טויט

---

*) וועגען דעם גאַנג פון דער רעוואָלוציע אין דער מלחמה קעגען קירך”.

פון יעזוס קריסטוס אין די קריסטליכע געזעלשאַפט געווען אומ־באַשטריטען די באַציצערין פון דער העכסטער אויטאָריטעט. פון די פאַרשיידענע קריסטליכע געמיינשאַפטען איז דער זיגעל פון העכסטער אויטאָריטעט אָהן ספק אָפּגעשטעמפּעלט אויף דער קאַטוילישער קירך. אין איהר אַליין דאַרפען מיר זוכען די אמת׳ען, וואָס זיינען נויטיג פאַר מענשען; זי אַליין גיט איהם פולען וויסען וועגען די פליכטען און געזעצען פון פאַרנונפט; אין איהר אַליין געפינט ער געוויסהייט, דערלייזונג און לעבען.״

מיר האָבען איצט דערגרייכט דעם געווינשטען האַפען. אָבער עס איז ניט גענוג, וואָס מיר זיינען אָנגעקומען אין זעהר אַ צרה־דיגען צושטאַנד — מיר ליידען שיף־ברוך אין האַפען גופא. ווייל לאַמענע איז זיך אָפען מודה, צום סוף פון זיין בוך, אַז אַלע רע־ליגיעס רוהען אויף אויטאָריטעט; אָבער דאָך, די אורשפּרינגליך ריינע טראַדיציעס פון אַלע אויסער איינער, זיינען מעהר אָדער ווייניגער פאַרדאָרבען געוואָרען דורך צוגאָבען, וואָס מוזען באַ־טראַכט ווערען פאַר טעות׳ן. די דאָזיגע טעות׳ן פונדעסטוועגען זיינען גוטגעהייסען געוואָרען פון אויטאָריטעט, און עקזיסטירען נאָר אויפ׳ן סמך פון דער גוטהייסונג. דאָס הייסט, איינמאָל זיך מודה געווען! דאָס צושמעטערט דאָך די גאַנצע אַרגומענטאַציע!

אָבער לאַמענע מערקט עס ניט. ער ציטירט מיט לויב די ווערטער פון אַ קאַטוילישען שרייבער: „די קאַטוילישע רעליגיע איז די רעליגיע פון אויטאָריטעט, און זי איז דאַרום די איינציגע רעליגיע פון געוויסהייט און פרידען״, און מיט נצחון דערמאַנט ער זיך רוסאָ׳ס אַ שפּרוך, אַז ווען עמיצער וואָלט איהם זונטאָג נעקענט איבערצייגען, אַז עס איז זיין פליכט אין ענינים פון אמונה צו פאַרלאָזען זיך אויף דעם אורטייל פון אַ צווייטען, וואָלט ער מאָנטאָג געוואָרען אַ קאַטוילִיק, און אַז יעדער דענקענדער און אויפריכטיגער מענש וואָלט אין אַזאַ לאַגע געהאַנדעלט פּונקט אַזוי ווי ער. לאַמענע אַפּלאָדירט. ער איז זיכער, ער האָט דאָ געלי־פערט אַ באַווייז, אַז עס איז רעכט פאַר׳ן יחיד צו אונטערוואַרפען זיך דער אויטאָריטעט אין פראַגען פון גלויבען. אַ שעהנער באַווייז!

איינס פון דיביידע: די אויטאָריטעט פון דער קאַטוילישער

קירך שטיצט זיך יאָ אָדער שטיצט זיך ניט אויף דער אַלגעמיינער אַנערקענונג פון איהר ריכטיגקייט. ווען זי שטיצט זיך יאָ, דאַן איז די אויטאָריטעט פון דער קאַטוילישער קירך ד י אַלגעמיינע אַנערקענונג, און זי דאַרף קיין פּאַרענטפערונג ניט, ווייל קיינער באַשטרייט זי ניט. שטיצט זי זיך ניט אויף אַלגעמיינער אַנער־קענונג, דאַן איז זי פאַלש, לויט לאַמענע'ס איינענער טעאָריע, און קיין פאַרענטפערונג וועט איהר ניט העלפען.

אָבער דאָס איז ניט גענוג. די לעהרע, אַז אַלגעמיינע הסכמה איז דאָס קריטעריום פון ריכטיגקייט, נויטיגט זיך אַליין אין אַל־געמיינער הסכמה, אַלס באַווייז פון איהר ריכטיגקייט. נו, קענט איהר זיך פאָרשטעלען אַ ביטערערע איראָניע פון שיקזאַל, אַז די לעהרע פון אַלגעמיינער הסכמה איז ניט נאָר אַלגעמיין געלייקענט געוואָרען, נאָר זי איז בפועל ממש (1834) פאַרדאַמט געוואָרען פון דער קירך גופא? לאַמענע איז געבליבען אויסגעשטעלט איינער אַ ל י י ן מיט אַ לעהרע, אַז די פולע איינשטימיגקייט פון אַלעמען באַווייזט דעם אמת. קען עמיצער זיך פאָרשטעלען אַ קאָמישערען ווידערשפּרוך? יאָ, אַ קאָמישערער ווידערשפּרוך איז מעגליך, ווייל אַזאַ זאַך האָט פּאַסירט — לאַמענע, דער גע־האַרכזאַמער זוהן פון דער קירך, בויגענדיג זיך פאַר איהר אויטאָ־ריטעט, האָט אַליין פאַרלייקענט און פאַרוואָרפען זיין לעהרע, אַז די אויטאָריטעט פון קירך איז דער אומפעהלבארער צייכען פון אמת.

אָבער מיר דאַרפען גאָר ניט פאַרלויפען אַזוי ווייט פאָראויס ביז צום יאָהר 1832, צו זעהן, ווי די שטיצער פון פּרינציפּ פון אויטאָריטעט האָבען גענומען פיהרען מלחמה מיט זייער אייגע־נעם פּרינציפּ. פאַר וואָס איינער זאָל זיך ניט איינשטעלען, זיין ערשטע פאָדערונג וועט זיין די פרייהייט צו רעדען. די צייטונג „דער קאָנסערוואַטאָר" האָט אָנגעהויבען מיט אַ פייערדיגער אַגי־טאַציע פאַר פּרעסע־פרייהייט, אָבער באַלד, ווען איהר פּאַרטיי איז געוואָרען די רעגירונגס־מאַכט, האָט זי זיך דערפיהלט זעהר אומבאַקוועם פון דערזעלביגער פּרעסע־פרייהייט. עס איז אפילו ניט געווען רעכט צו לייקענען דעם געגנער'ס רעכט צו אַ פרייהייט, וואָס זי האָט ניט לאַנג צוריק געפאָדערט פאַר זיך; זי האָט עס

ניט געטאָרט טאָן — אָבער זי האָט עס יאָ געטאָן. דאָסזעלבינע האָט פּאַסירט מיט דעם ענין פּאַרלאַמענטאַרישע רעגירונג, אָדער ווי מען פלעגט זיך דעמאָלט אויסדריקן — פּ אַ ר ל אַ מ ע נ ט אַ־ ר י ש ע פּ ר ע ר אָ ג אַ ט י ו ו ע. גלייך נאָך דער רעסטאַוו־ראַציע פון דער מאָנאַרכיע, האָבען די זשורנאַליסטען און אָראַ־טאָרס פון דער קאַטוילישער און ראָיאַליסטישער שולע געשטירצט דאָס ערשטע מיניסטעריום, אַ מיניסטעריום וואָס דער קעניג אַליין האָט באַשטימט. די קאַטויליקען האָבען געוואָלט דעם רעגירונגס־רודער אַריינקריגען אין זייערע אייגענע הענד. אַלזאָ, די זעלבינע מענשען, וואָס האָבען אַזוי געגוואַלדעוועט פאַר דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, זיינען געווען די ערשטע צו האַנדלען פּונקט להיפוך צו איהם; די ערשטע אין פראַנקרייך צו סאַנקציאָנירען די פּונקט פאַרקעהרטע פּרינציפּען — פּרעסע־פרייהייט און ברייטסטען זין פון וואָרט און די מאַכט פון פּאַרלאַמענטאַרישער מאַיאָריטעט. זיי האָבען אונטערגעגראָבען דעם גרונד, אויף וועלכען אויטאָריטעט האָט זיך געשטיצט.

דעם דאָזיגען פּראָצעס קענען מיר נאָכפאָלגען טריט ביי טריט אין דער קאַריערע פון דעם העזה׳דיגען היים־בלוטיגען גלח לאַ־מענע. די קאָנסטיטוציע („די טשאַרטע”), וואָס איז דורכגעפלאָכ־טען געווען מיט דער מאָנאַרכיע, האָט גאַראַנטירט רעליגיאָנס־פרייהייט — וועניגסטענס אויפ׳ן פּאַפּיער. אָבער רעליגיאָנס־פרייהייט איז זעהר ניט געווען צום האַרצען לאַמענע, וועלכער האָט דאָך געוואוסט, אַז נאָר איין איינציגע רעליגיע איז די אמת׳ע. עס איז דאַמאָלס ארומגעגאַנגען אַ נאַריש ווערטעל, אַז דאָס רעכט אויף געוויסענספרייהייט איז דאָס רעכט אויף פרייהייט פון גע־וויסען. ניין, לאַמענע איז ניט געווען אַזוי גראָב. ער און זיינע אָנהענגער האָבען באַהויפּטעט, אַז יעדער מענש מוז פאָלגען זיין געוויסען. אַלאַ וואָס דען, זיי האָבען באַשולדיגט זייערע געגנער, די אָנהענגער פון געוויסענס־פרייהייט, אַז יענע פאָלגען ניט זייער געוויסען.

לאַמענע און זיינע תלמידים האָבען פאַרגעסען, אַז עס איז פאַראַן אַ געבאָט, וואָס מען מוז אויספאָלגען צוערשט, איידער מען פאָלגט דעם געוויסען, און דער געבאָט איז דעם געוויסען אויפצו־

קלערען. אויב עס איז אוממאָראַליש צו האנדלען געגען געוויסען, איז ניט וועניגער אוממאראליש צו פאבריצירען א געוויסען מיט דער הילף פון פאלשע אויסגעטראכטע פרינציפען.

און אט אין נאָמען פון געוויסען און אויטאָריטעט, האָט לא־מענע פארעפענטליכט א פּראָטעסט געגען דער אונרעליגיעזיטעט פון שטאאט, צ. ב. געגען דעם, וואס דער שטאאט אנערקענט קיין אמונה ניט — וואס ער האָט גערופען פּאָליטישער אטעאיזם. ער האָט אויפגעהויבען א געשריי: די געזעצען פון פראנקרייך זיי־נען אטעאיסטיש. ער איז געגאנגען נאָך ווייטער. אין זיין באַ־ריהמטען בריעף, וואס ער האָט אדרעסירט צו בישאָף פריסינו און פארעפענטליכט אין דער צייטונג „די ווייסע פאָהן”, דערקלערט ער, אז דער דור, וואס דאַרף איצט דערצויגען ווערען, איז געבאָרען געווארען אין א ים פון בלוט, הארט נעבען עשאפאָט פון לואי דעם 16טען און נעבען מזבח פון דער געטין פון פארנונפט, און אזא דור קען נאָר געראטעוועט ווערען דורך קריסטוס, קען נאָר דערצויגען ווערען דורך קריסטענטום. אבער די גאנצע דערציהונג אין פראנק־רייך, פארזיכערט ער, איז אטעאיסטיש: „איבערטרייב איך, מאָנסיניאָר, ווען איך זאג, אז עס זיינען פאראן אין פראנקרייך דערציהונגס־אנשטאלטען, מעהר אדער וועניגער פארבונדען מיט דער אוניווערזיטעט, וואו די קינדער ווערען געהאָדעוועט אין פראקטישען אטעאיזם און אין שנאה צו קריסטענטום! עס איז באוואוסט, אז אין איינער פון די אפשייליכע היילען פון זינד און אטעאיזם האָבען 30 שילער זיך דערנעהנט צום האר׳ם מזבח, האָ־בען באקומען די הייליגע מצה, האָבען זי באהאלטען און באגאנגען א גאָטסלעסטערונג, וואָס וואָלט פריהער באשטראָפט געווארען פון געזעץ — זיי האָבען זיך באנוצט דערמיט צו פארזיגלען די בריעף, וואָס זיי האָבען געשריבען צו זייערע עלטערען... אונטער דעם איינפלוס פון אוניווערזיטעט וואקסט א גאָטלאזער, פארדאָרבענער, רעבעלישער דור.”

אזעלכע ניט שאנעוונדע אויסדרוקען זיינען געווען זעהר אומאנגענעהם פאר דער רעגיערענדער פארטיי. באזונדערס גע־קרענקט האָבען זיי זיך געפיהלט אין די רעגירונגס־קרייזען, וואס די אטאקע איז געקומען פון א צד, פון וועלכען זיי האָבען זיך גע־

ריכט אויף וואַרימע שטיצע. ווען לאַמענע האָט דערזעהן, ווי קאַלט זיינע רייד זיינען אויפגענומען געוואָרען, אַז אַנשטאַט אַ דאַנק האָט ער גאָר באַקומען אַן אויסרייד, איז ער געגאַנגען נאָך אַ שריט ווייטער.

מיר האָבען שוין געזעהן, אַז זיין לעהרע איז מקריב די וועלט־ליכע אומפעהלבאַרקייט צו דער קירכליכער אומפעהלבאַרקייט אין פאַל פון אַ צוזאַמענשטויס צווישען זיי. אָבער דאָס האָט דאָך נעהייסען כמעט ווי געבען געזעצט די פּאָליטישע אַפּיקורסים אין זייער שטרייט מיט די ראָיאַליסטישע שרייבער; די אַפּיקורסים האָבען געלייקענט, אַז דעם קעניג געהערט די פּריווילעגיע פון ענד־גילטיגקייט און אומפּרופיגקייט — אַ פּריווילעגיע, מיט וועלכער די מאָנאַרכיסטען האָבען דוקא איהם געוואָלט באַשענקען, ווייל ער איז דאָך אַ קעניג פון גאָט'ס גנאַדען. לאַמענע'ס לעהרע מאַכט נאָך די צייטווייליגע, וועלטליכע מאַכט אָפּהענגיג פון דער גייסט־ליכער — ד. ה. פון פּאַפּסט. אַלע בישאָפען פון פראַנקרייך האָ־בען אָפּגעענטפערט מיט אַ מאַניפעסט, אין וועלכען זיי האָבען פּראָקלאַמירט די וועלטליכע מאַכט פאַר אומאָפּהענגיג פון דער פּאַפּסטליכער.

לאַמענע, דער פאַרקעמפער פאַר **אויטאָריטעט**, האָט זיך דאַ איינגעריסען סיי מיט דער קירכליכער און סיי מיט דער פּאָליטישער אויטאָריטעט.

זיין שפּעטערדיגע ראָלע אַלס דעמאָקראַט געהט ניט אַריין אין די ראַהמען פון איצטיגען ווערק. מיר ווילען נאָר ווייזען, אַז די קערנער פון זיין שפּעטערדיגער אַנטוויקלונג זיינען שוין לכתחילה געלעגען באַהאַלטען אין זיין טעאָריע פון אויטאָריטעט. די גייע טעאָריע פון אויטאָריטעט איז אַ סך סימפּאַטישער פון דער אַלטער, האַרבער און האַרטער לעהרע, מיט וועלכער באָנאַלד און דע־מעסטר זיינען אַרויסגעטראַטען גלייך נאָך דער רעוואָלוציע. די רעאַקציע זוכט זיך איצט מעהר אָנצושפּאַרען אויף דער פאַרנונפט, און דאַרום זיינען איהרע פּרינציפּען אַ סך באַוועגליכער. יעדער ערנסטער פאַרזוך צו ווייזען די טעמים, אויף וועלכע דער פּרינציפּ פון אויטאָריטעט שטיצט זיך, ענדיגט זיך במילא מיט אַ טויט־קלאַפּ פאַר דעם פּרינציפּ, ווייל אויטאָריטעט שטיצט זיך אויף

קיינע טעמים ניט. לאַמענע'ס לעהרע, וואָס אויפ'ן ערשטען בליק האָט עס אויסגעזעהן, אַז זי איז גינסטיג פאַר אויטאָקראַטיע, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, ווען נעהענטער באַטראַכט, פאַר גאַר און גאַר דעמאָקראַטיש. די גאַנצע געביידע האָט גערוהט אויף דער אויטאָריטעט פון דער מענשהייט; אַבער אונטער דער פונדאַמענטאַלער אידעע — די אויטאָריטעט פון דער מענשהייט — איז פאַרשטעקט געווען אַ צווייטע, פון וועלכער די האַר וואָלטען זיך געשטעלט קאַפויר ביי די רעאַקציאָנערען — רוסאָ'ס אַלטע אידעע — די סאָוועריניטעט פון פאָלק! לאַמענע'ס לעזער האָבען עס לכתחילה ניט באַמערקט; ער אַליין אויך ניט; די אידעע איז געלעגען באַהאַלטען, געדרעמעלט, און אין שעּנעם פריהמאָרגען האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, און אַלע האָבען זי דערקענט!

לאַמענע'ס וואונש איז געווען צו פאַרבייטען מאָנאַרכיע מיט טעאָקראַטיע; אַבער טעאָקראַטיע איז ניט געווען פּאָפּולער, סיידען דאָס וואָרט פּאָפּולער זאָל באַנומען ווערען אין דעם זין פון אַלטען רוימישען שפּריכוואָרט Vox populi, vox Dei די שטים פון פאָלק — די שטים פון גאָט. — גאָט'ס שטים מיינט די שטים פון פאָלק. דער פּראַקטישער רעזולטאַט פון דער לעהרע האָט דאָרום נאָר געקענט זיין די אָפּשוואַכונג פון דער וועלטליכער אויטאָריטעט. וואָרים לויט דער לעהרע דאַרף די אויטאָריטעט איבערגעגעבען ווערען אין רשות פון דער אַלגעמיינער פאַרנונפט, און די אַלגעמיינע פאַרנונפט איז צוערשט פּערזאָניפיצירט געווען אין דער סאָוועריניטעט פון קירך, באַלד אָבער אין דער סאָוועריניטעט פון פאָלק. ווען לאַמענע האָט שפּעטער, אין זיינע „ווערטער פון אַ גלויביגען" גענומען העצען צו גייסטיגער מרידה, איז די גאַנצע נפקא מינה צווישען זיין נייער פּאָזיציע און דער אַלטער, געווען אין דעם, וואָס איצט האָט ער געוואָלט טעאָקראַטיע פון פאָלקסוועגען, בעת פריהער — פון זיינע הערשערס וועגען.

די יולי־רעוואָלוציע האָט געבראַכט פרייהייט צו דער פּרעסע, און דער ערשטער געברויך, וואָס לאַמענע האָט געמאַכט פון איהר, איז געווען צו פאַרעפענטליכען אַן אויפרוף מיט דער פאָדערונג, אַז די דערציהונג זאָל אַרויסגענומען ווערען פון אונטער דעם קאָנטראָל

פון שטאאט און אז די קירך זאל אפגעטיילט ווערען פון שטאאט. ער האט געהאפט, אז אויף אזא וועג וועט די קירך אריינקריגען אין איהרע הענד די גאנצע דערציהונג, און וועט דורך דעם צוריק געווינען איהר אמאליגען רעליגיעזען כאראקטער. אין הערבסט פון 1830 האט ער געגרינדעט די באריהמטע צייטונג „ל'אווענירˮ (די צוקונפט), וואס איהר לאזונג איז געווען אפטיילען די קירך פון שטאאט. אויף אלע אטאקעס פלעגט ער ענטפערען מיט אן אפע- לאציע צו רוים; עס האט געהייסען, אז די צייטונג שפיגעלט געגוי אפ די מיינונגען, וואס הערשען אין וואטיקאן; אבער דער וואטיקאן האט פארביסען די ליפען און האט געשוויגען. דער אמת איז געווען, אז דארט האבען לאמענע'ס ליבעראלע אידעען ווייט ניט נושא חן געווען און מען איז גאר ניט נעניינט געווען אפצוזאגען זיך פון די קאנצעסיעס, וואס דער שטאאט האט באוויליגט דער קירך. אזוי ווי זיינע אפאנענטען האבען נאך אלץ איהם פארגע- ווארפען, אז זיינע מיינונגען שטימען ניט מיט קאטוילישער רעכט- גלויביגקייט, איז לאמענע אין פעברואר 1831 אוועק קיין רוים, כדי צו דערקונדיגען זיך ביים פאפסט גופא, צי עס איז אן עבירה (ווי ער דריקט זיך אליין אויס) צו קעמפען פאר גאט, יושר און אמת, און צי עס איז דעם פאפסט געוואונשען, אז ער זאל אנפיהרען דעם קאמף ווייטער. ער איז פארהאלטען געווארען אין רוים אונ- טער אזא צי אן אנדער אויסרייד ביז אויגוסט 1832.

דערוויל איז פארעפענטליכט געווארען די פאפסטליכע בולע, אין וועלכער ער, דער יאהרענלאנגער געגנער פון גלייכגילטיגקייט אין ענינים פון רעליגע, איז באשולדיגט געווארען אין רעליגיעזער גלייכגילטיגקייט. דארט האט זיך געלייענט: „פון דעם אומריי- נעם קוואל פון אט דער גלייכגילטיגקייט פליסט אויך ארויס די פאלשע, אומזיניגע, אדער געגויער, משוגענע טעאריע, אז געווי- סענס-פרייהייט דארף באוויליגט און גאראנטירט ווערען צו אלע- מען... אבער, ווי דער הייליגער אויגוסטין האט געזאגט, וואס קען זיין אן ערגערער טויט, ווי די פריי- הייט צו בלאנזשען? ווייל עס לעגט זיך אויפ'ן שכל, אז ווען יעדער צאהם וועט אוועקגענומען ווערען, וואס קען איינ- האלטען די מענשען אויף די שטעגען פון אמת, וועט די נאטור

זייערע, וואס איז נעניגט צו בייז, זיי שטירצען אין תהום... צווי־שען זיי דארף אויך גערעכענט ווערען די אפשיייליכע פרייהייט, וואס קען גאר פון אונז ניט גענוג געהאסט און געפירכטעט ווערען — די פרייהייט פון בוך־האנדעל, די פרייהייט פון דער פרעסע ארויסצולאזען אבי וואס פאר א ווערק, א פרייהייט, פאר וועלכער מאנכע שטעלען זיך איין אזוי העפטיג..."

דאס זיינען געווען קלארע דבורים. לאמענע האט זיך אונ־טערגעגעבען, און זיין ציימונג האט אויפגעהערט צו ערשיינען. א בעכער פון גאל און ווערמוט איז איהם געגעבען געווארען צו טרינ־קען, און נאך איין טראפען האט געפעהלט, עס זאל איבער־פלייצען. פון דעמאלט אן איז ער געשטאנען גרייט אריינצוואַ־ווארפען זיך אין די ארעמס פון דער רעוואלוציע. עס האט ניט לאנג גענומען, און ער האט דעם שפרונג געמאכט.

פאר אונז, וואס מיר האבען נאכגעפאלגט לאמענע'ס פסיכאָ־לאגישע אנטוויקלונג פון זיין ערשטען אויפטריט אן, איז דער מאָ־מענט באזונדערס אינטערעסאנט: זיין קינדערשער גלויבען אין אויטאריטעט פלאצט, אזוי ניך ווי ער קריגט די געלעגענהייט צו זעהן דאס הייליגטום פון דער נאהענט. ער שרייבט פון רוים אין א פריוואטען בריעף:

„דער פאפסט איז פרום און האט די בעסטע כוונות; אבער ער האט ווייניג קענטניס וועגען דער וועלט, און איז טיעף אומווי־סענד וועגען דעם צושטאנד פון דער קירך און דער געזעלשאפט. ער זיצט אומבאוועגליך אין דעם חושך, וואס וויקעלט איהם ארום אלץ דיקער, וויינענדיג און בעטענדיג. זיין אויפגאבע, זיין באַ־רוף איז צוצוגרייטען און צוצואיילען די קאטאסטראפע, וואס דארף פאראויסזעהן דער ווידערגעבורט פון דער געזעלשאפט און אהן וועלכער די ווידערגעבורט וועט זיין אוממעגליך און אומפאל־שטענדיג. דערפאר האט גאט איהם איבערגעגעבען אין די הענד פון מענשען, וואס זיינען אזוי נידריג, אז נידריגער קען שוין ניט זיין. עהרגייציג, געלדגיעריג, פארדארבען, רופען זיי אין ווילדען משוגעת די טאטערן זיי זאלען קומען שאפען אין איירופא דאס, וואס זיי רופען א ר ד נ ו נ ג."

איז דאס ניט קיין מערקווירדיגע צוזאמענטרעפונג, אז אויך

לאמענע ווערט סוף כל סוף געשטרויכעלט איבער דעם ווארט, וואס כאראקטעריזירט די גאנצע גייסטיגע אנטוויקלונג פון יענעם דור? וויקטאר הוגא, וועלכער האט גענומען אויף זיך די עובדא צו באפעסטיגען אויטאריטעט אין די פראגען פון געשמאק, פיהלט צולעצט זיך געצוואונגען צו קריטיקירען און צו פארטיעפען די אידעע פון ארדנונג; לאמענע אין זיין מלחמה פאר קאטוליציזם איז געצוואונגען דאסזעלביגע צו טאן. מיט וויפיעל ביטערן וועה ער באשרייבט אין זיינע בריעף די קארופציאן, וואס ער האט געפונען צווישען די שטיצער פון א ר ד נ ו נ ג אין רוים!

„קאטוליציזם איז מיין לעבען געווען, ווייל ער איז דאס לעבען פון דער מענשהייט; מיין וואונש איז געווען איהם צו פארטיידיגען און צו ראטעווען איהם פון דעם אפגרונד, אין וועלכען ער זינקט אלץ טיעפער מיט יעדען טאג. וואס וואלט געקאנט זיין לייכטער! אבער עס האט ניט געפאסט די בישאפען איך זאל עס טאן. איז געבליבען רוים. בין איך אוועק קיין רוים, און דארט האב איך דערזעהן דעם שענדליכסטען אפגוס, וואס האט אמאל באשמוצט א מענשענס בליק. די ריזיגע רינשטאקען פון טארקוויניוס וואלטען געווען צו שמאל פאר אזויפיעל שמוץ. קיין אנדער גאט אויסער גייציגקייט הערשט דארט נים. זיי וואלטען פארקויפט נאציאנען, וואלטען פארקויפט די גאנצע מענשהייט, די דריי געשטאלטען פון דער הייליגער דרייאייניגקייט, אלע צוזאמען און יעדע באזונדער, פאר א שטיקעלע ערד און א פאר פיאסטרען".

אזוי האט איהם אויסגעזעהן פון דער נאהענט די מאכט, וואס ער איז ביז אהער איהר אומדערשראקענסטער ריטער געווען. וואס איז דער וואונדער, אז ער האט געביטען דעם פראנט! וואס איז דער וואונדער, אז ער, ווי די פריסטער פון די פארצייטיגע זאקסען, מיט וועלכע רענאן פארגלייכט איהם, האט געכאפט א האק און מיט א גוט געציעלטען קלאפ האט ער געשטירצט דעם געץ, צו וועמעס מזבח ער האט גערופען די אומוויליגע מענשהייט!

אבער נאך מערקווירדיגער, ווי זיין אויסניכטערען זיך אין דער פראגע פון רעליגיאן, זיינען די אנצוהערענישען אויף א טיעפערער אלגעמיינער פארשטענדניס, וואס ווארפען זיך איצט דורך דורך לאמענע'ס בריעף. ביז אהער האט ער געזוכט אבסאלוטען

אמת, און ער האָט ארויסגעקוקט צו אויטאָריטעט, זי זאָל עס איהם צושטעלען. איצט איז פּלוצלונג געקומען צו דער אידעע פון פארהעלטניסמעסיגקייט, די אידעע, וואס ראט אויס אויטאָריטעט אויף דעם גרינדליכסטען שטייגער.

„וואס עלטער איך ווער, מיט אלץ מעהר איבערראשונג זעה איך, ווי אלע די אידעען, וואָס וואָרצלען אַם טיעפסטען אין אונז, הענגען אָפּ פון דער צייט, אין וועלכער מיר לעבען, פון דער געזעלשאפט, אין וועלכער מיר זיינען געבארען געוואָרען און פון טויזענד אנדערע פונקט אזעלכע צופעליגע אומשטענדען. באַדענקט נאר, וואסערע מיינונגען מיר וואלטען געהאט, ווען מיר וואלטען געקומען אויף דער וועלט מיט צעהן יאהר הונדערטע פריהער, אדער ווען מיר וואָלטען געבאָרען געוואָרען אין היינטיגען יאָהרהונדערט אין טעהעראן, בענארעס אָדער אויף דעם אינזעל טאַאיטי?"

עס איז דאָ מעהר פילאזאפיע אין די צוויי זאצען, וואס כאַפּען פאראויס טעינס טעאריע וועגען דעם איינפלוס פון דער סביבה, ווי אין אלע פיער בענדער פון לאַמענע'ס באַריהמטען הויפּטווערק*).

---

*) לאמענע — „אַן אָפּהאַנדלונג וועגען גלייכגילטיגקייט", „דער גאַנג פון דער רעוואָלוציע און דער מלחמה קעגען קירך", „בריף", געזאַמעלט פון מ. פאָרג, „ניט ארויסגעגעבענע ווערק", רעדאַקטירט פון מ. בלעיז; שלייערמאַכער — „רעדעס איבער רעליגיע"; רענאַן — „אָפּהאַנדלונג איבער מאָראַל און קריטיק"; שערער — „געמישטע רעליגיעזע קריטיקען".

13.

דער טריאומף און שטורץ פון דער רעאקציע.

די זאַלבונג פון קאַרל דעם 10טען מיט'ן „הייליגען" בוימעל פון קלאָד־וויקען. — פאָהרט אין שפּיטאָל הוילען שקרויפעל־קראַנקע. — פּיער דע בראַנזשע, דער איינציגער זעלבסטשטענדיגער פּאָעט פון זיין צייט. — זיין קאַמף מיט די בורבאָנען. — דער ווירקליכער באָנאַ־פּאַרט פאַרוואַנדעלט אין אַן אידעאַלען נאַפּאָלעאָן. — דער הויך־פּונקט פון דער רעליגיעזער רעאַקציע. — מאַריא איז גלייכצייטיג גאָט'ס טאָכטער, גאָט'ס ווייב, גאָט'ס מוטער און טאָכטער פון איהר אייגענעם זוהן. — פּאַול לואי קוריע. — די פּויערשע פּשוט'קייט פון זיינע סאַטירישע פּאַמפלעטען. — די אינערליכע אויפלויזונג פון דער שולע פון אויטאָריטעט. — אַלפרעד דע־ווין'ס טאַגעבוך.

נאָכפאָלגענדיג לאַמענע ביז צו זיין באַקערונג צו דעמאָקראַטיע, זיינען מיר פאַרלאָפען א פּאָר יאָהר פאַראוים. צו דער צייט, ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיין בוך וועגען גלייכגילטיגקייט אין פראַגען פון רעליגיע — ד. ה. אין יאָהר 1823 — האָט ער, ווי אלע אַנ־הענגער פון פּרינציפּ פון טעאָקראַטיע, געהאַט פאַר זיך נאָר איין ציעל: שטאַרקען די אויטאָריטעט פון קעניג דורך דער אויטאָריטעט פון קירך.

אָבער דער קעניג, וועמען מען האָט ספּעציעל אין זין געהאַט, איז געשטאָרבען. אויפ'ן טראָן איז ארויף קאַרל דער 10טער. ער איז באַשטיגען דעם טראָן מיט דער פולער פּאָמפּע, מיט דעם גאַנ־צען מיטעלאַלטערליכען פּאַראַד. ער ווערט אָוועקגעפיהרט קיין ריימס צו דער זאַלבונג. די צערעמאָניע ווערט דורכגעפיהרט דעם 20טען מאי 1825, און אַלע אבערגלויבענס, מיט וועלכע דער פרו־מער פּאַטריאָטיזם פון אמאָל האָט באַפּוצט דעם קעניג, זיינען ווי אויפגעשטאַנען פון די קברים ביי דער געלעגענהייט. איינס פון די עלטסטע איינרעדענישען איז געווען, אַז דער געקרוינטער באַ־

זיצט די קראַפט צו היילען שקרויפעל. די דאָזיגע קראַפט האָט אַזוי אומבאַדינגט און אומבאַשטריטען באַלאַנגט צו קעניגליכקייט, אַז אָהן דעם איז גאָר אַ קעניג קיין קעניג ניט געווען. עס ווערט דערצעהלט, אַז אַ דאַמע פון וואַלענסיען, וועלכע האָט די זכיה גע־האַט באַריהרט צו ווערען פון לואי דעם 15טען, האָט שפּעטער, כּדי אויסצופּלייסען זיך פאַר'ן הויף, אַריינגעשיקט אַ צייגניס פון אַ דאָקטאָר, אַז זי איז פאַלשטענדיג אויסקורירט געוואָרען פון שקרוי־פעל — אויף וואָס זי האָט באַקומען אַזאַ ענטפער: „די פּריווי־לעגיע פון די קעניגע פון פראַנקרייך בנוגע שקרויפעל־היילונג איז פעסטגעשטעלט געוואָרען דורך אַזעלכע איבערצייגענדע באַווייזען, אַז ווייטערע באַשטעטיגונגען זיינען ניט נויטיג”.

דאָס איז געווען אונטער לואי דעם 15טען. אונטער קאַרל דעם 10טען האָט דאָס פאָלק זיך אַרויסגעוויזען ניט ווייניגער גלויביג. מיר געדענקען, אַז בעת דער רעוואָלוציע איז דאָס קריגעל מיט'ן הייליגען בוימעל צושמעטערט געוואָרען אויף שטיקלאַך. אין די אויגען פון די פרומע קאַטוילוקען איז דאָס געווען אַ גאָט'ס־לעסטערונג, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט. אמת, דער עלט־סטער קראָניקען־שרייבער גריגאָרי פון טור, וועלכער דערצעהלט אונז וועגען דער טויפע פון קלאָדוויקען, ווייס גאַרנישט וועגען דעם, אַז אַ פלעשעלע מיט הימלישען בוימעל, ווי אַ פייג די גרויס, איז באַנוצט געוואָרען ביי דער געלעגענהייט. אָבער מיט עטליכע יאָהרהונדערט שפּעטער זיינען פאַרשריבען געוואָרען פאַרשיידענע לעגענדעס וועגען דעם, וואָס אַ טייל פון זיי באַהויפּטען, אַז דער רוח הקודש אין דער געשטאַלט פון אַ טויב, אַנדערע אַז אין דער געשטאַלט פון אַ מלאך, האָט דאָס פלעשעלע אַראָפּגעבראַכט פון הימעל און עס אָפּגעלעגט אין קאַטעדראַל פון ריימס. און אָט די לעגענדען, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבען אין פאָלקס זכרון, זיינען ווידער אָפּגעפרישט געוואָרען. דער מאַן, וואָס איז געווען דער גלח פון סען רעמי קירך אין ריימס אין 1793 און פון וועמען דאָס הייליגע קריגעל איז מיט געוואַלט אַוועקגענומען געוואָרען, איז איצט אַרויסגעקומען מיט אַ נייעס, אַז איידער מען האָט דעם שאַץ ביי איהם אַרויסגעריסען, איז איהם געלונגען אַרויסצו־קריגען דעם גרעסטען טייל פון פאַרטריקענטען בוימעל, וואָס איז

אין קריגעל געווען, און איצט קען ער עס ווייזען*). עס האט זיך געפונען נאך א באגלויבטער מענש, וועלכער האט פארזיכערט, אז ער איז אנגעקומען פונקט צו דער שענדונג פון היילינען קריגעל, און ער האט צונויפגעזאמעלט א טייל פון די הייליגע שערבלאך וואס ער האט זיי ביז איצט געהאלטען אין א געוויסען פלאץ. דער גלח און די קירכען־שמשים האבען באשטעטיגט, אז די שערבלאך זיינען די ריכטיגע.

אזוי, אז קארל דער 10טער האט געקענט דערפרעהען זיינע אונטערטאנען מיט דער בשורה, אז ער וועט געזאלבט ווערען מיט דעם הייליגען בוימעל פון קלאדוויג'ען. די ברוכשטיקער פון אל־טען קריגעל זיינען אריינגעזעצט געווארען אין א נייעם, וואס איז באציערט געווען מיט גאלד און איידעלשטיינער, און די ווערט־פולע טראפענס האט מען צעלאזען אין פרישען בוימעל. די אייג־צעלהייטען וועגען דער זאלבונגס־צערעמאניע האבען מיר שוין געגעבען אין פארבינדונג מיט נאפאלעאנ'ס קרוינונג. אויף מאר־גען 10 אזייגער אין דער פריה איז דער קעניג אויף א פרעכטיגען ווייסען פערד, אין דער באגלייטונג פון א גלענצענדער סוויטע און א קאמפאניע הוזארען, צוגעריטען צום שפיטאל פון סען־מארק. זיין לייב־דאקטאר מיט א מחנה פון 121 שקרויפעל־קראנקע האט שוין געווארט אויף איהם. דער קעניג, נאך א קורצער תפילה אין דער קאפעלע פון שפיטאל, האט זיך דרייסט גענומען פאר דער מלאכה פון א וואונדער היילער. דער באריהמטער כירורג דיו־פור־איטרען האט זיך ניט געשעמט אונטערצוהאלטען די קעפ פון די חלאים ביי דער קור־קאמעדיע.

לאמארטין האט פייערליך באזונגען די זאלבונג פון קארל דעם 10טען אין א סעריע ליעדער („זאלבונגס־געזאנגען") און וויקטאר הוגא אין אן ענטוזיאסטישער אדע. אבער וועגען דעמזעלביגען דענקווירדיגען געשעהעניש איז אנגעשריבען געווארען א ליעדעלע, וואס האט געבראכט פאר זיין אויטאר א פראצעס און א פאראור־טיילונג. דאס לידעלע האט געהייסען „די זאלבונג פון קארל דעם פראסטען" און דער פארפאסער — בעראנזשע.

---

*) זעה די באמערקונגען צו לאמארטינ'ס „זאלבונגס־געזאנגען".

דער טאָן פון וויקטאָר הוגאָ'ס אָדע — „די זאַלבונג פון קאַרל דעם 10טען", ווי דער פאָלגענדער פערז ווייזט, איז פרום־ביבליש־ראַיאַליסטיש:

„אָבער פאַרבלענדענדיג די ווילדע רציחה פון די רויב-פויגעל, האָט גאָט געראַטעוועט זיין טויב פאַר דער פון אַלעמען פאַרלאָזטער ליליע. זי וועט באַוועהען מיט איהר פליגעלע דעם קעניג — דאָס גליק איז קאַרלען געגעבען! קאַרל וועט געזאַלבט ווערען לויט דעם פאַרצייטיגען מנהג, ווי שלמה, דער מלך חכם, וועלכער האָט פאַרזוכט פון דער הימלישער סעודה, ווען צדוק און נתן האָבען געגאָסען אויף איהם זאַלב-אויל, און האָבען זיך צו איהם דערנעהנט און איהם אַ קוש געטאָן אין שטערן און געזאָגט: „לעבען זאָל ער אייביג".

דער טאָן פון בעראַנזשע'ס פּאָעמע איז אָפּשפּעטעריש ביז גאָר. ער ווענדט זיך צו די שפּערלינגען, וואָס לויט'ן אַלטען מנהג זיינען זיי אריינגעלאָזען געוואָרען אין דער קירך, כדי ארומצופליהען בעת דער צערעמאָניע, און ער באַשווערט זיי, זיי זאָלען היטען זייער פרייהייט בעסער, ווי די מענשען האָבען געהיט זייערע:

„פראַנצויזען, פאַרזאַמעלט אין ריימס, שרייען: מאָנזשוא און סען־דעני! מען האָט ווידער געבאַקען אַ הייליגע מצה און ווי אין די צייטען פון אונזערע אָבות האָט מען אריינגעלאָזען אַ סך פויגעלעך, וואָס שטיפעריש פלאַטערען זיי איבער דער קירך. — אָט די פאַלשע אָנזאָגער פון געבראַכענעם יאָך רופען ארויס אַ שמייכעל ביי זיין מאַיעסטעט. שרייט דאָס פאָלק: פויגעלעך, זייט קליגער פון אונז, היטען זאָלט איהר, היטען אייער פרייהייט!... פויגעלעך!... דער קעניג בעל מופת וועט אויסהיילען אַלע, אַלע שקרויפעלדיגע. לויפט, לויפט! איהר אַליין פון זיין נאָנצער סוויטע פאַרטרייבט די מרה־שחורה. איהר ווייסט גאָר: איהר וואָלט געקענט פאַראומרייניגען זיין טראָן, פליהענדיג איבער איהם. אָבער די פרומאַקעס האָבען תליונים געשטעלט אויף דער וואַך. שרייט דאָס פאָלק: פויגעלעך, מיר זיינען מקנא אייערע פליגלען, היטען זאָלט איהר, היטען אייער פרייהייט!"

ניט רעכענענדיג דעלאַווינ'ען, וועלכער איז אייגענטליך אַ שפּראָצלינג פון 18טען יאָהרהונדערט — אַ זינגער פון פאַטערלאַנד

און רעוואָלוציע, ווי ער ווייזט זיך פאַר אונז אין זיינע „מעזע־ניען" — איז פיער דע בעראַנזשע דער איינציגער פּאָעט, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פון דערווייטען פון דער הערשענדער גרופּע דענקער און פּאָעטען. געבאָרען אין 1780, איז ער אַלט געוועזן ניין יאָהר ביים שטורמען פון באַסטיליען. דער רושם פון דער געשעהעניש איז איהם געבליבען איינגעקריצט אין זכרון אויפ'ן גאַנצען לעבען צוזאַמען מיט דעם איינדרוק, וואָס וואָלטער'ס ווערק האָבען געמאַכט אויף זיין קינדערשען מוח. אַן אַנעקדאָט, וואָס דערצעהלט זיך וועגען איהם, ווייזט ווי פריה דער יונגער בעראַנזשע האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך זיינע רעליגיעזע מיינונגען. איינמאָל, אַלס 13 יעהריגער אינגעל, בעת אַ שרעקליכען געוויטער, איז ער געשטאַנען און חוזק געמאַכט פון זיין מומען, וועלכע האָט באַשפּרענקעלט מיט הייליגען וואַסער דאָס צימער פאַר אַ סגולה געגען די דונערען און בליצען. פּלוצלונג האָט אַ בליץ זיך אריינגעריסען אין צימער, פאַרבייגעהענדיג אַזוי נאָהענט צו איהם, אַז ער איז געפאַלען אַ באַוואוסטלאָזער צו דר'ערד. ער איז לאַנג צו זיך ניט געקומען, און מען האָט געמיינט, אַז ער איז שוין טויט. אָבער קוים האָט ער אויפגעעפענט די אויגען, ווי ער האָט אויסגעשריען מיט נצחון צו זיין גוטער, פרומער מומען: „הא, וואָס האָט געהאָלפען דיין הייליג וואַסער?" דער אַנעקדאָט שיינט צו זיין אמת און ער ווערט דערצעהלט — ניט צו זיין שבח — פון אָרטאָדאָקסישע שרייבער. און אָט אין זעלביגען גייסט האָט ער איצט אַטאַקירט די בורבאָנען: דאָס הייליג וואַסער האָט זיי אויך קנאַפּ־וואָס געהאָלפען.

און בעת די בורבאָנען האָבען זיך אַזוי לעבערליך געמאַכט, איז געשעהן אַ מאָדנע זאַך. אַ פּאָעטישער שיין האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אויף דעם אמאָל פאַרהאַסטען נאָמען נאַפּאָלעאָן. פון אַ היסטאָרישער איז ער פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מיטהישער געשטאַלט; ער איז געוואָרען אַ לעגענדאַרישער העלד נאָך ביים לעבען. די נעצוואונגענע אומעטיגקייט, וואָס האָט פּלוצלונג איבערגעריסען דעם שטורם פון זיין ענערגיע, וואָס האָט געמאַכט גאַנץ אייראָפּאַ קאָכען ווי אַ קעסעל, האָט מעכטיג געווירקט אויף די מוחות און גע'כישופ'ט די פאַנטאַזיע פון פאָלק. אין נאַפּאָ־

לעאָנ'ס צווייטער געגויטער אַפּראַנקונג איז איינענטליך קיין שום גרויסעס ניט געווען, און דער איינפאַל איבערצוגעבען זיך אונטער דעם שוץ פון ענגלאַנד איז געווען אַן אומזיניגער. אָבער די גראַ-בע דערנידריגונגען, וואָס ער איז זיך אויסגעשטאַנען פון די ענג-לענדער, האָבען איהם ווידער דערהויבען אין די אויגען פון זיינע אמאָליגע פאַרעהרער. דער ווייטער איינזאַמער אינזעל אין מיטען אָקעאַן איז געוואָרען ווי א פּיעדעסטאַל פאַר זיין הערָאאישער פי-גור. דער ווירקליכער באָנאַפּאַרט האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין א אידעאַלען נאַפּאָלעאָן. די געשיכטע האָט איהם איבערגעגעבען צו דער פּאָעזיע און לעגענדע.

אפילו זיינע פריהעריגע שונאים האָבען זיך ניט געקענט אָפּ-האַלטען פון אויסדריקען זייער באַוואונדערונג פאַר דעם מאַן, צו וועמען אַלעמענס אויגען זיינען געווענדט געווען. דאַמאָלס האָט דאָס שאַטאָבריאַן ארויסגערעדט זיינע באַריהמטע ווערטער:

„ווען מען זאָל אריינשלאָגען א שטעקען אויפ'ן ברעג פון ברעסט און אַנטאָן אויף איהם נאַפּאָלעאָן'ס גראָהען ראָק און הוט, וואָלט עס גענוג געווען אז גאַנץ אייראָפּאַ זאָל זיך נעהמען פאַר די וואַפען".

דאַמאָלס האָט בעראַנזשע אָנגעשריבען זיין ריהרענדען ליעד „פאָלקס-זכרונות". דאָס ליעד מאָלט אפשר דאָס איינפאַכסטע, שעהנסטע בילד פון לעגענדאַרישען העלד, אָבער גלייכצייטיג א בילד, וואָס איז אַם וועניגסטען עהנליך צו דעם ווירקליכען מענש, וויל נאַפּאָלעאָן ווערט דאָ געשילדערט פונקט אזוי מילד, ווי גרויס ער איז געווען. עס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„וועגען זיין רוהם וועט מען לאַנג דערצעהלען אונטער די שטרויענע דעכער. אין א פּאָר יאָהר ארום וועט מען אין די קליי-נע שטיבלאך פון קיין אנדער געשיכטע ניט וויסען."

די עראינערונגען וועגען קייזער ווערען אריינגעלענט אין מויל פון אַן אַלטיטשקער, וועלכע האָט איהם געזעהן צו פאַרשיידענע צייטען — צוערשט, אַלס זיעגרייכען גענעראַל, דערנאָך אַלס גליק-ליכען פאָטער אויפ'ן וועג צום פאַריזער „נאָטר-דאַם", צולעצט אַלס פאַרטיידיגער פון פראַנקרייך געגען די פאַראייניגטע אַר-מעען. פאַר א מוסטער קענען דיענען די פאָלגענדע שורות:

„קינדער מיינע, איבער אט דעם דארף איז ער געגאנגען אין דער באגלייטונג פון קעניגע. עס איז שוין א סך יאהרען אין דעם : גאר וואס מיין אייגענע באלעבאטישקייט איינגעפיהרט. צו־פוס איז ער ארויף אויפ׳ן בערגעל, וואו איך בין געשטאנען, כדי בעסער צו זעהן ; אין א גראהען ראק און קליינעם הוט. איך האב מיך פארשעמט. ער האט געזאגט : „באן־זשור, מא שער... גוט מאר־גען, ליעבינקע !... — ער האט גערעדט צו דיר, באבע ? ער האט גערעדט?"

די יונגע לייט, וואס זיינען ניט לאנג צוריק צופרידען געווען, וואס זיי קענען ברעכען די רייהען און אנטלויפען פון דער אייזער־נער דיסציפלין, האבען גענומען קוקען מיט בענקשאפט צוריק צו די הערליכע טעג פון קאנסולאט און אימפעריע. זיי האבען גע־חלומ׳ט, שרייבט מיוסע, וועגען דעם אייז פון רוסלאנד און דער זון פון די פיראמידען, און די וועלט איז זיי איצט פארגעקומען אזוי לעדיג און גראה.

„איצט איז דער קעניג פון פראנקרייך געזעסען אויף זיין טראן, און מאנכע האבען געהאלטען פאר איהם זייערע היט און ער האט ארונטערגעווארפען נדבות, און מאנכע האבען געשטרעקט צו איהם צלמים, און ער האט געקושט. און ווען די בחורים׳לעך האבען גערעדט וועגען רוהם, איז דער ענטפער געווען : „ווערט גלחים !" און ווען זיי האבען גערעדט וועגען עהרע, איז ווידער דער ענטפער געווען : „ווערט גלחים !", און ווען זיי האבען גע־רעדט וועגען האפנונג, ליעבע, לעבען און ענערגיע, איז נאך אלץ דער ענטפער געווען : „ווערט גלחים !" *) און זיי זיינען געווארען. ווארום און ווי אזוי זיי זיינען געווארען גלחים, דערוויסען מיר זיך פון די ראמאנען, וואס שילדערען יענע צייט, ווי בעיל׳ס „רויט און שווארץ". דאס איז זיכער געווען א גאלדענע צייט פאר די גלחים. דריי טעג נאך דער פראקלאמירונג פון דער מאנארכים־טישער „טשארטע", דעם 7טען יוני פון 1814, זיינען פארעפענט־ליכט געווארען די דעקרעטען, וואס האבען איינגעפיהרט געצוואונ־גענע אפהיטונג פון זונטאגס און פייערטעג. די פראנצויזען הא־

---

*) אלפרעד מיוסע — „די וידוי פון א קינד פון דער צייט".

בען נעדאַרפט ווערען קאַטויליקען אונטער דער שטראָף פון געזעץ. אפילו די אָנגעהערינגע פון אנדערע אמונות זיינען פאַרפליכטעט געווען צו דעקאָרירען זייערע הייזער בעת די קאַטוילישע פּראָצעסיעס. דעם 7טען אויגוסט פון זעלבינגען יאָהר איז מיט פיעל פייערליכקייט צוריק אויפגעשטעלט געוואָרען דער אָרדען פון די יעזואיטען. די גאַנצע פאָלקסבילדונג איז אריבער אין די הענד פון דער גייסטליכקייט. פון אוניווערזיטעט איז אוועקגענומען געוואָרען די דעה — אויף ווי ווייט עס איז נאָר מעגליך געווען — ווען ניט צוליעב אַן אנדער טעם, איז שוין צוליעב דעם אליין, וואָס אַ גרויסע צאָהל סטודענטען האָבען זיך באַטייליגט אין דער פאַרטיידיגונג פון פּאַריז נעגען די פרעמד-לענדישע טרופּען ד. ה. נעגען די בונדס-גענאָסען פון דער מאָנאַרכיע.

ארום יענער צייט האָט די קאַטוילישע קירך גענומען פיבערען מיט אַ נייעם פּראָצעס (דאָס פאַלט צונויף מיט זשאָזעף־דע־מעסטר׳ס און לאַמענע׳ס אַטאַקעס אויף גאַליקאַניזם — די טענדענץ צו זעלבסטשטענדיגקייט ביי דער פראַנצויזישער קירך, צו אומאָפּהענגיגקייט פון רוים). דער פיבער האָט אפילו לאַנג ניט אָנגעהאַלטען, אָבער דער פּראָצעס איז זיך אָנגעגאַנגען ווייטער, און אין אַ פּאָר צעהנדליג יאָהר ארום האָט ער געבראַכט צו אַ מערקווירדיגען רעזולטאַט — צו אַ פאָלשטענדיגער אייניגקייט צווישען אַלע קאַטויליקען, וואָס דאָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרען. קאַטוילעציזם און אונטערוואָרפענקייט צו רוים זיינען געוואָרען איין זאַך. און אין פאַרבינדונג מיט דעם איז אין 19טען יאָהרהונדערט פאָרגעקומען אַ צווייטער, אַן עהנליכער פּראָצעס, וואָס זיין רעזולטאַט איז געווען פּונקט אזוי אומערהערט. די רעליגיעזע אייניגקייט האָט זיך פאַרשפּרייט אפילו איבער די גרעניצען פון דער רוימיש־קאַטוילישער קירך. די פּראָטעסטאַנטישע קירך שטרעקט אויס איהר האַנד צו דער קאַטוילישער, וואָס איז איהר אַמאָל אזוי פאַרהאַסט געווען ווי די „הור פון בבל". וואַרפענדיג אַ בליק אויף דער ווייטערדיגער רעליגיעזער ענטוויקלונג פון דעם יאָהרהונדערט, געפינען מיר, אַז אין אונזערע טעג איז די נפקא מינה צווישען אָרטאָדאָקסישען פּראָטעסטאַנטיזים און קאַטוליציזם נאָר אַן אויבען־אויפיגע; אויב דער קאַטוליציזם גלויבט

אין דער אומפעהלבארקייט פון פאפסט, גלויבט דער פראטעסטאנ־טיזם אין דער אומפעהלבארקייט פון דער ביבעל; אויך די פראטעסטאנטען פארווארפען די פארנונפט פון 18טען און די וויסענשאפטליכע קריטיק פון 19טען יאהרהונדערט; זיי געהען צוריק צו דער אמונה פון 16טען און 17טען יאהרהונדערט, און אפילו די יאהרהונדערטען זיינען ניט גענוג ארטאדאקסיש פאר זיי; לוטער איז פאר זיי אויך צו וויט פארגאנגען. שלייערמאכער ווערט שוין גאר געהאלטען פאר א פריידענקער פון די ארטאדאקסישע דייטשען, פונקט ווי באסועט'ס שטעלונג ווערט געטאדעלט פון די פראנצויזישע קאטוליקען. ער ווערט באטראכט פאר אן אפיקורס, אויף וויפיעל ער איז באשטאנען אויף דער אומאפהענגיגקייט פון דער פראנצויזישער קירך. מיר געדענקען, אז אויך דע־מעסטער האט קיין גוטווארט פאר איהם ניט געהאט. אפילו מאנטאלאמבער, אין זיין בוך „וועגען די קאטוילישע אינטערעסען אין 19טען יאהרהונדערט דערמאנט איהם צום שלעכטען, מיט פארוואורף.

אבער דערמיט באנוגענט מען זיך ניט. די שרייבער אין די קאטוילישע צייטונגען און זשורנאלען לאזען זיך שרייבען היסטארישע מאמרים, וואס שיטען פעך און שוועבעל אויף די גרויסע זשעניען פון רוים און גריכענלאנד, די פאטערס פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציע — א מין קרייצצוג געגען פינדארען, פלאטא, ווירגיל. [אין דער דענישער ליטעראטור איז פאראן א פאראלעל צו דעם אין גרונטוויג'ס פריהסטע היסטארישע באטראכטונגען]*) און מאנטאלאמבער, אין דעם אויבען־דערמאנטען ווערק, קען דארום מיט טריאומף מעלדען: „לינגערישע געשיכטע, דעקלאמאטארישע געשיכטע, פאראדיעס אויף געשיכטע, ווי וואלטער, דולאר און שילער האבען געשריבען, אט די מענשען, וואס האבען דער־צויגען אונזערע פאטערס — אזוינס וואלט קוים געפונען א פלאץ היינט צו טאג אפילו אין א פעליעטאן.״

איין בליק אין לאמענע'ס בו־עף איז גענוג צו איבערציינען

*) זעה סעטע — „די פילאזאפיע און די רעליגיעזע ווידערגעבורט״ אין „רעוויו דע מאנד״, 1853, 1.

אונז, אַז איין גרויסע סבּה פון דער יולי-רעוואָלוציע זיינען געווען די מעשים פון דער קלעריקאַלער פּאַרטיי. די יעזואיטען האָבען געשפּיעלט די ראָלע פון די שטורם-באַטאַליאָנען פון פאַנאַטיזם. מיסיאָנערען, וואָס זייער בלינדער גלויבען איז געווען לויט דער מאָס פון זייער גראָבער אומוויסענהייט, זיינען צושיקט געוואָרען איבער'ן גאַנצען לאַנד. זיי פּלעגען אָפט באַקעהרען גאַנצע רעגי־מענטען, וועלכע פלעגען גלייך פון דער קאַזארמע, אונטער דער קאָ־מאַנדע פון זייערע אָפיציערען, געהן אין קירך אריין.

דער קולט פון דער יונגפרוי האָט זיך ענטוויקעלט, ווי קיינ־מאָל פריהער. דער גלויבען אין מאַריע האָט דורכגעמאַכט די זעלבע שטופען, ווי דער גלויבען אין קריסטוס אמאָל, נאָר א סך שנעלער. זי איז גראַדענווייז פון א מענשליך ווזען דערהויבען געוואָרען צו א געטליכען.

לאָמיר א ווײַלע באַגלייטען דעם פאַרלויף פון דער רעליגיע־זער רעאַקציע איבער דער פּעריאָדע, וואָס ווערט דאָ פון אונז באַ־האַנדעלט, און מיר וועלען זעהן מיט וועלכע ריעזיגע שריט זי האָט געשפּרייזט.

די דאָגמע, אַז מאַריע, ווי יעזוס, איז געבאָרען געוואָרען פון אומבאַפלעקטער באַפרוכטונג, אָן אידעע, פון וועלכער דער מיטעל־אַלטער, אין 12טען יאָהרהונדערט, האָט זיך אָפגעטרייסעלט, ווערט איצט ענדגילטיג אָנגענומען און סאַנקציאָנירט. און אומבאַמערקט פאַרבייט מאַריע קריסטוסען און זי ווערט די געטין פון פראַנק־רייך, ווי זי איז שוין געווען די געטין פון איטאַליען און שפּאַניען. אין איינעם פון די לערען-ביכער, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרען אין די קאַטוילישע סעמינאַרען*), לייענען מיר: „די געבענשטע בתולה דאַרף געעהרט ווערען אַלס דאָס ווייב פון גאָט דעם פאָטער, ווייל מיט איהר און דורך איהר האָט ער געבאָרען אונזער האַר און דערלייזער יעזוס קריסטוס; אין איהר עהרען אַלע די וואונ־דערליכע און געטליכע שאַצען, מיט וועלכע גאָט האָט זי באַשאָנ־קען, צוטיילענדיג איהר מיט פולער מאָס זיין פרוכטבאַקייט,

*) „האַנדבוך פון יראת שמים פאַר דעם געברויך אין די סעמי־נאַרען", 7טע אויפלאַגע, פּאַריז 1835.

חכמה, קדושה און געטליכע לעבענס־עשירות". אין אַ חבור וועגען דער אומבאַפלעקטער באַפרוכטונג, פאַרפאַסט פון ערץ־בישאָף מאַלו, ווערט מאַריע פאַרגעשטעלט אַלס אַ וועזען, וואָס איז גלייכצייטיג גאָט'ס טאָכטער, גאָט'ס ווייב און גאָט'ס מוטער; און אַזוי פאַרוויקלט זיינען זיי פירושים צו די שייכות'ן צווישען די דריי פערזאָנען פון דער דרייאייניגקייט, אַז לויט איין פירוש זיינעם קומט אויס, אַז מאַריאַ איז די טאָכטער פון איהר אייגענעם זוהן. אין אַ בוך פון אַבאַט גילאַן „מאַריע'ס לוין" ווערט זי פאַרגעשטעלט אַלס אַ מין הויפט־גאָטהייט, צו וועלכער עס לוינט זיך דאַרום אַם בעסטען תפילה צו טאָן, „צו זיין די מוטער פון גאָט, מיינט צו האָבען אַ סאָרט מאַכט איבער גאָט, אָדער אויב עס איז דערלויבט אַזוי אויסצודריקען זיך אַ סאָרט **אויטאָריטעט** איבער גאָט". די אויטאָריטעט אויף אַזאַ אופן דערגרייכט איהר טריאומף אין מאַריע.

די מאַריע־פאַרגעטערער, אויף דעם שטייגער פון די סכאָלאַסטען פון מיטעל־אַלטער, לאָזען זיך זאַמלען באַווייזען אויף דער אומבאַפלעקטער באַפרוכטונג, פון די שריפטען פון די קירכען־פאָטערס. איין גלח מיט'ן נאָמען סאַסאַגליאַ האָט אָנגעזאַמעלט 8,000 באַווייזען. ערץ־בישאָף מאַלו דערקלעהרט, אַז ער אַליין קען צושטעלען ניט ווייניגער פון 800,000 באַווייזען. דער קאָפּ גערהמט אַזש שווינדלען!

נאָך דער מאַריע־פאַרגעטערונג איז אַרום מיטען פון יאָהר הונדערט ווידער אויפגעלעבט געוואָרען דער קולט פון רעליקוועס, — די אָנבעטונג פון הייליגע ביינער און אַנדערע רעשטלעך פון הייליגע; וואָרים די רעליקוועס, וואָס האָבען אויפגעהערט צו טאָן וואונדער בעת דער רעוואָלוציע, האָבען ווידער גענומען אַרבייטען פאַר אַ דור, וואָס איז דערצויגען געוואָרען פון די יעזואיטען. אין 1844 האָט בישאָף אַרנאָלדי פון טריער אויסגעשטעלט דעם מאַנטעל פון דערלייזער — אַ לייווענטענער בגד פון איין שטיק — וואָס ווערט דערמאָנט אין אַ פאַלסיפיצירטען פּאַראַגראַף, וואָס איז אַריינגעשטעלט געוואָרען צווישען די יאָהרען 1106 און 1124 אין אַ דאָקומענט פון פּאַפּסט סילוועסטער פון יאָהר 327. (אַז

דער פּאַראַגראַף איז אַ פֿאַלסיפֿיקאַציע, איז פֿעסטגעשטעלט גע־וואָרען פֿון די דייטשע היסטאָריקער י. גילדסמייסטער און ה. פֿאָן זיבעל. דאָרט רעדט זיך, אַז דער מאַנטעל איז אַ מתנה פֿון קייזערין העלענא צום קאַטעדראַל פֿון טריער.) לויט בישאָף אַרנאַלדיס פֿאַר־זיכערונגען, דאַרף דאָס זיין דער קיטעל, וואָס אין קאַפּיטעל 19 פֿון יוחנן'ס עוואַנגעליום ווערט געזאָגט, אַז יעזוס האָט איהם גע־טראָגען אויפֿ'ן וועג צו דער קרייציגונג. אבער אויסער דעם היילי־גען קיטעל פֿון טריער זיינען נאָך דאָ עטליכע און צוואַנציג אַזעלכע קיטלען אין פֿאַרשיידענע טיילען פֿון דער וועלט, און וועגען אַלע ווערט פֿאַרזיכערט, אַז זיי זיינען עכט. איינער אין גאַלאַטיען איז אַ סך עלטער פֿון טריער'ער קיטעל. מעהרערע פֿון זיי זיינען אַטעסטירט אַלס עכטע דורך פּאַפּסטליכע בריעף. ווען פּאַפּסט גרעגאָרי דער 16טער האָט אין יאָהר 1843 באַשטעטיגט דורך אַ דעקרעט, אַז דער קיטעל פֿון אַרזשאַנטייל איז דער איינציג עכטער, האָבען די פֿרומע לייט פֿון טריער זיך ניט געוואָלט בויגען פֿאַר'ן דעקרעט, טענהנ'דיג, אַז שוין אין יאָהר 1514 האָט פּאַפּסט לעאָ דער 10טער אַנערקענט די עכטקייט פֿון זייער קיטעל. אין רעזול־טאַט האָט מען גענומען עולה לרגל זיין צו ביידע. גערעס אין זיינע „היסטאָריש־פּאָליטישע בלעטער" פֿרעהט זיך מיט דער גרויסער צאָהל עולה־רגל'ניקעס, וואָס דער הייליגער קיטעל פֿון טריער ציהט.

די רעליגיעזע רעאַקציע דערגרייכט צולעצט איהר הויך־פּונקט אין דער באַריהמטער ענציקליקע פֿון פּאַפּסט פּיוס דעם 9טען, וואָס שטעמפּעלט פֿרייען געדאַנק אַלס דעם היץ־פֿיבער פֿון פֿרייהייט און לעגט אין חרם אריין ציווילע היראַט, צעטיילונג צווישען קירך און שטאַאַט, פֿרייהייט פֿון רעליגיע, פֿרייהייט פֿון פּרעסע און פֿרייהייט פֿון וואָרט און די פֿאַרפֿיהרערישע אידעע, אַז די קירך דאַרף מאַכען שלום מיט פּראָגרעס, ליבעראַליזם און מאָדערנע ציוויליזאַציע. אָבער נאָך רעאַקציאָנער אויסגעהאַלטענער, ווי די ענציקליקע, זיי־נען די שריפֿטען, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען צו איהר פֿאַר־טיידיגונג — דעם דייטשען בישאָף קעטלער'ס „די פֿאַלשע און די אמת'ע פֿרייהייט" און דעם פֿראַנצויזישען בישאָף דיופּאַנלופּ'ס „די קאָנווענציע פֿון 15טען סעפּטעמבער און די ענציקליקע פֿון 8טען

רעצעמבער", וואָס דערקלערט און באַרעכטיגט דעם פּאַפּסט'ס פעסטע שטעלונג קעגען „דער חוצפה'דיגער אַפּלייקענונג פון אַלע גרויסע אמת'ן, וואָס דיענען אַלס פונדאַמענט פאַר דער מענשליכער געזעלשאַפט". זאָל נאָר קיינער ניט מיינען, אַז די דאָזיגע פּאַמפּלעטען זיינען סענסאַציאָנעל אין טאָן אָדער אַז זיי זיינען פול מיט שרייענדען אומזין. סיי מיט זייער מאַנערע און סיי מיט זייער אינהאַלט דערמאָנען זיי גאַנץ שטאַרק די מעסיגע אַרטיקלען אין אַ ליבעראַלער דענישער ציַיטונג.

צו אַזעלכע רעזולטאַטען האָט געבראַכט די נייַ־קאַטוילישע באַוועגונג. אָבער זאָל דאָ באַמערקט זיין, אַז די דאָזיגע רעזולטאַטען געהערען דורכאויס צו דער פּאָליטישער געשיכטע, בשום אופן ניט צו דער ליטעראַטור־געשיכטע. י ע ד ע ב אַ ו ו ע ג ו נ ג ה אַ ל ט אָ ן א י ה ר ו ו י ר ק ו נ ג א ו י ף ד ע ם א ל ג ע מ י י נ ע ם פ אַ ר ל ו י ף פ ו ן ד י ג ע ש ע־ ה ע נ י ס ע ן, אַ צ י י ט נ אָ כ ד ע ם, ו ו י ז י ה אָ ט א ו י פ ג ע ה ע ר ט צ ו ב אַ א י י נ פ ל ו ס ע ן ד י ל י־ ט ע ר אַ ט ו ר. אויף דער ליטעראַטור ווירקט זי נאָר כל זמן זי האָט אין איהר דיענסט ניט נאָר מאָנאַרכען, אדעל־לייט און בי־שאָפען, נאָר אויך מענשען פון גייסט און טאַלאַנט. נאָך דעם יאָהר 1830 איז דאָס שוין מעהר ניט דער פאַל מיט דער רעליגיעזער רעאַקציע אין פראַנקרייך. די נפקא מנה צווישען דער רעאַקציע פון 1820 און דער רעאַקציע, וואָס האָט ארומגעכאַפּט די אויסגע־מאַטערטע און אומגליקליכע פראַנקרייך נאָך דער מיליטערישער מפּלה און דער קאָמונע פון 1870־1871 — די נפקא מנה איז אין דעם, אַז דער ערשטער קרייץ־צוג קעגען ליכט האָט געהאַט כמעט יעדען פראַנצויז מיט אינטעלעקט און טאַלאַנט אין זיין דיענסט און זיין אַרמיי, בעת דער צווייטער קרייץ־צוג קען אפילו ניט אָנ־ווייזען אויף קיין איינציגען שטיצער מיט עפּעס אַ ליטעראַרישען נאָמען.

לאָמיר איצט זעהן, ווי די ערשטע רעאַקציע איז געקומען צו איהר סוף. ערשטענס איז זי אַטאַקירט געוואָרען פון דרויסען. די טעגליכע פּרעסע האָט גענומען פּראָטעסטירען קעגען דער פּאָליטיש

פון האס צו בילדונג; בעראַנזשע האָט געזונגען ליעדער וועגען דעם; אַן אונטערנעמערישער פאַרלעגער, מיט'ן נאָמען טוקע, האָט צווישען 1817 און 1824 ארויסגעלאָזען 31 טויזענד קאָפּיעס פון וואָלטער'ס ווערק (1,598,000 ביכער); 24,500 פון רוסאָ'ס ווערק. ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרען און דער פאַרקויף פון די ביכער איז פאַרוועהרט געוואָרען. דאָס אָבער האָט ארויסגערופען אזא שטורם, אז די „גלאָב" האָט נביאות געזאָגט, אז די פראַנצויזען וועלען מאַסענוויִיז זיך נעהמען אָפּזאָגען פון קאַטוילִיציזם. דאָס האָט געווירקט און פראַנקרייך איז באַלד ווידער פאַרפלייצט געוואָרען מיט טוקע'ס אויסגאַבען.

דער צווייטער, אַן וועמען די רעגירונג האָט געזוכט זיך נוקם צו זיין, איז געווען א מייסטער פון שפּראַך, וועלכער האָט געשריבען סאַטירישע פּאַמפלעטען מיט אזא פויערשער פּשוט'קייט, אז זיי האָבען געשטאָכען שאַרפער פון שפּיזען.

פּאָול לואי קוריע, געבאָרען אין פּאַריז אין 1793, איז געווען איינער פון די פיינסטע שרייבער פון זיין צייט. זיין פאָטער, א רייכער בורזשואַ, איז אין זיין יוגענד שיער ניט ערמאָרדעט געוואָרען, ווייל ער האָט געפיהרט א ליעבע מיט א יחוס'דיגער דאַמע, און פון זיין פאָטער האָט פּאָול לואי גע'ירשנ'ט א ברענענדע שנאה צו די גדלות'דיגע פּוסט־און־פּאַסניקעס פון דער אַריסטאָקראַטיע. צו צוואַנציג יאָהר איז ער אריינגעטראָטען אין אַן אַרטילעריע־רעגימענט און האָט געדיענט דורך די פאַרשיעדענע קאַמפּאַניעס פון דער רעוואָלוציע, אָבער פון זיי האָט ער ארויסגעטראָגען נור אַן עקעל צו מלחמה. פון זיין פריהסטער יוגענד האָט ער געהאַט א שטאַרקען אינטערעס צו ליטעראַטור, באַזונדערס צו דער אַלטער ליטעראַטור, וואָס ער האָט שטודירט אַלס פילאָלאָג. אין יאָהר 1795 פאַרלאָזט ער זיין רעגימענט און פאַרנעהמט זיך מיט איבערזעצען לאַטיינישע שרייבער. אין 1798 געפינען מיר איהם ווידער אין דער אַרמעע, אין איטאַליען; באַלד שטודירט ער ווידער אין פּאַריז; און קעהרט זיך צוריק קיין איטאַליען, וואו ער נעהמט איבער די קאָמאַנדע איבער א סקוואַדראָן אַרטילעריע. ער האַלט זיך שטיל אונטער דער אימפּעריע; נאָך איהר פאַל באַזעצט ער זיך אויף זיין פאַרם אין טורען און

באשעפטיגט זיך מיט לאנדווירטשאפט און גריכישען אלטערטום.

די רדיפות פון דער זיעגרייכער קלעריקאלער פארטיי קעגען יעדען איינעם, וועמען זי האָט נאָר חושד געווען פאר א שונא, ווי נישטיג ער זאָל ניט זיין אלס שונא — דאָס האָט געצוואונגען פאול לואי קוריע צו נעהמען זיך פאר דער פען און ארויסצוטרעטען אין דער עפענטליכקייט. אין 1816 האָט ער אָנגעשריבען „א פעטיציע צו די צוויי קאמערן”. דאָרט באנוצט ער זיך צום ערשטען מאָל מיט יענעם סטיל, וואָס פלעגט זיך איהם אזוי איינגעבען — דער גראדער און צוגלייך ביטרער פויערשער סטיל, דורך וועלכען עס לויכט דער פיינסטער גריכישער מאָדעל. אין פשוט'ער, קלאָרער, תמיד מעסיגער שפראך דערצעהלט ער וועגען די צרות, וואָס די קלעריקאל־געשטימטע פראָווינציעלע טיראנען טוען אָן די אומגליקליכע פויערים, וואָס האָבען זיך פארשולדיגט מיט ניט אראָפנעהמען דאָס היטעל פאר'ן גלח אָדער מיט רעדען שלעכט וועגען דער רעגיערונג. ער גיט צו, אז עס מוז מסתמא זיין א גוטער גרונד פאר דער באשולדיגונג, ווייל אין זיין געגענד זיינען די גלחים ניט פאָפולער און זעהר וועניג לייט ווייסען וואָס רעגיערונג איז. דאן ווייזט ער, ווי פאר דער נישטיגסטער עבירה'לע זיינען מענשען באשטראָפט געוואָרען, אָהן געזעץ און געריכט, מיט זעקס חדשים געפענגנים, וואָס האָבען געבראכט נויט, קראנקהייט, טויט פאר די קינדער און אנדערע קרובים פון די באשטראָפטע. פערציג זשאנדארען ווערן געשיקט אין א דאָרף, ווי נאָר עס פאלט אויף איהם א חשד אין באנאפארטיזם; די פארדעכטיגע ווערן נאקעטערהייד גענומען פון די בעטען און געשמידט אין קייטען ווי פארברעכער. „זיי ווערן אוועקגעפיהרט; זייערע קרובים, זייערע קינדער וואָלטען זיי נאָכגעפאָלגט, ווען די אויטאָריטעט וואָלט דאָס דערלויבט. אויטאָריטעט, מעסיע! דאָס איז איצט א גרויס וואָרט אין פראנקרייך... אומעטום זעהען מיר אָנגעשריבען שווארץ אויף ווייס: קיין טעמים, נור אויטאָריטעט. אמת, די אויטאָריטעט, פון וועלכער מען רעדט דאָ, איז ניט די אויטאָריטעט פון די קירכען־קאָנגרעסען אָדער פון די קירכען־פאָטערס; נאָך ווע־

ניגער איז זי די אויטאָריטעט פון רעכט; אָבער דאָס איז די אויטאָריטעט פון די זשאַנדאַרען, און זי איז פונקט אַזוי גוט, ווי יעדע אַנדערע".

קוריע האָט ניט געשריבען קיין ביכער, אפילו ניט דאָס, וואָס מען רופט פאַמפלעטען. ער פלעגט טרעפען אין ציעל מיט בראָשורען פון אַ פּאָר זייטלאַך — העכסטענס פון אַ בויגען. מיט אַזעלכע בראָשורען, וואָס זיינען געשריבען מיט בלומרשט נאַאיווער אָפענהערציגקייט, אין דער אמת'ן אָבער מיט דער פאָלקאָמענסטער קונסט פון סאַטירע, האָט ער אָנגעהאַלטען אַן אַגיטאַציע קעגען דער רעגיערונג, קעגען דעם סיסטעם פון גע'ירש'ענטער מאָנאַרכיע פאַר אַ רייהע מיט יאָהרען, ביז ער איז געפאַלען טויט פון דער האַנד פון אַ מערדער, וועלכער האָט איהם דערשאָסען — אין יאָהר 1825.

אַ פּערל פון סאַטירישען הומאָר איז זיין „פּעטיציע פאַר די דאָרפסלייט, וואָס מען לאָזט זיי ניט טאַנצען". אייגענטליך האַנדעלט זיך דאָ וועגען דעם, וואָס די אָרטיגע פּרומאַקעס, די מאַגיסטראַטען און גלחים, פאַרווערען צו טאַנצען אויף די דאָרפישע מאַרקפּלעצער. אָבער אגב אורחא דעקט ער אויך אויף די צביעות, וואָס שטעקט אין די נייע ימים־טובים־געזעצען, און דעם שאָדען, וואָס זיי טוען. ער איז גאַנץ גוט באַוואוסט ביי זיך, אַז די ימים־טובים זיינען לכתחילה איינגעפיהרט געוואָרען פאַר דער טובה פון די קנעכט און לייב־אייגענע — אָבער אין פראַנקרייך זיינען דאָך מעהר קיין קנעכט און לייב־אייגענע ניטאָ. אַז זיי האָבען איינמאָל באַצאָהלט זייערע שטייערן, אַרבייטען די פּויערים דערנאָך פאַר זיך, און צו צווינגען זיי צו רוהען איז לעכערליך; עס איז אפילו ערגער ווי די אַלטע צאָהלונגען, טאַקסעם און צינזען, פון וועלכע לכל הפּחות די גוטסבאַזיצער און די הויפלינגע האָבען הנאה געהאַט, אָבער פּויליצעריי ברייננגט דאָך קיינעם קיין גוטס ניט. ער באַשרייבט די היצעגע יונגע לייטלעך צווישען די דאָרפישע גלחים, וואָס קערען וועלטען געגען טאַנצען און אַלע אַנדערע פאַרגעניגענס, און ער פאַרגלייכט זיי מיט דעם 80 יאָהריגען פּריסטער פון ווערעץ, וועלכער ווערט געשעצט און געליעבט פון זיין קהילה פאַר זיין מילד האַרץ, און געהאַסט און פאַרפאָלגט פון די אויטאָריטעטען, וואָס

קאָנען איהם ניט מוחל זיין די שבועה פון טרייהייט, וואס ער האָט געשוואָרען צו דער קאָנסטיטוציע בעת דער רעוואָלוציע. אין אַ שפּעטערדיגער בראָשורע דערצעהלט ער אונז, אז דער גוטער אַלטער איז ערמאָרדעט געוואָרען. ער שרייבט דאָס אַלץ אָהן כעס'ען זיך און אָהן בייזערען זיך, נאָר מיט א זיפץ פון הארצען: „זאָל דיין ווילען געשעהן, אָ, האר!" ער קען פונדעסטוועגען זיך ניט איינהאַל־טען: „ווער וואָלט דאָס געקענט פאָראויסזאָגען אין די טעג פון אויסטערליץ?"

ער גיט צו, אז די באַפעלקערונג אויפ'ן לאַנד איז איצט א סך געשטעלטער און א סך גליקליכער, ווי אין די טעג פון פאַר דער רע־וואָלוציע, אבער אויך א סך ווענינער פרום. „דער גלח פון אזע האָט פאַריגען פּסח געוואָלט האָבען, אז פיער מענער, וואָס האָבען גענומען דעם סאַקראַמענט, זאָלען טראָגען דעם באַלדאַך צום אַל־טאַר, און אין גאַנצען דאַרף האָט ער קיין פיער אזעלכע מענער ניט געפונען. דער פויער פרעהט זיך מיט דעם חלק לאַנד, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געוואָרען זיין איינענס (דאָס קאָנפיסקירטע לאַנד פון אַדעל און קירך), אז זיין גאַנצע צייט גיט ער אפּ צו זיין חלק לאַנד, און פאַרגעסט אַן רעליגיע און אַלע איבריגע זאַכען". קוריע איז מודה, אז לאַמענע איז געראַכט, ווען ער קלאָגט זיך אויף דער גלייכגילטיגקייט פון פאָלק צו רעליגיע. „מיר באַלאַנגען ניט צו יענע לעבליכע, וואָס גאָט דער האַר, ווי די הייליגע ביבעל דער־צעהלט אונז, ברעכט אויס פון זיין מויל; מיר זיינען נאָך ערגער: מיר זיינען קאַלטע".

ביי קיינעם ניט, אחוץ קוריע, געפינען מיר אזעלכע לעבעדיגע באַשרייבונגען פון די צושטאַנדען אין פראַנקרייך צום סוף פון לואי דעם 18טען'ס רעגירען.

ניט איין מאָל איז ער איינגעשפּאַרט געוואָרען אין געפענגניס פאַר זיינע פּאַמפלעטען, אבער דאָס פלעגט איהם ניט איינשרעקען. אין זיין „ענטפער אויף די אַנאָנימע בריעף" שרייבט ער:

„דאָס איז ניט מיין קלוגהייט, נאָר מיין נאַרישקייט, וואָס האָט מיך אריינגעזעצט אין געפענגניס. איך האָב געגלויבט אין דער „טשאַרטע"; איך מוז עס מודה זיין צו מיין שאַנד... ווען ניט די „טשאַרטע", וואָלט מיר גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלען צו

רעדען צום פּובליקום וועגען די זאַכען, וואָס באַשעפטיגען מיין געדאַנק. ראַבעספּיער, באַרא און דער גרויסער נאַפּאָלעאָן האָבען פאַר צוואַנציג יאָהר מיך געלערנט צו האַלטען דעם צונג... אָבער דערנאָך איז געקומען די „טשאַרטע", און לייט האָבען צו מיר גע־זאָגט; „רעד, דו ביזט אַ פרייער מענש; שרייב דרייסט, דרוק; די פרייהייט פון דער פּרעסע מיט אַלע אַנדערע פרייהייטען איז גאַ־ראַנטירט. וואָס־זשע שרעקסטו זיך?..." האָב איך געזאָגט, מיט מיין הוט אין האַנד: „וועט איהר אַזוי גוט זיין אונז דערלויבען טאַנצען זונטאָג אויפ'ן מאַרק־פּלאַץ?" — „זשאַנדאַרען, נעהמט איהם, זעצט איהם אַריין! דער לענגסטער טערמין און אַ שטראָף דערצו, א. ז. וו., א. ז. וו."

אין אַ צווייטען בריעף שרייבט ער, מיט פּאָלשטענדיגער רו־היגקייט, אָבער אויך מיט ביטערער האַרבקייט, וועגען דעם, וואָס קומט אַרויס פון דער געצוואונגענער בחור'שאַפט פון די פּריעסטער. וועגען איין גלח, וואָס האָט מעהר ווי אַלע געגוואַלדעוועט קעגען די אומשולדיגע טענץ פון די פּויערים, איז אויסגעפונען געוואָרען, אַז ער איז געווען אַ פאַרפיהרער און אַ מערדער. מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק האָט ער ערמאָרדעט אַ פרוי, וועלכע איז געווען זיין מעט־רעסע. און זיינע חברים־גלחים האָבען געזוכט צו וואַרפען די שולד פאַר דעם מאָרד אויף איהר מאַן. דערנאָך האָט ער ערמאָרדעט און צושניטען אויף שטיקלעך אַ יונג מיידעלע, וואָס ער האָט גע־שענדעט. זיין בישאָף האָט איהם, אומבאַשטראָפט, אַריבערגעשיקט איבער'ן גרענעץ, און ער לעבט איצט אין כבוד אַלס פּרעדיגער פון עוואַנגעליזם אין סאַוואָי. קוריע דערצעהלט ווייטער, אַז פאַר־ברעכענס, אוים אָבערגלויבען אין גייציגקייט, ווערן באַגאַנגען אין געגענדען, וואו די איינוואוינער זיינען אַזוי פרום, אַז זיי האַלטען עס פאַר אַן עבירה צו עסען פלייש אום פרייטאָג. און ער זאָגט: „יאָ, דאָס איז אמת'ער, עהרליכער, קינדערשער גלויבען, אָהן אַ סימן פון צביעות". און ער גיט צו קורץ: „מען זאָגט, אַז מאָראַל שטיצט זיך אויף אַזאַ גלויבען".

די קליינע סאַטירע, מיט דעם טיטעל „דיפּלאָמאַטישער דאָ־קומענט", האָט ער אָפּגעדרוקט אין געהיים. דאָס איז כלומרשט אַ בריעף, וואָס קעניג לואי האָט געשריבען אין 1823 צו זיין קוזין

פערדינאַנד פון שפּאַניען נאָך דער מלחמה, וואָס פראַנקרייך האָט געפיהרט מיט שפּאַניען, כדי צוריק אַוועקזעצען אָט דעם צעלאָזע־נעם בורבאָן אויפ'ן שפּאַנישען טראָן. קוריע לאַכט דאָ אויס לואי'ס שטעלונג צו דער קאָנסטיטוציע. פערדינאַנד זיצט שוין צוריק אויפ'ן טראָן, אָבער ער וויל ניט הערען פון אַ קאָנסטיטוציע, און לואי פאַרזיכערט איהם, אַז קאָנסטיטוציע איז ניט נאָר קיין סכנה ניט, נאָר זעהר אַ ניצליכע און אנגענעהמע זאַך פאַר אַ קעניג.

וויכטיג ביז'ן העכסטען גראַד איז דער פּאַמפלעט „פּראָסטע רייד", אין וועלכען קוריע זאָגט זיך דרייסט ארויס קעגען דעם פּלאַן פון דער הויף־קליקע צו זאַמלען געלד דורך אַ פאָלקס סובסקריפּציע, כדי אפּצוקויפען דאָס גוט און שלאָס שאַמבאָר פאַר אַ מתנה פאַר'ן יורש־עצר. דאָס שוואַך, צאַרט קינד, דער הערצאָג פון באָרדאָ, דער שפּעטערדיגער גראַף שאַמבאָר, איז געבאָרען געוואָרען אַ היבשע צייט ארום נאָך זיין פאָטער'ס טויט, און זיין געבורט איז דער־קלערט געוואָרען פאַר... אַ נס! לאַמאַרטין, וויקטאָר הוגאָ און מיוסע, אַלע האָבען באַזונגען דעם נס, לאַמאַרטין און הוגאָ האָבען דאָס קינד פאַרגליכען צום מלך יואש. און אין אַזאַ צייט פון אויפ־געבלאָזענעם ענטוזיאַזם פאַר'ן קעניג און זיין משפחה איז פאַר־עפענטליכט געוואָרען דער אויפרוף וועגען דער פאָלקס־סובסקריפּ־ציע. קומט קוריע און שטעלט זיך רעדען קעגען פּראָיעקט פון זיין עהרליכען פויערשטען שטאַנדפּונקט!

אין גיכען האָבען אַלע היסטאָריקער, אַ חוץ מישאַ, גענומען שרייבען אין אַ גייסט, וואָס האָט גאָרנישט צוגעזאָגט קיין גוטס פאַר דער אויפגעריכטער מאָנאַרכיע. אין 1823 האָט טהיער פאַר־עפענטליכט דעם ערשטען טייל פון זיין געשיכטע, און דער עפעקט איז געוועזען ניט קיין קלענערער, ווי פון בעראַנזשע'ס ליעדער.

עס איז אַ מנהג אין פראַנקרייך, אַז די רעגיערונג זאָל שטיצען ליטעראַטור. אַלע הערשער פון פראַנקרייך האָבען עס געטאָן, מיט דער אויסנאַהם פון נאַפּאָלעאָן, און פון די רעסטאַווירטע בורבאָ־נען האָט מען דערוואַרט, זיי זאָלען נאָכטאָן דעם ביישפּיעל פון זייערע פאָרגענגער. אָבער זיי האָבען געגעבען קאַרגליך, ניט געקוקט דערויף, וואָס די פּאָעטען און די פּראָזאַאיקער האָבען זיי אנטקעגענגעטראָגען אַזוי פיעל פאַרעהרונג און ענטוזיאַזם. דער־

פאר אָבער מיט די פּאָר אומצופרידענע שרייבער האָבען זיי זיך אָפּגערעכענט, ווי ווייט עס האָט זיך נור געלאָזט; צו באַשטראָפען בעראַנזשע, האָבען זיי זיין קאָנקורענט, דעזאַזשיע, געמאכט פאר דעם ליעבלינג פון הויף; דעלאַווינען האָבען זיי באַשטראָפט מיט אוועקנעהמען ביי איהם זיין ביבליאָטעקער־אַמט.

אָבער געפעהרליכער פון די אַטאַקעס פון דרויסען זיינען גע־ווען די מיקראָבען, וואָס האָבען גענומען אויפלייזען די שולע פון אויטאָריטעט פון אינווענינג. די פּאָעטען און די פּראָזאאיקער, וואָס האָבען צענויפגעשטעלט די אַזוי גערופענע עמאַנועל־גרופּע — די גרופּע לעגיטימיסטען־ראַיאַליסטען — האָבען דערפיהלט, אַז זייערע פּרינציפּען וואַקלען זיך.

מיר האָבען שוין געזעהן, אַז לאַמענע האָט שוין געהאַלטען ביים אָפּפאַלען. און זיין גורל איז געווען דער גורל פון אַלע איב־ריגע. די שפּראַצען פון נייעם האָבען געדענגט זייערע געמיטער, וויפיעל מיה זיי האָבען זיך ניט געגעבען צו שטעהן פעסט מיט'ן אַלטען.

דאָס איז באַזונדערס צו מערקען ביי אַלפרעד דע וויני, וועל־כער באַלאַנגט צו אַ דור, וואָס איז אַביסעל אינגער פון לאַמאַרטינס און אַביסעל עלטער פון וויקטאָר הוגאָ'ס. זיין משפחה, ווי מיר האָבען געזעהן, איז געווען אַ ראַיאַליסטישע. זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַן אָפיציער, וואָס האָט געבלישצעט אין הויף פון לואי דעם 15טען, האָט פאַרלאָרען אַלע זיינע גיטער אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע. נאָך דעם פאַל פון דער אימפּעריע, האָט דער פאָטער אויף זיינע הוצאות אויסגעריכט אַלפרעד'ען, דאַן אַ זעכ־צעהניעהריג אינגעל, אין זשאַנדאַרען קאָרפּוס פון דער גוואַרדיע. ווען עס זיינען געקומען נאַפּאָלעאָנ'ס „הונדערט טעג", האָט אַלפרעד באַגלייט דעם קעניג אַ שטיק וועג אין זיין פּליטה; און ווען די „הונדערט טעג" זיינען אריבער, האָט ער געקראָגען דעם ראַנג ליי־טענאַנט אין דער קעניגליכער לייב־גוואַרדיע. אָבער די צייט פון אַקטיווען דיענסט איז אַוועק; פּאַראַויס — דער לאַנגווייליגער דיענסט אין גאַרניזאָן; און דער יונגערמאַן האָט געזוכט זיך צו באַלוינען דערפאַר מיט פלייסיגער אינטעלעקטועלער אַרבייט.

אין זיין קינדהייט איז אַלץ געטאָן געוואָרען, כדי אָפּצוּאוועג־

דען זיינע געדאנקען פון נאפאלעאנ'ען און אלץ, וואס האט געהאט א שייכות צו איהם. כמעט גלייך פון שול־באנק טוט מען איהם אן א הימעל מיט א ווייסער קאקארדע און מען גיט איהם אריין אין דער בורבאנישער גווארדיע. אבער די אומדאנקבארע בורבאנען — אומדאנקבאר, ווייל זיי האבען געהאלטען, אז אלץ קומט זיי, האבען איהם געלאזט ווארטען גאנצע ניין יאהר ביז צו קאפיטאן, און דער ראנג איז איהם אויך צוגעפאלען דורך סעניאריטעט — דער עלטסטער אויף דער רייה געוועזן.

ווען ער האט זיך גענומען צום שרייבען, האבען זיינע ביכער גאר ניט נושא חן געווען ביים נארישען הויף; הגם זייער גייסט איז דורכאוים ראיאליסטיש, האט דער הויף דאך אויסגעשפירט אין זיי מרידה. מען האט איהם באשולדיגט אין ליבעראליזם, ווייל קארדינאל רישעליע פארשטעלט ביי איהם קעניג לואי דעם 13טען. וואס האט איהם געטויגט די עהרפורכט פאר דעם קעניג־ליכען הויז וואס דער פאטער האט געפלאנצט אין איהם פון זיין פריהסטער קינדהייט? ער ווערט ניט אפגעשעצט! איצט זעהט ער איין, וואס די עהרפורכט איז אין דער אמת'ן — „אן אבער־גלויבען, א פאליטישער אבערגלויבען, א גרונדלאז, קינדעריש, אלט איינריידעניש וועגען א חוב וואס ליגט אויף איידעל געבארענע, א מין וואסאלענטום".

אוים ריטערליכען געפיהל וואלט ער אפשר אויך ווייטער אנ־געהאלטען שטאט, אלס ראיאליסט; ער וואלט, צום ביישפיעל, פארטיידיגט די מאנארכיע בעת דער יולי־רעוואלוציע, ווען מען וואלט עם פארלאנגט פון איהם אלס געוועזענעם אפיציער; אבער אין הארצען איז ער שוין לאנג ניט געוועזן קיין מאנארכיסט — הגם דאס מיינט בשום אופן ניט, אז ער איז געוועזן א דעמאקראט. „די וועלט — שרייבט ער אין זיין טאגע־בוך — וואקעלט זיך צווישען צוויי אבסורדען — מאנארכיע פון גאט'ס גנאדען און סואווערעניטעט פון פאלק.*)

וואס שייך רעליגיע, האט ער נאך פריהער פון איהר זיך אפ־געקערט. טראץ די אלע מלאכים, אויבער־מלאכים, שרים און

*) „דער טאגע־בוך פון א פאעט", ז. 47.

שרפים פון זיינע יוגענדליכע פאַעמען, האָט איהם אם ווינציגסטען געקליידעט צו זיין א ריטער פון רעליגיע. פון נאַטור איז ער גע־ווען מרה־שחורה'דיג און סקעפּטיש — אזוי מרה־שחורה'דיג, אז קיינמאָל ניט האָט א שטראַל פון האָפנונג אָדער א רגע גליק איהם ליכטיג געמאכט אין הארצען, און אזוי סקעפּטיש קעגען דער רע־ליגיע, וואָס האָט גערעדט מיט זיינע ליפּען, ווי ער וואָלט געהאט א פּערזענליכע קריוודע קעגען גאָט און אומשטערבליכקייט.

נאָך אין 1824 גיט ער איבער זיין וועלט־אַנשויאונג (אין זיין טאגעבוך) אין אזא משל:

„איך זעה א מחנה מענשען — מענער, פרויען און קינדער, פארזונקען אין טיפען שלאָף, זיי כאַפּען זיך אויף אין געפענגנים, זיי געוועהנען זיך צו צו זייער געפענגנים און מאכען קליינע גער־טענדלאך, אין הויף. ביסלעכווייז נעהמען זיי מערקען, אז איינער נאָכ'ן אנדערען פון זייער צאָהל ווערט אוועקגענומען, קיינמאָל ניט צוריקצוקומען. ניט זיי ווייסען, ווארום זיי זיינען אין גע־פענגנים און ניט וואו זיי ווערען נאָכדעם אוועקגענומען, און זיי ווייסען אויך, אז זיי וועלען קיינמאָל ניט ווייסען. דאָך, געפינען זיך צווישען זיי אייניגע, וואָס דערצעהלען די אנדערע, וואס עס ווערט פון זיי נאָך דעם געפענגנים־טערמין — דערצעהלען עס אליין ניט ווייסענדיג. זיינען זיי ניט משוגע? עס איז דאָך קלאָר, אז דער האר פון געפענגנים, דער אויבער־אויפזעהער וואָלט דאָך געקענט, אויב ער וואָלט נאָר געוואלט, אונז באַקענען מיט דער קלאַגע, אויף וועלכער מיר זיינען ארעסטירט געווארען, און מיט אַלע איינצעלהייטען פון פראָצעס. אזוי ווי ער האָט עס ניט גע־טאָן, בלייבט אונז נאָר צו דאנקען איהם פאר די מעהר אָדער ווע־ניגער באקוועמע קווארטירען, וואָס ער האט אונז געגעבען...”

דאָ איז א סך פאראכטונג צו די טעאָלאָגען מיט זייערע פּרע־טענזיעס אויף ווייסען און ניט וועניג ביטערקייט הינטער דער דאנקבארקייט צו דעם האר פון געפענגנים. לייענען מיר, צום ביישפּיעל, די פראַזע וואָס קומט גלייך נאָכדעם: „וואָס פאר א גוטסקייט פון גאָט, וואָס פאר א פיינקייט פון געפענגנים-וועכטער, וואָס ער האָט פארזייהט אזויפיעל בלומען אין אונזער געפענגנים־הויף!... ווי זאָל מען דאָס דערקלערען אָט דעם וואונדערליכען,

טרייסטענדען מיטלייד, וואָס מאַכט אונזער שטראָף אַזוי מילד!...
אָבער שטראָף איז דאָס דאָך, קיינער האָט דאָך קיינמאָל ניט גע־
צווייפעלט, אַז מיר זיינען געשטראָפט — מיר ווייסען נאָר ניט
וואָרום."

זעקס יאָהר שפּעטער, באַנוצענדיג זיך מיט'ן זעלבען משל,
שרייבט ער: „איך פיהל, אַ האר, ווי מיין קאָפּ בויגט זיך אונטער
דער לאַסט פון שטראָף, וואָס מאַכט מיך כסדר ליידען! אָבער
אַזוי ווי איך ווייס ניט — ניט מיין פאַרברעכען און ניט די באַ־
שולדיגונג קעגען מיר, מאַך איך שלום מיט מיין געפענגנים.
איך פלעכט שטרוי, כדי צו פאַרגעסען זיך! וואָרים
דאָס איז דער זין פון דער גאַנצער מענשליכער אַרבייט. איך בין
גרייט פאַר אַל־דאָס־בייז, און איך דאַנק דיר, אַ האר, פאַר יעדען
טאָג, וואָס געהט אַוועק אָהן אַן אומגליק!"

אָבער מיט צוויי יאָהר שפּעטער רעדט ער שוין אָפען, אָהן
משלים: „די וועלט איז אויסער זיך פאַר צאָרן איבער די אומגע־
רעכטיגקייטען, וואָס זיינען מיט איהר מיטגעשאַפען; נאָר די
מורא פאַר דער אייביגקייט לאָזט זי ניט רעדען פריי; אָבער איהר
האַרץ איז פול מיט האַס צו גאָט, וואָס האָט באַשאַפען שלעכטס
און טויט. ווען אויף דער וועלט קומט אַ קריעגער קעגען גאָט, ווי
איאָקס, דער זוהן פון עלעי, נעפעלט ער איהר און זי האָט איהם
ליעב. אַזאַ איינער איז אויך דער שטן, אַזאַ איז אַרעסט, אַזאַ איז
דאָן־זשואַן. אַלע, וואָס האָבען זיך געשטעלט קעגען דער אומ־
גערעכטיגקייט פון הימעל, זיינען באַוואונדערט און אין געהיים
געליעבט געוואָרען פון די מענשען."

געוויסע שטעלען אין דע־וויניס טאַגעבוך ווייזען, אַז ביז צו
די סאַמע לעצטע טעג פון דער גע'ירשנ'טער מאָנאַרכיע האָבען די
מענשען פון זיין צייט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, ווי ענג געקניפּט עס
זיינען די ליטעראַרישע, ריין טעאָרעטישע אויטאָריטעט פון איין
זייט און די פּראַקטישע,ווירקליכע אויטאָריטעט פון דער אַנדע־
רער. דער אויפקומענדער ראָמאַנטיזם האָט באַגעגענט אָפּאָזיציע
ניט נור מצד די אָנהענגער פון טראַדיציע לשם טראַדיציע, נור
אויך אַ ניט וועניגער שטאַרקע אָפּאָזיציע מצד דער פּאָליטישער
אָפּאָזיציע (וועלכע האָט דאָך געזעהן, אַז די יונגע שולע איז ניט

געקומען צו שטיצען קירכליכקייט). דע־וויני דערצעהלט אונז, אַז אין ווינטער פון 1829 האָט ער געפּרעגט בענדזשאַמין קאָנסטאַן, וואָרום דער לינקער פליגעל האָט געוואָרפען אַזאַ אומ'חן אויף דער נייער פּאָעזיע. זיין ענטפער איז געווען: די פּאַרטיי וויל אויסמיידען דעם איינדרוק, אַז אַלע קייטען געהען געבראָכען, זאָלען לכל הפחות בלייבען די לייכטערע, ווייניגער לעסטיגע קייטען — די ליטעראַרישע.

ווען עס האָט אויסגעבראָכען די יולי־רעוואָלוציע און האָט געמאַכט אַ סוף צו דער הערשאַפט פון די בורבאָנען, האָט אויך גענומען אַ סוף דע־וויני'ס טרייהייט צו די אידעען פון דער רעסטאַוראַציע. ער שרייבט:

„איך פיהל מיך גליקליך, וואָס איך האָב פאַרלאָזען די אַרמעע; נאָך דרייצעהן יאָהר שלעכט באַלוינטען דיענסט, קען איך זאָגען, אַז איך בין קוויט מיט די בורבאָנען... איך בין איינמאָל פאַר אַלעמאָל פּטור געוואָרען פון אַ דריקענדען פּאָליטישען אַבערגלויבען".

אויך ביי לאַמאַרטינ'ען האָבען צו יענער צייט זיך באַוויזען סמנים פון פאַרדעכטיגע שטימונגען. ער זינגט נאָך אַלץ זיינע פרומע הימנען, אָבער דער אָרטאָדאָקסישער זשענעווער פּאַסטאָר, ווינע, האָט אַנטדעקט, אַז לאַמאַרטינ'ס פרומקייט איז קריסטענטום בלויז לפנים, אַז אונטער דער קריסטליכער פראַזעאָלאָגיע פאַרשטעקט זיך אַ פּאַנטעאיזם, וואָס איז זעהר ווייט פון אָרטאָדאָקסיע*).

און אויך וויקטאָר הוגאָ, וואָס אורטיילענדיג לויט זיין ערשטען אויפטריט וואָלט מען געקענט מיינען, אַז מיט איהם איז די רעאַקציע זיכערער — אויך וויקטאָר הוגאָ האָט זיך באַלד ארויסגעוויזען — סיי מיט דעם טאָן פון זיינע ליעדער און סיי מיט זייער אינהאַלט — פאַר אַ צווייפעלהאַפטען געווינס.

אין יאָהר 1822, אין דער אָדע „בואָנאַפּאַרטע", האָט ער געשטעמפּעלט נאַפּאָלעאָנ'ען מיט צונעמען: פאַלשער גאָט! שליח פון גיהנום! און נאָך אַזוי שפּעט ווי אין יוני, 1825, אין די „צוויי אינזלען" (קאָרסיקאַ און הייליגע העלענאַ), לאָזט ער די

*) זעה ווינע'ס אינטערעסאַנטע עסעיס וועגען דער מאָדערנער פראַנצויזישער ליריק.

פעלקער נאכשרייען דעם געפאלענעם קייזער אין כאר: „שאנד! שפאט! אומגליק! בראך! נקמה!" — און ער לאזט די קללות קייקלען זיך ווי דונערן, ווי דעם אפקלאנג פון זיין פארשאלטענעם רוהם, פון וואלגא, טיבער, סענא — פון די ווענד פון אל־האמבראַ, פון קבר פון ווענסען (הערצאג ענגינס), פון יפו, פון קרעמל, וואס ער האט געוואלט חרוב מאכען און פון אלע זיינע בלוטיגע שלאכטפעלדער. איצט אין אנדערהאלב יאהר ארום, ציהט הוגא פלוצלונג אן א נייע סטרונע. אין זיין ערשטער אדע „צו דער קאלאנע אויפ'ן וואנדאמער פלאץ", געשריבען אין פעברואר, 1827, ווערט שוין בואנאפארטע נאפאלעאן, און זיין רוהם דער רוהם פון פראנקרייך. די געלעגענהייט פאר דער אדע האט געגעבען פאלגענדער פאל: ביים שליסען דעם שלום פון 1814, האט עסטרייך געפאדערט, אז יענע פראנצויזען, וועמען נאפאלעאן האט באשאנקען מיט טיטלען, וואס זייער מיין שליסט איין דעם באגריף פון הערשאפט איבער אן עסטרייכישען שטאדט אדער פראווינץ — זאלען די טיטלען אוועקווארפען. קעגען יענע טיטלען, וואס דיענען בלויז צו דערמאנען אן די פראנצויזישע נצחונות אין עסטרייך, האבען זיי ניט געהאט וואס אויסצוזעצען. די פראנצויזישע רעגיערונג האט גע'פועל'ט ביי עסטרייך זי זאל דערווייל ניט פארעפענטליכען דעם פונקט פון זייערע פאדערונגען. דער עסטרייכישער אמבאסאדאר אין פאריז, שאנעווענדיג די געפיהלען פון די פראנצויזען, איז געפאלען אויף אזא פלאן: אויף זיינע אפיציעלע אבענדען פלעגט ער זיך שטעלען אזוי נאהנט צו דער טיר, אז פאר די לאקעען איז איבריג געווען צו מעלדען די געסט מיט זייערע טיטלען. דאס איז שוין געווארען א מין מנהג ביי איהם און מען האט זיך נעגענזייטיג פארשפארט אומאנגענעהמליכקייטען. אבער אין אנהויב פון 1827 איז אט דער אמבאסאדאר אפגערופען געווארען, און זיין נאכפאלגער האט באקומען א באפעהל פון וויען צו באשטעהן אויף דער פאדערונג און די פראגע איינמאל פאר אלעמאל צו לעזען. און אט, אויף איינעם פון די אפיציעלע אבענדען פון עסטרייכישען אמבאסאדאר זיינען מארשאל אודינא, הערצאג פון רעגיא, און מארשאל סולט, הערצאג פון דאלמאציען, געמעלדעט געווארען מיט זייערע מיליטערישע טיטלען און פאמיליען־נעמען,

אַבער אָהן די הערצאָג־טיטלען. די צוויי מארשאַלען האָבען גלייך פארלאָזען דעם זאַל. עס איז געקומען צו א גרויסען סקאַנדאַל, וואָס האָט פיעל בייז בלוט פארשאפט. אזוי ווי די צוויי זיינען זעהר אָנגענומען געווען ביים הויף, האָט די ראָיאַליסטישע פארטיי שטארק זיך גענומען צום הארצען די באַליידיגונג און זייער עהרע איז געוואָרען די עהרע פון פראַנקרייך.

וויקטאָר הוגאָ, וועלכער איז ווי באַשאַפען געווען אויפצו־כאַפען און אויסצודריקען די הערשענדע שטימונג, האָט דער ער־שטער דערשפירט די נייע באַוועגונג אין די געמיטער, וואָס האָט נעדארפט אין א פאָר יאָהר אַרום פארוואַנדלען נאַפּאָלעאָנ'ען אין א לעגענדארישען און נאַציאָנאַלען העלד, און גלייך, אין דער אָדע „צו דער קאָלאָנע אויף וואַנדאמער פּלאַץ”, שטעלט ער זיך אין דיענסט פון די גרויסע זכרונות פון דער אימפעריע. די קאָלאָנע, געגאָסען פון מעטאַל פון די שונאים'ס קאַנאָנען, וואָס האָבען גע־קרעכצט שמעלצענדיג אין טיגעל, רעדט צום פּאָעט אין דער וואַ־כענדיגער שטילקייט פון דער נאַכט, רעדט אין איהר ראָל פון לעצ־טען דענקמאָל, וואָס דערמאָנט די גרויסע אימפעריע און די גרויסע אַרמעע. ער הערט א גערודער קומט פון די בראָנזענע באַטאַליאָ־נען, וואָס באַציערען איהרע זייטען, ער הערט דעם קלאַנג פון די נעמען: ט א ר ע נ ט ו ם, ר ע ג י אָ, ד א ל מ א צ י ע ן, ט ר ע ו ו י ז אָ, זעהט ווי די אָדלערס אויפ'ן פיעדעסטאַל שאַר־פען זייערע שנאָבלען, און ער שפּירט אַרום זיך די אומ־שטערבליכע שאָטענס. ווער דערוועגט זיך צו טראַכטען וועגען אָפּווישען דאָס שטיק געשיכטע פון פראַנקרייך, וואָס איז געשרי־בען אין בלוט מיט די שפּיצען פון שווערטען! ווער דערוועגט זיך צו באַשטרייטען דאָס רעכט פון די אַלטע גענעראַלען אויף צו ירש'ענען נאַפּאָלעאָנ'ס רוהם! ווער דערוועגט זיך אָנצוריהרען די טראָפּעען פון פראַנקרייך! פון יעדען ריהר פינקעלט א בליץ! מיט וואונדערליכען סטיל, מיט קראַפט און געפיהל, דערצעהלט זיך נאַפּאָלעאָנ'ס געשיכטע, איבערגעהענדיג אין א הערויאישע פּאָעמע, און א לעזער מיט א שאַרף אויג וואָלט געקענט פּראָוויזעהן, אז עס וועט ניט אוועק א יאָהר, און הוגאָ (אין זיין ליעד „בונאָבערדי” פון דער זאמלונג „אָריענטאַליען”, דאָס ליעד מיט דער מאָטאָ:

„גרויס ווי די וועלט!") — און הוגאָ האָט אין גאַנצען זיך איבער־געבען צום נאַפּאָלעאָן־קולט. און אזוי ווי באָנאַפּאַרטיזם און לי־בעראַליזם האָבען אין יענע טעג זיך געגרעניצט — זעה בעראַנזשע, אַרמאַנד קאַרעל און היינריך היינע — האָט מען אויך געקאָנט לייכט פאַראויסזעהן, אַז אין אַ פּאָר יאָהר אַרום וועט הוגאָ (אין זיין „ערנאַני") באַצייכנען דעם ראָמאַנטיזם אַלס „ליבעראַליזם אין ליטעראַטור".

14.

שלום

נאָך זיין מיליטערישען טריאומף ווערט שאַטאָבריאַן אויף א באלויזיגענדען אופן ארונטערגעזעצט אַלס מיניסטער. — וואָס האָט ער באצוועקט מיט דער שפּאַנישער מלחמה? — ווערט דער פיהרער פון דער אָנטירעגירונגס פּארטיי. — בייראָן'ס טויט אין גריכענלאַנד רודערט אויף די גאַנצע וועלט. — ענטוזיאַזם פאַר דער ערשטער באפרייאונגס-מלחמה פלאַקערט אויף. — ווי אונזערע העלדען וואַרפען זיך אריין אין מלחמה מיט'ן פּרינציפּ פון אויטאָריטעט.

וואָס אָבער האָט מעהר פון אלץ געדיענט צו דער אויפלעזונג פון דער אויטאָריטעט-שולע איז די געוואלדיגע שטיק נארישקייט, וואָס די בורבאָנען זיינען באגאנגען אין 1824 קעגען דער ליטעראַטור. אויף'ן נידריגסטען אופן האָבען זיי שאַטאָבריאַנ'ען משלח געוועזען פון וויליעל-מיניסטעריום — פונקט אין מאָמענט, ווען ער האָט נאָר וואָס געגעבען א טריאומף די בורבאָנען מיט דער גליקליך פארענדיגטער שפּאַנישער מלחמה. — די מלחמה, וואָס ער אליין האָט גערופען זיין פּאָליטישע „רענע" ד. ה., זיין פּאָליטיש מייסטערווערק. שאַטאָבריאַן, דער מאן וועמען אין א געוויסען זין זיי האָבען געהאט אלץ צו פארדאנקען, דער מאן, וואס האָט געלעגט דעם ווינקעל-שטיין פון דער גאַנצער געביידע — ער איז מיט פאראכטונג אָפּגעווארפען געווארען אן א זייט.*) און די אומדאנקבארקייט פון זיינע קאָלעגען איז געוועזען פונקט אזוי שרייענד, ווי די אומדאנקבארקייט פון הויף, ווייל ער האָט דאָס געמאכט די מיניסטעריומס פון וויליעל און קארביער.**)

גראד יעמאָלט איז זיין פּאָפּולאריטעט צווישען די ראָיאַליס-

---

*) איינצעלהייטען וועגען שאַטאָבריאַנ'ס אַנטלאסונג קען מען געפינען אין „דער קאָנגרעס פון וועראָנאַ", 2—502 און ווייטער, און ביי ביזא—„מעמוארען צו דער געשיכטע פון מיין צייט".

**) „מעמוארען פון קבר", 7, 269 א. וו.

טען געווען אויף איהר הויך, און ניט אומזיסט. ווארים די מלחמה מיט שפאניען, וואס איהם איז געלונגען דורכצוזעצען טראץ דעם ווידערשטאנד פון איירָפּא און דעם אומווילען פון פראנקרייך גופא, האט נעדארפט לויט אלע זייערע חשבונות דינען צו שטאר־קען און חשוב צו מאכען די מאנארכיע פון גאט'ס גנאדען און דער־מיט ארויסהויבען זי פון איהר געפאלענקייט.

דאס הייסט ניט, אז שאטאבריאן איז געווען נאאיוו גענוג צו גלויבען, אז פערדינאנד פון שפאניען, פאר וועמען די פראנצוי־זישע טרופען האבען געדארפט פארגיסען זייער בלוט, האט עס פאר־דינט, מען זאל איהם צוריק ארויפזעצען אויף א טראן, וואס זיין אייגען פאלק האט איהם געהאלטען פאר אומווירדיג צו פארנעמען. שאטאבריאן האט אויף פערדינאנד'ען קיין כבוד ניט געלעגט. ער רופט איהם ניט־קיין־ווארט־האלטער, ער רופט איהם פאררעטער; ער רופט איהם טיראן, וואס לאזט זיך פיהרען פון די קאפריזען פון זיינע קרובות, איינער פון יענע טיראנען, וואס קענען ניט רו־הען ביז זיי טוען ניט אפ א ווילדען אקט, און דערנאך ציטערן זיי: סטייטש, וואס האבען זיי דא אפגעטאן!

שאטאבריאנ'ס טעמים פאר דער מלחמה זיינען אזעלכע גע־ווען: ער האט געוואוסט, אז פראנקרייך איז פארפלייצט מיט באַ־נאפּארטיסטישע און רעפובליקאנישע פארשווערונגען, וואס האבען זיך ארייננעכאפט אפילו אין ער ארמעע; ער האט געוואוסט, אז עס הערשט אלגעמיינע אומצופרידענהייט מיט דער רעסטאור־רירטער מאנארכיע — האט ער באשלאסען, טרויענדיג דער פריינד־שאפט פון צאר אלעקסאנדער, ניט צו מאכען זיך וויסענדיג וואס קאנינג פראטעסטירט און מעטערניך ראט ניט, און אלץ צו שטעלען אין קאן. א זיעג — און ער האט געגלויבט אין א זיעג — מיינט א סוף צו אלע פארשווערונגען, די פאראייניגונג פון אלע פאר־טייען אונטער דער וויסער פאהן און די באפעסטיגונג פון די בורבאנען אויף די פאמיליען־טראנען פון שפאניען און פראנקרייך. א זיעג — צוליעב די אינערליכע רייסערייען אין שפאניען גופא — קען זיך געבען לייכט (דאס האט ער געטראפען) — און דער לוין וועט זיין גרויס: די פראנצויזען וועלען דערזעהן פאר זיך א בילד, וואס זיי האבען שוין לאנג ניט געזעהן: דער דריי־קאלירטער

פלאַג וועט אראָפּנידערן און זיך בוקען פאַר דעם ווייסען פלאַג; די פראַנצויזען וועלען דערהערען בשורות, וואָס זיי האָבען ניט געהערט זייט די גלענצענדע טעג פון נאַפּאָלעאָנ'ען — בשורות וועגען נצחונות, געוואונען מיט פראַנקרייך'ס וואפען, געוואונען אין א לאַנד, וואָס אפילו דער גרויסער אימפּעראַטאָר האָט ניט גע־קענט אין גאַנצען אונטערטעניג מאַכען. און דאָס מיינט „נייע לאָרבער־קרענץ פאַר דער משפחה פון היילינגען לואי", ווי שאַ־טאָבריאַן האָט זיך אויסגעדריקט, און אויך נייע לאָרבער־קרענץ פאַר זיין אויסערן־מיניסטער—וואָס דאָס פלעגט ער קיינמאָל ניט ארויסלאָזען פון חשבון *).

ווי מיר ווייסען, איז דער פראַנצויזישער ארמעע, אונטער דער אויבער־קאָמאַנדע פון הערצאָג אַנגולעם, דעם קאַנדידאַט אויף יורש־עצר, געלונגען כמעט אָהן בלוט־פארגיסונג צו באפרייען פער־דינאַנד'ען איז קאַדיקס און צו ברייגנען איהם צוריק אין מאַדריד. פערדינאַנד האָט גלייך אָנגעשריבען א דאַנק־בריעף צו לואי דעם 18טען. לואי'ס ענטפער איז געשריבען פון שאַטאָבריאַנ'ען; און עס איז אינטערעסאַנט צו פארגלייכען איהם מיט פּאָול לואי קוריע'ס אויסגעקלערטען בריעף פון לואי צו פערדינאַנד'ען: שאַטאָבריאַן בעט זיך רחמים ביים שפּאַנישען קעניג ער זאָל זעהן למען השם זיך צוריקהאַלטען פון מוטוויליגע האַנדלונגען, ווייל — „אַנשטאָט צו פארשטאַרקען די מאַכט פון קעניג, שוואַכען זיי נור אָפּ" — א גוטע עצה פאַר פערדינאַנד'ען, וועלכער האָט אפילו ניט געטראַכט צו פאָלגען איהר.

שיכור פון פרייד, איבער דעם שפּאַנישען טריאומף, האָט דער הויף אין גאַנצען פארגעסען אָן דעם מאַן, וועלכער האָט געדאַרפט זיין דער הויפּט־מחותן אויף דער שמחה. דער אויפּטו איז דאָך געווען שאַטאָבריאַנ'ס. אָבער שאַטאָבריאַן איז קיין ליעבלינג ניט געווען. ווען עס האָט זיך דערהאַלטען די בשורה פון פערדינאַנד'ס באפרייאונג און שאַטאָבריאַן איז געקומען גראַטולירען די הער־צאָגין אַנגולעם מיט איהר מאַנ'ס ערפאָלג, האָט זי אפילו מיט קיין וואָרט איהם ניט אָפּגעענטפערט. די צוויי הויפּט־מיניסטאָרען,

---

*) שאַטאָבריאַן—„דער קאָנגרעס פון וועראָנאַ", 1—20; 2—528.

ווילעל און קארביער האָבען איהם ניט פארגונען; זיי האָבען איהם חושד געווען, אז ער קוואָפּעט זיך אויף זייערע פּלעצער, וואָס דאָס איז איהם גאָרניט איינגעפאלען. אָבער זיי האָבען איהם גע־האַט צו־פיעל צו פארדאנקען, זיי זאָלען עס איהם קענען מוחל זיין.

דער הויף און דער קאבינעט האָבען זיך געגעבען הענד און געפּלאָנעוועט שאַטאָבריאַנ׳ס פאַל. דעם 5טען יוני פון 1824, האַט קאָרביער איהם איבערגעריסען אין מיטען אַ רעדע פאַר דער קאַמער, כדי ניט צו דערלאָזען איהם אָפּהאַלטען אַן אָראַטאָרישען זיעג קורץ פאַר זיין דערנידריגונג דורכ׳ן קעניג. און ווען ער איז אויף מאָרגען, נאָך אַלץ גאָרנישט פאַרדעכטיגענדיג, געקומען אין טיולערי־פּאַלאַץ מיט אַ וויזיט צום קעניג׳ס ברודער, האָט ער ערשט פון אַ פראַזע, וואָס אַן אַדיוטאַנט האָט איהם צוגעוואָרפען:—„מאָסיע גראַף, איך האָב מיך ניט גערעכט אייך דאָ צו טרעפען. האָט איהר נאָך גאָרנישט ניט באַקומען?״ — און פון דעם טאָן, ווי די פראַזע איז אַרויסגערעדט געוואָרען, האָט ער ערשט זיך אָנגעשטויסען, וואו עס האַלט מיט איהם. באַלד נאָכדעם האָט איהם זיין סעק־רעטער געבראַכט אַ קעניגליכען „אָרדאָנאַנץ״, וואָס האָט קורץ, פאָרמעל, אין צוועלף טרוקענע שורות, איהם געלאָזט וויסען, אַז ער איז באַפרייט פון זיין פּאָסטען. וואָס איז דער חידוש, אַז ער האָט זיך דערפיהלט פאַרוואונדעט ביז׳ןביין פון דעם טאָן פון דעם בריעף און פון דעם אופן פון זיין אַנטלאַסונג *). דערצעהל־ענדיג שפּעטער, ווי ווילעל האָט געפּרובט זיך אַנטשולדיגען פאַר איהם — אַז דער בריעף איז צופעליג איהם ניט צוגעשטעלט גע־וואָרען אין צייט, און ווען ניט די פאַרשפּעטיגונג, וואָלט די באַ־ליידיגענדע סצענע אין פּאַלאַץ ניט פאָרגעקומען — באַמערקט דער־צו שאַטאָבריאַן מיט רעכט — „אַז אַ מאַן פון אַ הויכער פּאָזיציע שרייבט מען ניט קיין בריעף, וואָס מען וואָלט זיך געדאַרפט שעה־מען צו שרייבען אַ לאַקיי, וואָס מען וואַרפט איהם פון הויז אַרויס״.

קריסטליכע עניוות איז ניט געווען פון די גרונד־שטריכען פון שאַטאָבריאַנ׳ס כאַראַקטער; ער האָט ניט אונטערגעשטעלט זיין רעכטע באַק, ווען מען האָט איהם אַ פּאַטש געטאָן אין דער ליג־

*) „דער קאָנגרעס פון וועראָנאַ״, 2—508-528.

קער. ער האָט דערצו צו זאָגען: „מיין טרייהייט און גינציגקייט פאַר אַזוי פיעל יאָהר האָט אפשר פּאָרט פאַרדיענט, מען זאָל דער־מיט זיך רעכענען. איך האָב ניט געקענט אין גאַנצען פאַרגעסען, אַז איך בין געוועזן דער אויפריכטער פון רעליגיע, דער פאַרפאַסער פון „זשעני פון קריסטענטום".

דער אויפריכטער פון רעליגיע האָט זיך ניט געפיהלט פאַר־פליכטעט צו האַנדלען אין גייסט פון קריסטענטום. ער זאָגט נאַ־איוו: „עס וואָלט גלייכער געווען, ווען איך וואָלט ארויסגעוויזען אַן עניוות'דיגערן, הכנעה'דיגערן, קריסטליכערן גייסט. צום אומ־גליק בין איך ניט אָהן חסרונות, איך האָב נאָך ניט דערגרייכט יענעם שטאַפּעל פון פאָלקאָמענהייט, וואָס דאָס עוואַנגעליזם רעקאָ־מענדירט. ווען מיין שונא וואָלט מיר דערלאַנגט אַ פּראַסק, וואָלט איך ניט אומגעדרעהט דעם קאָפּ און אונטערגעשטעלט די אַנדער באַק. ווען ער וואָלט געווען אַן אונטערטאַן, וואָלט איך גענומען זיין לעבען, אָדער ער מיין לעבען; ווען ער וואָלט געווען אַ קעניג..."

דער זאַץ איז ניט געענדיגט, ווייל שאַטאָבריאַנ'ס ווייטער־דיגע אויפפיהרונג מאכט עס איבערפליסיג. ער איז אָפען אריבער צו דער אָפּאָזיציע — און זאָל דאָ באַמערקט זיין — צו דער עקסט־רעמער אָפּאָזיציע. דאָס איז אַלעמאָל זיין מיינונג געווען, אַז אויב שוין יאָ אָפּאָזיציע, דאַרף עס זיין ראַדיקאַלע אָפּאָזיציע, די איינציגע קלוגע זאַך אונטער אַ רעפּרעזענטאַטיווער רעגיערונג. ווענינגער דערפון איז ווערטלאָז.

גלייך אויף מאָרגען נאָך זיין פאַל איז ער אויפגענומען גע־וואָרען מיט אָפענע ארמס פון דער גאַנצער אַנטי־רעגיערונגס־פּאַרטיי. אַן אַרטיקעל פון בערטען אין זשוראַל „דע־דעבאַ", האָט אָנגעזאָגט, אַז שאַטאָבריאַן איז געוואָרען דער פיהרער פון דער פּאַרטיי. אין גיכען איז ער געוואָרען דער פּאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג.

די גאַנצע סעראַפימיסטישע שולע (די שרפים־שולע—דאָס איז דער נאָמען געווען פון דער פרומער פּאָעטישער שולע, וואָס שאַטאָבריאַן איז איהר גרינדער געווען), האָט באַלד איהם נאָכ־געפאָלגט. לאַפּאיעט האָט איהם אריינגעשיקט אַ לאָרבער־בלאַט.

קאָנסטאַן האָט איהם גע'חנפ'עט. ער האָט זיך גענומען חבר'ן מיט בעראַנזשע, וועלכער האָט איהם קאָמפּלימענטירט מיט אַ ליעד. צווייַ סטראָפען פון ליעד לייענען זיך אַזוי:

„זיין רעדנער־קונסט האָט געגעבען נדבות צו די קעניגע־קבצנים; וואָס מעהר מאַכט דער פאַרשווענדערישער מכשף האָט געזעהן אויפ'ן אַלטען טראָן, מיט אַלץ מעהר בלומען און ברי־ליאַנטען האָט ער זיי באַשאָטען —

„אָבער ער האָט גוט געהאַט אין זינען אויך אונזער רעכט. נור משוגעים האָבען געקענט רעדען: לאָמיר פאַרטרייבען דעם מענשען און פאַרלעשען זיין רוהם, ווי מען לעשט אַ פאַקעל אין מיטען העלען טאָג".

וויקטאָר הוגאָ האָט איהם געווידמעט אַ טרייסט־ און לויב־געזאַנג (בוך 3, אָדע 2), וואו מיר באַגעגענען אַזעלכע פראַגען: איז אַ הויף אַ פּלאַץ פאַר דיר? און: וואָס קען זיין שעהנער פון אַ לאָרבער־בוים, וואָס איז געטראָפען פון אַ בליץ?

שאַטאָבריאַנ'ס אַפּפאַלען איז געווען אַ פאַטאַלער קלאַפּ פאַר דער מאָנאַרכיע פון גאָט'ס גנאַדען. כל־זמן די אילוזיעס פון רעסטאַוו־ראַציע האָבען אָנגעהאַלטען, זיינען די פּאָעטען פון פראַנקרייך גע־ווען קריסטליך־הימליש־סעראַפימיסטיש, עמנואל'יסטיש — און האָבען געזעהן איבער יעדער וויעג און איבער יעדער טרונע אַ מלאך־באַשיצער. צוזאַמען מיט שאַטאָבריאַנ'ס אילוזיעס זיינען אויך צעבלאָזען געוואָרען די אילוזיעס פון אַלע איבריגע, און די עמנואל'־יסטישע שולע האָט אָפּגעטראָטען דעם פּלאַץ אַ שולע, וואָס האָט פון סאַוטי געקראָגען דעם נאָמען סאַטאַניסטישע, אַ נאָמען וואָס זי האָט מיט פאַרגניגען אָנגענומען — אַ שולע מיט אַ שאַרפען אויג פאַר דאָס בייזע און גרויליכע, מיט אַ פינסטערן בליק אויפ'ן לעבען, מיט אַ דראַנג צו מרידה.

אָבער בעת די מוחות אין פראַנקרייך זיינען נאָך פאַרנומען געווען מיט אָט דער וויכטיגער, אומגעריכטער פּאַסירונג, איז די גאַנצע וועלט אויפגערודערט געוואָרען פון נאָך אַ וויכטיגערער פּאַסירונג — בייראָנ'ס טויט אין גריכענלאַנד.

די ידיעה וועגן בייראָנ׳ס טויט האָט נאָך מעהר אויפגעפלאַקערט דעם ענטוזיאַזם פאַר דער ערשטער באַפרייאונגס-מלחמה זייט די יאָהרען פון דער רעוואָלוציע. אַ נייער אידעאַל האָט אויפגעלויכטען פאַר׳ן מענשליכען גייסט. מיט נאַפּאָלעאָנ׳ען איז אָפּגעשטאָרבען די רוהמרייכע טאַט. די העלדען פון גבורה זיינען פאַר אַ צייט פאַרשוואונדען פון דער ערד. התלהבות איז ווי פאַר׳יתומ׳ט געוואָרען אָדער, באַנוצענדיג זיך מיט אַ פרעמדען אויסדרוק, זי איז געגליכען געוועזן צו אַ פּיעדעסטאַל, וואָס האָט אָנגעוואָרען זיין סטאַטוע. בייראָן מיט זיינע פאַנטאַסטיש-פּרעכטיגע העלדען האָט פאַרנומען דעם ליידיג-געוואָרענעם פּלאַץ. נאַפּאָלעאָן האָט פאַרביטען ווערטהערן, רענע און פויסט׳ען; בייראָנ׳ס פּראָמעטעאישע און פאַרצווייפעלטע העלדען האָבען פאַרביטען נאַפּאָלעאָנ׳ען. בייראָן האָט וואונדערליך האַרמאָנירט מיט דעם גייסט און שטרעבען פון זיין צייט. די אָרטאָדאָקסישע רעכטגלויביגקייט האָט אין אָנהויב פון יאָהרהונדערט געדריקט דעם רעוואָלוציאָנערען פרייען געדאנק; איצט איז די רייה געקומען פאַר דער אָרטאָדאָקסיע אונטערגעגראָבען און פאַרעלטערט צו ווערן. דאָס איז געוועזן אַ מאָמענט, וואו קיין ראַדיקאַלער אומגלויבען און קיין ראַדיקאַלער גלויבען האָבען קיין קיום ניט געקענט האָבען. איז געבליבען ספק, ספק לשם ספק — פּ אָ ע ט י ש ע ר ראַדיקאַליזם, די טויזענד פּיינליכע און אומרוהיגע פראַגען וועגען דעם צוועק און ווערט פון מענשליכען לעבען. דאָס זיינען געוועזן די פראַגען, וואָס בייראָן האָט געפרעגט.

אָבער ער האָט זיי ניט געפרעגט אין גלייכגילטיגקייט. דאָס איז געוועזן דער גייסט פון מרידה, וואָס האָט געפרעגט מיט זיין קול, און אָט דער קול האָט דעם יונגען דור פון אַלע לענדער פאַראייניגט אין איין קאָסמאָפּאָליטישע ברודערשאַפט, זיי האָבען צענויפגעגאָסען זייערע קולות אין איין געשריי:

. . . . revolution

Alone can save the world from hell's pollution.

(נור די רעוואָלוציע קען ראַטעווען די וועלט פון גיהנום-אומצוכט).

זיין טויט האָט אפשר מעהר אויפגעטאָן פאַר דער אידעע פון פרייהייט, ווי זיין לעבען. די רעסטאַווירטע מאָנאַרכיע פון גאָט׳ס

גנאַדען האָט געבראַכט די געזעלשאַפט צום נידריגסטען שטאַפּעל פון גלויביגער אונטערוואַרפענקייט צו אויטאָריטעט, פון שקלאַפּי־שער אונטערוואַרפענקייט צו טעאָלאָגיע, פון הכנעה׳דיגער אונ־טערוואַרפענקייט צו מאַכט — צום נידריגסטען שטאַפּעל פון אָפּ־געלאָזענקייט און צביעות. יענע מאַנאַרכיע איז געווען דורכגע־פוילט ביז׳ן מאַרך פון די ביינער, אָבער פון דרויסען געשטיצט דורך אַבערגלויבען און באַיאָנעטען. דער ענגלישער, ראַדיקאַלער פילאָזאָף בענטאַם, ניט קענענדיג צוזעהן, ווי די רעאַקציע זיעגט אַפילו אין ענגלאַנד, האָט געפּרובט זי אונטערגראָבען, אַפּעלירענ־דיג צו די מענשליכע אינטערעסען. בייראָן האָט לויז גע־לאָזען די ליידענשאַפטען. זיין אַטאַקע איז ניט גע־צילעוועט געווען צו וועלכען עס איז באַשטימטען פּונקט. זיין כונה איז געווען צו רעוואָלוציאָניזירען די מענשליכע מוחות, אויפ־צוואַועקען אין זיי דעם זין פאַר טיראַניי.

די פּאָליטיקער פון דער „הייליגער אַליאַנץ" האָבען שוין געגלויבט, אַז זיי האָבען געשמידט דעם גייסט פון רעוואָלוציע אין אייביגע קייטען, אַז זיי האָבען איינמאָל פאַר אַלעמאָל צעריסען דעם קנופּ, וואָס האָט באַהעפט דעם 19טען יאָהרהונדערט מיט׳ן 18טען. „איז געקומען דער איין מאַן, און האָט ווידער פאַרבונדען דעם קנופּ, וואָס אַ מיליאָן סאָלדאַטען האָבען דורכגעהאַקט. דער אַמעריקאַ־נישער רעפּובליקאַניזם, דער אַנגלאָ־זאַקסישער ראַדיקאַליזם — ווי זיי אַלע וואָלטען שותפות געמאַכט אין דעם איין גייסט. נאָכדעם ווי די רעוואָלוציע איז אונטערדריקט געוואָרען, די פּרעסע איינגע־צוימט און די וויסענשאַפט אַריינגענאַרט אין געהאָרכזאַמקייט, איז אָט דער זוהן פון פאַנטאַזיע, דער הפקר־פּאָעט, אַרויסגעטראָטען פאָראויס, וואו די סכנה איז אַם גרעסטען געווען און האָט גערופען אַלע מענליכע גייסטער צו די וואָפען קעגען דעם אַלגעמיינעם שונא*). די רעסטאַווירטע מאָנאַרכיע האָט אייגענטליך איהם ניט אי־בערגעלעבט. דער אויטאָריטעט־פּרינציפּ האָט קיין ביטערערן שונא ניט געהאַט.

אין ליטעראַטור הויבט זיך די פראַנצויזישע רעאַקציע אָן

*) גערוויינוס — „געשיכטע פון 19טען יאָהרהונדערט", 8—172.

אין נאָמען פון געפיהל מיט מאַדאַם דע־סטאַל און דער גאַנצער גרופּע שריפטשטעלער, וואָס זיינען אָן איהר אָנגעשלאָסען; אין דער געזעלשאַפט הויבט זי זיך אָן אין נאָמען פון אָרדנונג מיט ראָבעספּיער׳ען און די רעוואָלוציאָנערען, וואָס זיינען מיט איהם פאַרבונדען. איין געמיינשאַפטליכען שטריך האָבען זיי ביידע, וואָס אי מאַדאַם דע־סטאַל אי ראָבעספּיער זיינען געווען תלמידים פון רוסאָ. נאָך דער רעאַקציע קעגען וואָלטער׳ן קומט די רע־אַקציע קעגען רוסאָ; נאָך דעם יום־טוב לכבוד דעם העכסטען וועזען קומט דער פּייערליכער „טע־דעאום" און „נאָטר־דאַם"; נאָך מאַדאַם דע־סטאַל — באָנאַלד. דער פּרינציפּ פון געפיהל ווערט ארויסגעפּרעסט, אָדער ווי אין די שריפטען פון שאַטאָבריאַן, גע־שטעלט אין דיענסט פון אויטאָריטעט; דער פּרינציפּ פון אָרד־נונג גיסט זיך צענויף מיט דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, און דער לעצטער קריגט באַלד דעם קאָנטראָל איבער יעדען געביט פון לע־בען און ליטעראַטור. דער פּרינציפּ איז ווי פּערזאָניפיצירט אין דער ערשטער גרופּע רעאַקציאָנערען, וואָס ווערט אָנגעפיהרט פון זשאָזעף דע־מעסטר און באָנאַלד. ער האָט זיין עפּאָס אין „די מאַרטירער", וואו די אידעע פון אָרדנונג הערשט איבער אַלע באַ-שרייבונגען פון הימעל, העל און צייטענווייז אפילו פון ערדישע לאַנדשאַפטען. דער פּרינציפּ האָט זיין פּאָליטישען מאָנומענט אין דער „הייליגער אַליאַנץ". דאָס איבערנאַטירליכע שטויסט אומע־טום ארויס דאָס נאַטירליכע. מיר האָבען ניט נור סעראַפימיסטישען עפּאָס, נור אויך סעראַפימיסטישע ליריק, סעראַפימיסטישע ליעבע, סעראַפימיסטישע וואַנדערונגען צו די הייליגע פּלעצער און סע־ראַפימיסטישע נבואה און וויזיאָנען.

אין קיין לאַנד האָט מען ניט געדיענט מיט אַזוי פיעל דרך ארץ און עהרפורכט צום פּרינציפּ פון אויטאָריטעט אין ליטעראַטור, בנוגע סטיל און פאָרמע, ווי אין פראַנקרייך. אַ נייע ליטע־ראַרישע שולע, און אָנגעהויבען האָט זי מיט פּראָקלאַמירען די אויטאָריטעט פון די אַלטע ליטעראַרישע טראַדיציעס. אָבער צום אומגליק פון דעם אויטאָריטעט־פּרינציפּ, האָט זיך באַלד ארויסגעשטעלט, אַז די ניי־איינגעפיהרטע סוזשעטען — די קריסט־ליכע טראַדיציעס, — זיינען אין שאַרפען ווידערשפּרוך מיט די

טראַדיציאָנעלע ליטעראַרישע פאָרמען — און אויטאָריטעט האָט זיך אַ וואַקעל געטאָן.

אין עהנליכער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אויף אַן אַנדער געביט. די דאָמע, אין וועמענס מוח עס איז געבאָרען געוואָרען די אידעע פון דער „הייליגער אליאַנץ", האָט די פולע סימפּאַטיע און רעספּעקט פון די הערשער, כל זמן עס דוכט זיך זיי, אַז איהרע פּרינציפּען פּאַלען פּאַלשטענדיג צענויף מיט זייערע; אָבער קוים אַנטדעקען זיי, אַז די קריסטליכע טראַדיציע קען אויך באַאונרוהיגען די געמיטער מיט פראַגען בנוגע אויטאָריטעט, פיהלען זיי זיך געצוואונגען צו צעברעכען דאָס געצייג, מיט וועלכען זיי האָבען זיך נור־וואָס באַנוצט; זייט דעמאָלט ווערט די אידעע פון דער פאַרבריידערונג פון דער מענשהייט באַטראַכט פון זיי אַלס דער קוואַל פון רעבעלישע געפיהלען און תורות, וואָס גראָבען אונטער אויטאָריטעט.

קיין איין פּאַרפאַסער פון דער גאַנצער עפּאָכע האָט מיט אַזאַ אויסגעהאַלטענקייט, פעסטקייט און אַנטשלאָסענהייט ניט פּראָקלאַמירט און פאַרטיידיגט דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, ווי לאַמענע; אָבער אויך ביי איהם האָט זיך באַלד ארויסגעשטעלט, אַז אונטער זיין לעהרע וועגען דעם סוּאווערעניטעט פון דער מענשליכער פאַרנונפט פאַרשטעקט זיך די רעוואָלוציאָנערע לעהרע וועגען דער סוּאווערעניטעט פון פאָלק; דער פּרינציפּ, אַזוי צו זאָגען, טוט זיך אַליין אָן אַ מיתה.

גלייכצייטיג זיינען די שונאים פון פּרעסע־פרייהייט געצוואונגען אַליין צו באַנוצען זיך מיט דער דאָזיגער פרייהייט פאַר זייערע אייגענע צוועקען, און די שונאים פון פּאַרלאַמענטאַרישער רעגיערונג מוזען נעבאַך אָנקומען צו פּאַרלאַמענטאַרישע כלי־זין, כדי צו שטירצען אַ מיניסטעריום, וואָס דערלאָזט זיי ניט צום רעגיערונגס־רודער. און באַלד זעהען מיר, ווי די אַלע פּערסאָנאַזשען, וואָס זיינען פאַר אונזערע אויגען ארויסגעטראָטען אויף דער סצענע אַלס ריטער פון אויטאָריטעט — פון שאַטאָבריאַן ביז מאַדאַם קרידענער, פון וויקטאָר הוגאָ ביז לאַמענע — וואַרפען זיך אין מלחמה אַריין מיט דיזעלבע מאַכט־האָבער, פאַר וועלכע זיי האָבען זיך איינ־

געשטעלט מיט אַזאַ ברען אין אָנהויב פון זייער קאַריערע; זיי
וואַרפען זיך אין מלחמה אַריין מיט דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט,
וואָס האָט זיי באַהערשט און זייער עפּאָכע, און די מלחמה צע־
פלאַקערט זיך איבער דער גאַנצער ליניע.

און דער פּרינציפּ פאַלט, קיינמאָל מעהר ניט אויפצושטעהן.

סוף.